בשעת ר׳ דוד משה דער אלטער טשארטקאווער איז געוואָרען שבעים
איז ר׳ יידעל מלמד פון צפת (דער פאטער פון ר׳ אייזיק בראנשטיין)
געווען אין טשארטקאוו.

האט ער דערציילט פאר דעם טשארטקאווער אז דער ריזשינער
האט אמאל געזאגט אז זיינס א קינד וועט דערלייבען צו
זיין 70 יאר אלט וועט זיין גאולת משיח.

אז דער טשארטקאווער האט דאס דערהערט האט ער אים
ערומגענומען: דער השם יתברך זאל זיך מתרחם זיין!

י.פ.

אייזיק בראנשטיין
(ישראל)

חיילע — ר׳ מאיר פרעמישלאנער׳ס טאכטער האט געוווינט אין ~~יאס~~ שאץ.

איינמאל איז ר׳ יידעל מלמד פון צפת (דער פאטער פון ר׳ אייזיק בראנשטיין) געווארען קראנק און ~~די~~ חיילע האט אים געהיילט. אז עס [איז] אים בעסער געווארען האט ער איר געבעטען צו די פאלגענדע מעשה וואס מען דערצעלט פון איר פאטער איז אמת אדער נישט.

ר׳ מאיר איז אמאל געקומען קיין סאדאגארא צום ריזשינער. די גבאים האבען זיך נישט געמאכט וויסענדיג און האבען אים געלאסטווארטען. דער ריזשינער האט דאס דערפילט און אים באלד געלאזט צו זיך אים חדר אריינקומען — אין זיי האבען פאר-בראכט עטלעכע שעה צוזאמען.

אז ער איז ארויס האט זיך ר׳ מאיר אנגערופען:
מאיר דארף נישט דעם ריזשינער. ער איז אזוי גרויס ווי דער ריזשינער! אבער איך בין געקומען זען א ספר תורה וואס זינט ער איס ארויס פון דער מוטערס בויך איז קיין פגם נישט [אין] אים דא.

האט חיילע געזאגט דאס זי האט אליין געהערט דאס ר׳ מאיר האט נאכגעציילט די מעשה דריי מאל.

י.פ.                                        אייזיק בראנשטיין
(ישראל)

א פרוי איז געקומען צום בעשט בעטען א נדבה און געהאלטען א קינד אין דער האנד. האט דער בעשט זי געבעטען זי זאל אים פארקויפען דאס קינד און זאל בלייבען זיין {(דעם בעשט)} [דעם בעשט׳ס] קינד. האט זי נישט געוואלט ווייל זי האט געטענ׳עט דאס דאס קינד איז איר פרנסה — ווייל אז מען זעט זי מיט דעם קינד אין דער האנד האט מען רחמנות אויף איר.

האט דער בעשט איר אנגעבאטען א צימער ביי זיך אין דער שטוב און הלבשה אבי זי זאל דאס קינד ביי אים לאזען. האט זי ג איינגעשטימט אבער געזאגט דאס דאפאר וועל זי וואשען די פאדלאציע. — ניין האט איר דער בעש״ט געענטפערט — נאר בדרך כבוד וויל איך מיט אייער קינד זאלען בלייבען ביי מיר.

דער בעשט האט אויפגעהאדעוועט דאס קינד — ער איז געוואקסען שטארק  אין לערנען — מען האט אים געהאלטען פאר אן עלוי. די וועלט האט אים גערופען דעם בעשט׳ס קינד.

צו דער בר מצווה פונ׳ם קינד איז געקומען די גאנצער וועלט. גבירים, רבנים האבען זיך אזש געשלאגען איבער אים און מען האט אנגעטראגען דעם בעשט די שענסטע און רייכסטע שידוכים — אבער דער בעשט האט געזאגט אז ער האלט יעצט נאך נישט אין שידוכים פאר דעם קינד.

אז די אורחים זענען זיך צו פארען האט דער בעשט איינגערופען ר׳ וואלף קיצית אין אים געהייסען פארען אין א דארף וואו עס וואוינט א מלמד מיט פינף גאר מאוסע טעכטער און זאל טוען א שידוך מיט דער עלסטער טאכטער. אויך האט ער אים געהייסען זיך מתחייב זיין מיט נדן, חתונה קליידער פאר דער חתן כלה אין אויך פאר דער גאנצער משפחה.

ר׳ וואלף קיצית איז געקומען צו דעם מלמד מיט זיין שליחות —

האט דער מלמד אנגעהויבען צו וויינען – נישט גענוג איך בין
א קבצן מיט 5 מוידען חתונה צו מאכען – קומט איר נאך מאכען
חוזק פון מיר. אבער אז ר׳ וואלף האט אים איבערצייגט דאס ער
מיינט ערנסט – האט ער מסכים געווען – אז דער בעשט שטייט אן – האט
ער זיך אנגערופען – שטייט מיר אוודאי אן – און מען האט שוין געמאכט א
תקיעת כף. אז ר׳ וואלף האט אבער דערזען די כלה איז אים פינסטער
געווארען פאר די אויגען – זי איז געווען אלט-מאוס. איז ער געווארען
אזוי איבערראשט – דאס האט ער שוין פארגעסען צו אבצושטעלען די
זמן החתונה.

אז ער איז צוריק געקומען צום בעשט האט אים דער בעשט געפרעגט
האסט שוין אבגעשטעלט די זמן חתונה האט ר׳ וואלף קיצית אנגעהויבען
צו וויינען און דערצעלט וואס אן אונגליק עס וואלט געווען אז מען [וועט] דארכגעען
מיט דעם שידוך – אבער דער בעשט האט אים שוין געהייסען צוריק פארען
און אבשטעלען דעם זמן חתונה – האט ר׳ וואלף געפאלגט.

ביי דער חתונה איז געווען א גרויסער-געהויבענער עולם. דער בעשט
איז אליין געגאנגען מקבל פנים זיין די כלה און דעם מחותן און
די שמחה איז געווען אין לשער. דער עולם האט אבער נאר דערזעען
די כלה איז געווארען א גרויס געוויין. דער בעשט האט געהייסען משמח זיין
חתן וכלה אבער דער עולם איז געווען שטארק צוטראגען און אין עצבות.
דריי ~~פאל~~ מאל האט ער געהייסען משמח חתן כלה צו מאכען אבער דער עולם האט נישט
געפאלגט. האט זיך דער בעשט אנגערופען – איך וויס וואס איר זענד אזוי טרויריג
אבער הערט זיך צו דער מעשה וואס איך וועל אייך דערציילען פון דעם יחוס פון
חתן כלה.

אמאל איז געווען א מלך – א גרויסער צורר היהודים וואס ביי אים
אין לאנד האבען נישט געטורט וואוינען קיין יידען. דער מלך האט
געהאט א בן יחיד. איינמאל איז דער בן המלך ארויס אין דער יאגד,
האט ער באמערקט א קליין שטובעל אין וואלד פון וואנעט האט

(2)

געשיינט א גרויס ליכט. האט ער אבגעשאפט זיינע באגלייטער און צו-
געגאנגען צו דעם שטובעל. אזוי ווי ער איס צוגעקומען נאנט — האט זיך
דערהערט אזא זיסע נגינה וואס ער האט נאך נישט געהערט קיינמאל
אין זיין לעבען. אז ער האט אויפגעעפענט די טיר האט ער געזען א זאלדאט
זיצענדיג איבער דער גמרא און זינגט זיך אונטער א ניגון (דאס איז
געווען א ל״ו׳ניק).

האט דער בן מלך געבעטען ער זאל אים אויס לערנען דעם ניגון.
האט דער זאלדאט נישט געוואלט ווייל ער איז א גוי — נאר אז ער וויל דווקא
אויסלערנען מוס ער זיך מלע׳ן. האט דער בן מלך איינגעשטימט
דארויף אין גענעמען אכט טעג חופש פון זיין פאטער אין
זיך צו מלע׳ן. נאכדעם האט ער זיך געזעצט לערנען און איז
געשטיגען מעלה מעלה.

נאך 6 מאנאטען האט דער ל״ו׳ניג זיך אבגעשטעלט און
דעם בן מלך געזאגט דאס ער קען מיט אים ווייטער נישט לערנען
ווייל ער ~~איס~~ לעבט מיט א גויה. האט ער צוגעזאגט אז ער וועט זיך
פורש זיין פון זיין פרוי וואס איז געווען א בת מלך און
איר פאטער איז אויך געווען א צורר יהודים.

זיין פרוי האט דאס דערפילט האט זי אים נישט ~~אבל~~ אבגעלאזט
ביז ער האט איר דערציילט דעם סוד און זי איז אויך געווארען
א יידיש קינד.

דאווייל איז ער שטענדיג געשטיגען אין לערנען ביז דער זאלדאט
האט דערזען דאס ער האט שוין קיין גענוג תורה פאר אים — האט
ער אים געשיקט מיט א בריף צו זיין רבי׳ן. דארטען איז ער אלס
גרעסער געווארען — ביז ער איס געווארען א גדול בישראל.

נאך א צייט איז דער רבי אויך געבליבען שטיין און האט אים
געזאגט דאס ער קען נישט געען ווייטער ווייל ער איס געבוירען א גוי.
וואס דען איז צו טוען — ער זאל געען פון דעם עולם און אויפ׳ס

ניי באשאפען צו ווערען. האט ער באשטאנען דארויף אבער ער האט נאר געוואלט א הבטחה פון זיין רבי׳ן ~~דאס וועט ער~~ עס זאל נישט אים נייען גלגול ארייבפאלען אין א זאלכע הענט וואס זאלען כליא מאכען דאס וואס ער האט שוין אויפגעטון בין יעצט. האט אים זיין רבי צוגעזאגט דאס ער וועט נישט כליא ווערען.

אז ער האט זיך געזעגענט מיט זיין ווייב — האט זי געוואלט נישט אנדערס נאר אויך אוועג פון דעם עולם — אבער ער האט איר גע-מוסט געבען א תקיעת כף — דאס אויף דעם צווייטען גלגול זאל ער זי צוריקנעמען.

האט דער בעש״ט אויסגעפירט: נו יידן ווילט איר מיר יעצט צערטיילען דעם תקיעת כף וואס זיי האבען אליין געמאכט — דאס איז דער בן מלך אין דאס איז ~~דער~~ די בת המלך — זייט משמח דעם חתן כלה!

(די מעשה געהערט פון דעם באהושער רבין)

י.פ.) אייזיק בראנשטיין

נאך דעם הסתלקות פון דעם אבטער רב איז דער סאווראנער רב {געקומען} מנחם אבל געווען דעם זון ר׳ יצחק מאיר.

האט ר׳ יצחק מאיר דערציילט אז עס זענען געווען זמנים אז פאר מנחה האט מען קיינעם נישט אריינגעלאזט צום אבטער רב. דאס – האט ר׳ יצחק מאיר זיך אנגערופין זענען געווען די זמנים וואס דער מגיד (העראונטערגעשיקט משמים אלס מלאך) האט געלערנט מיט דעם הייליקן טאטען.

י.פ) גדלי׳ שווארץ

ר׳ אהרן קארלינער איז געווען דער איידעם פון ר׳ מרדכי קרעמיניצער (דער זון פונ׳ם זלאטשאווער מגיד)

איינמאל איז ר׳ מרדכי קרעמיניצער געזעסען ביי א מלוה מלכה און געזונגען ״אמר ד׳ ליעקב״.

ער האט געהאלטען ר׳ אהרן קארלינער׳ס טאכטער אויף דעם שויס, און האט איר א זאג געטון: איך זאג דיר צו אז דו וועסט האבען א חתן וועט ער זיין א מלך בישראל.

דערנאך האט מען גערעדט דעם שידוך מיט דעם זון פון ריזשינער ר׳ אברהם יעקב (דעם אלטען סאדאגערער). חאטש דער {זיזשינער} [ריזשינער] האט שוין געשפילט די גרויסע ראלע און ר׳ אהרן איז נאך געווען א יונגער מאן האט ר׳ אהרן געטענעט דאס דער שידוך איז מן השמים ווייל דער שווער ר׳ מרדכי קרעמיניצער האט נאך אנגעזאגט דאס זיין טאכטער וועט ווערען א כלה מיט דעם סאדאגארער און דאפאר דארף ~~מען~~ ער נישט געבען קיין נדן.

[בגיליון:] ריזשינער געבוירען אין 1796 ר׳ אהרן אין 1802 ?

אז מען איז געקומען צו שרייבען די תנאים האט ר׳ מאטעלע טשערנאבעלער געהייסען מען זאל נישט שרייבן קיינע טיטולים ווייל דאס קען פירען דאצו דאס מען זאל איינעם אנשרייבען א גרעסערען טיטול ווי דעם אנדערען.

י.פ) גדלי׳ שווארץ

פון די תלמידי הבעשט איז איינער פון די ווייניגע וואס
זענען נישט איבערגעגאנגען צום מגיד איז געווען ר׳ חיים
קראסנער.

זיין מחותן דער וואלישיסקער רב איז יא איבערגעגאנגען.

זאנסט[? דאנסט?] זענען פוסט [? כמעט? פארט?] אלע תלמידים פון דעם בעשט איבערגעגאנגען
צום מגיד

י.פ)　　　　　　　　　　　　　　　　　　　　פנחס לאנדוי

צום אלטען באהאשער איז געקומען א גביר פון רוסלאנד וואס האט געהאט א געוואוקס פון פלייש וואס האט אים נאכגעהאנגען פון דעם בריים פון דעם אויג ביז צו דער באק. ער איז שוין געווען אויס א וועלט פון דאקטוירים און אלע האבען אים געזאגט – דאס דאס געוואקס איס א פיסטעל און אז מען וועט עס אפערירען וועט דאס אויג אים פלאצען.

דער רבי האט אים געהייסען צוקומען צום פענסטער, אנגעטאפט דאס שטיק פלייש און אים געזאגט: דאס איז נישט קיין פיסטעל – נאר א בראדאווקע. איך וועל דיר געבען א בריף צו מיין לייב-דאקטאר טויסיג אין יאסי אז ער זאל דיך אפערירען.

איז דער ייד געפארען קיין יאסי צו דעם דר. טויסיג דער דאקטאר האט אים באקוקט און האט געזאגט: דער ראבינער איס טאקע א גרויסער ראבינער – אבער א דאקטאר בין איך – די דיאגנאזע איז א פיסטעל און עס איס פאראן א געפאר דאס דאס אויג זאל פלאצען.

פארט שוין דער ייד צוריק קיין באהאש און דער רבי זאגט אים דאס דער דאקטאר האט געהאט אן טעות – אז ער זאל נאכאמאל צוריקפארען.

קומט דער ייד צום דאקטאר – זאגט אים דער דאקטאר – אויב די האסט יא אזוי פיל בטחון אין דעם רבין – שרייב דיך אונטער איידער דו מאכסט די אפעראציע דאס דו נעמסט די גאנצע פעראנטווארטליכקייט אויף דיר.

טעלעגראפירט דער ייד נאך באהאש און בעקומט באלד אן ענטפער – אז ער זאל ~~מאכט~~ מאכען די אפעראציע און מעג זיך אונטערשרייבען.

אין מיטען דער אפעראציע רופט זיך אן דער

דאקטאר: דער רבי איז א דאקטאר – נישט איך – דאס אויג איז פאלקאמען געזונד – און די אפערציא איז אין גאנצען געלונגען.

דער ייד וואס האט דער ציילט די מעשה האט געזען דעם גביר – מיט געזונד צווי אויגען.

י.פ)                                                      אייזיק בראנשטיין
(געהערט פון זיין פאטער)

ר׳ ישראל טשארטקאווער האט אבגעשאפט די ממשלה פון
די גבאים – וואס האבען אריינגעלאסט צום רבין די יידן
וואס האבען זיי אונטערגעשמירט מיט א שיינער מטבע.
האט ער איינגעפירט דאס מען זאל געען נאך דער רייע.

י.פ) יוסף וואהרמאן
הוסיאטינער חסיד

דער מלאך האט געלערנט מיט דעם רב נסתר און
דער רב האט געלערנט מיט דעם מלאך נגלה.

(געהערט פון אלטע חסידים)

י.פ)	באיאנער רבי

ר׳ דוד ארטענבערג (דער בערדיטשעווער רב) איז נאך געפארען צום ריזשינער. בשעת זיין פטירה איז ר׳ דוד אלט געווען א 20 יאר.

ער פלעגט זאגען דאס דער ריזשינער האט געהאט א משונה׳נע צורה — אז מען פלעגט אים אנקוקען פלעגט ממש פאלען א פחד. ער האט געהאט א קליינעם בארד.

~~די מים~~ די מומע פייגענו (דעם אלטען סאדאגערער׳ס טאכטער) וואס האט אויך געקענט דעם ריזשינער פלעגט זאגען דאס ~~דעם~~ ר׳ ישראל טשארטקאווער איז געווען ענליך צום ריזשינער-נאר אז דער טשארטקאווער האט געהאט א גרעסערער בארד.

י. פ) באיאנער רבי

בשעת דער ריזשינער איז ארויסגעפארען פון רוסלאנד
האט ער אויף דער גרעניץ זיך אנגערופען:
עס איז א קונסט צו זיין א אפטער רב אדער א
בערדיטשעווער רב – אבער א ריזשינער איז נישט קיין
קונסט ניט. מען זעצט זיך אריין אין א קארעטע
און מען פארט!
(און אנדערע מאל פלעגט ער אויף זיך רעדען זייער גרויס)

י. פ)　　　　　　　　　　　　באיאנער רבי

דער ריזשינער פלעגט זאגען – דאס די {ווינטעיגע} [ווינטערדיגע]
סדרות זענען {איינעוויקעלט} [איינגעוויקלט] אין פערשידענע לבושים –
זיי געען אין פעלצען. (דאס ~~אין א~~ איז אן אנווייז
אויף דעם פאקט דאס אין די סדרות זענען
דא אסך אונפערשטענדליכע געשעענישען – סודות)

י. פ)　　　　　　באיאנער רבי

דער אלטער סאדאגערער, ר׳ אברהם יעקב, האט אמאל געזאגט: דער זייגער שטייט נישט – די צייט רוקט זיך און דאס אויבען שלאפט מען נישט, און אז דער יצר הרע וועט נישט שוואכער פון דער אלטער. (חאטש עס {שטיין} [שטייט] יצר הרע מלך זקן וכסיל)

י. פ) באיאנער רבי

דער שטעפּענעשטער האט אמאל דער ציילט פון די
גרויסקייט פון זיינע ברודער.
דער סאדאגערער וויל און קען
דער לעיאוועער קען אבער ער וויל נישט
דער טשארטקאווער לאזט נישט איבער א מינוט וואס ער איז
נישט דבוק אין השם יתברך
דער הוסיאטינער ~~לענ~~ לערנט זיך אב אלע מדות פון
די ברודער און ער איז אין זיך כולל אלע ברודער.

פרעגט אים א חסיד – און איר אליין?
האט דער שטעפּענעשטער געענפערט. פון מיר
דארף מען נישט רעדען. מיר איז גענוג אז איך
האב אזעלכע ברודער.

י. פ) באיאנער רבי

בשעת דער אלטער שטעפענעשטער איז דאס לעצטע מאל געפארען אין די בעדער האט ער זיך אבגעשטעלט אין סאדאגארע. ווען ער האט זיך {געזעגנעט} [געזעגנט] איז ער געשטאנען מיט איין פוס אויף דער ערד און מיט דעם צווייטען פוס אויף דער קארעטע און האט דערציילט די פאלגענדע מעשה:

בשעת דער אייבערשטער האט געוואלט חרוב מאכען דעם בית המקדש האט קיינער פון די מלאכים נישט געוואלט זיך אונטערנעמען אויף זיך אזא שטיקעל ארבייט. אז עס איז געקומען צום ס״ם האט ער אויך נישט געוואלט — ער האט געטענ׳עט אז לעתיד לבא וועט מען אים דאך דן זיין.

האט דער אייבערשטער אים צוגעזאגט אז ער וועט אים געבען א געהיימען שם און קיינער אויף דער וועלט וועט נישט וויסען פון דעם שם און ביז דער שם וועט נישט אנטפלעגט ווערען וועט ~~נישט~~ די גאולה נישט קענען קומען. נאר דער צדיק פון יעדען דור וועט וויסען דאס דער שם עקסיסטירט אבער זיי האבען נישט געספעהעט צו געווארע ווערען דעם סוד פון דעם שם חאטש זיי האבען געהארעוועט מיט אלע זייערע כוחות אים אויסצוגעפונען.

די ידיעה פון דעם שם איז געגאנגען בירושה פון צדיק צו צדיק. דער ר״י הקדוש האט עס איבערגעגעבען צום בעשט דער בעשט צו דעם מגיד — דער מגיד צום מלאך און דער מלאך צו ר׳ שלום פראהאבישטער.

דער שטעפענעשטער האט ווייטער דער ציילט: וואס האט געטון דער זיידע (ר׳ שלום) — ער האט ביי זיך געפועלט דאס ער זאל זיך חבר׳ן מיט דעם ס״ם. ער האט זיך אנגעטון ״שפראנקעס״ [בגליון:]? (מאדערנע קליידער)] און האט דעם ס״ם געזאגט דאס וואס ער איס א רבי איז נאר א שפיל — אים אמת איז ער פון זיינע חברה לייט — און ער נארט זיי גאר אָב. האט אים ר׳ שלום אמאל געפרעגט אבער וואס

וועט פארט פון אונס ביידע זיין דער תכלית – מען וועט אונס
דאך סוף כל סוף משפט׳ן. האט אים דער ס״ם געענטפערט דאס
ער דארף נישט מורא האבען ער האט ביי זיך אין דער האנד
אזא פארזיכערונג – דעם שם וואס מען קען אים קיינמאל נישט
בייקומען.

דער ס״ם און ר׳ שלום זענען אלס געווארען היימישער ביז
דער ס״ם האט עפעס דערשפירט דאס ער ארבעט זיך עפעס אים
{המעל} [הימעל] {אנטקעגנ} [אנטקעגן] אים. איז ער באלד חושד געוועןר׳ שלום. זעט ער
אבער באלד ווי ר׳ שלום געט אים מארקט און קויפט איין ביי
א גויה אן עוף מיט אייער און האנדעלט מיט איר און גיט איר
געלד – איז ער באלד אראב פון דעם חשד.

דער סוף איז געוועןדאס ער האט אים איבערגעגעבען דעם שם.
אזוי ווי ער האט דאס געטון האט דער ס״ם ~~דעזען~~ דערזען
דאס אים הימעל שיינט זיך שוין א ליכט פון גאולה – האט ער
געוואלט געווארע זיין פון וואנען עס נעמט זיך די סיבה.
האט ער איינגעטיילט די וועלט אויף 8 חלקים און אזוי ארויף איז
ער געפאלען דאס עס מוס שטאמען פון רוסלאנד. רוסלאנד
האט ער איינגעטיילט אויף 8 חלקים און עס אויסגעקומען דאס
די גובערניע ווי פראהאבישט איז.

די גובערניע ווייטער איינגעטיילט און אזוי איינמאל נאך דעם
אנדערען – ביז ער איז געקומען נאך פראהאבישט, דאס געסעל ווי ר׳ שלום
האט געווינט און ביז אויף ר׳ שלום אליין – און האט זיך געוואלט נוקם זיין אויף אים.
אבער ר׳ שלום האט נישט מורא געהאט פאר אים – און האט אים
געענטפערט: איך האב פאר דיר נישט קיין מורא – מיינע קינדער׳ס
נשמות וועלען זיין גרעסער פאר די – און זייערע גופות ~~בין~~ האב איך שוין
מפקיר געוועןלאנג עד ביאת גואל און אויב די גופות וועלען עס נישט אויס האלטען
וועלען זיי קענען פארען אין דיווארם בעדער.

י. פ)

מתתי׳ ספעקטאר
באיאנער חסיד

א ייד האט אן קרעטשמע און אן ארענדע ביי א פריץ און האט
אים געפירט געוויסע רעכנונגען. דער פריץ האט אויך געהאט אן
אויפזייער איבער זיין גוט וואס האט שטארק געוואלט אנטוען דעם יידן
צרות. האט ער געבעטען זיינע מענשען דאס זיי זאלען אויפפאסען
און פרואווען געפינען אויף דעם יידן עברות, און אויב זיי וועלען
געפינען וועל ער זיי שען באלוינען.

האט איינער זיך אונטערגעקוקט ביי נאכט און האט דערזען
ווי דער ייד שרייבט אונטער ~~פאלשע~~ דעם פריץ׳ס חתימה.
דער אויפזייער האט געזען די געלעגענהייט דאס יעצט וועט ער קענען אים
יידן נקמה נעמען – איז ער געלאפען צום פריץ און האט אים
דערציילט דעם יידן׳ס עוולות. דער פריץ האט ~~אים~~ דעם יידן געלאסט
רופען אן האט אים געסטראשעט דאס אויב ער וועט נישט
אבגעבען דאס געלד וואס ער ~~האט דעם יידן~~ באשווינדעלט וועט ער אים לאזן הרגענען.

דער ייד איז געלאפען צום ר׳ פנחס קאריצער און האט
אים דערציילט די גאנצע מעשה. אז דער קאריצער האט
געהערט די מעשה האט ער זיך אבגעדרייט פון אים צום פענסטער
און האט ברוגז געפרעגט: ווי אזוי קען א ייד אזוי מחלל שם זיין –
{מרמא} [מרמה] זיין א גוי.

האט דער ייד געטענ׳עט אז ער איז נישט שולדיג – אז ער איס
השגחה פרטית. וואס איז {השגחת} [השגחה] פרטית? עס האט זיך אים
אזוי געטראפען אז ער זאל אונטער חתמ׳ען דעם פריץ אונטערשריפט.
און דער ייד האט דא ביי דער ציילט א ~~מעשה~~ מאמר פון דעם בעש״ט וואס
האט געזאגט אז א ייד געט אין דרויסען און געפינד א שטרוי
איז עס השגחה {פרטיס} [פרטית] אז ער זאל דאמיט זיין לולקע דארכשטעכן.

האט אים דער קאריצער געפרעגט: און דו גלויבסט תאקי באמת

אז עס איז געווען השגחה פרטית? האט דער ייד געענטפערט:
יא! נו זאגט דער קאריצער – אז דו ביסט אן אמת׳ער מאמין –
פוהר אהיים און אלעס וועט שוין זיין בשלום.

און אזוי איז תאקי געווען. דער אויפזייער האט חרטה באקומען אויף זיינע בלבולים און האט ~~איז~~ גאר געקומען צום יידן בייטען מחילה. דער פריץ האט אויך פארגעסען אויף זיינע {סטאשונקע׳ס} [סטראשונקע׳ס] און דער ייד איז ווייטער געבליבען אויף זיינער ארענדא און קרעטשמא.

י. פ)                                                  ר׳ דוד כהן

איינמאל זענען ר׳ ישראל אייזענשטאדט רב פון ניקאלאיעוו
דער מחבר פון ״עמודי אש״, אין ר׳ מאטעל פרענקעל, רב
אין סמילע געזעסען ביים טיש פון ר׳ יוחנן ראחמאנסטריווקער

האט ר׳ ישראל אייזענשטאדט דער ציילט א מעשה פון דעם
בעש״ט ~~וואס שטייט~~. האט ר׳ יוחנן געטון א שמייכעל.
האט ר׳ ישראל געזאגט: עס שטייט דאך אין ״שבחי בעשט״
האט זיך ר׳ יוחנן אנגערופען: אוי אויף אזא קדוש
ווי דער בעשט זאגט מען אזאלכע ליגען

די מעשה {האר} [האט] ר׳ פנחס לאנדוי אליין געהערט פון ר׳
שלמה זוויניגראדקא – א בערדיטשעווער.

י. פ) פנחס לאנדוי

איינמאל אז די ~~חברותא ביים~~ תלמידים פונ׳ם מגיד ממעזריטש זענען געזעסען און געשמוסט אין לערנען – איז דער מגיד העריינגעקומען אין שטוב העריין אין האט זיי אנגעזאגט אז זיי זאלען נישט פסקנ׳ן קיין שאלות.

באלד דערנאך איז אריינגעקומען א יינגעל מיט א שאלה. די תלמידים האבין זיך מפלפל געווען אין דער שאלה אבער ~~די שאלה האט~~ און זיי וואלטען אוודאי געפסקנ׳ט טריפה. אבער זיי האבען זיך דערמאנט אין דעם מגיד׳ס אונזאג או האבען געשיקט דאס יינגעל צום דַיָן.

איז דער דין צוריקגעקומען און האט געפסקנ׳ט אז די בהמה איז כשר. איז די תלמידים געווען שטארק קשה געווען – פון וואנען האט ער גענעמען די סברה צו פסקנ׳ן כשר. האט ער געענטפערט דאס בשעת ער האט אריינגעקלערט און דער שאלה האט ער נאר געקענט געדענקען א פארוואָרפענעם שיטת הב״ח וואס לויט זיין שיטה האט מען געקענט מאכען כשר די שאלה.

שפעטער האט דער מגיד דערציילט פארוואס ער האט זיי ~~נישט~~ געהייסען נישט צו פסקנען קיינע שאלות דעמולט. עס איז אים געקומען צום חלום א ייד וואס איז שוין לאנג געשטארבען און זיין נשמהווארט אויף א תיקון ~~גלגול תיקון~~. זיין גלגול איז געווען א בהמה און זיין אויסלעזונג וואלט געווען דאס א ייד זאל כשר עסען די בהמה. האט זיך תמיד געטראפען מיט דער בהמה א שאלה און מען האט שטענדיג טריפה געמאכט – אז זיין אויסלעזונג איז קיינמאל נישט געקומען. האט דער מגיד אזוי הערום דערפירט דאס דער דין זאל כשר מאכען די שאלה און דער ייד זאל באקומען זיין ~~גלגול~~ תיקון

י. פ)　　　　　　　　　　ר׳ דוד כהן

צום ראפשיצער איז געקומען א יונגער מאן – א {תחשיט} [תכשיט] א ייד – א שטיקל גביר – א ייד מיט מדרגות און מעלות.

ער איז אנגעקומען נאך ראפשיטץ איז געווען שוין שפייט. ער האט הערומגעבלאדזעט – איבעראל איז געווען פינסטר – נאר אין איין הויס האט זיך געלייכט – איז ער {דארך} [דארט] הערייגעגעאנגען. דאס איז טאקי געווען אים {ראפשיטצער} [ראפשיטצער׳ס] הויז אבער דער ייד האט דאפון נישט געוואוסט.

זיצט דארט דער ראפשיצער – דער ייד קען אים נישט און דער ראפשיצער מאכט זיך נישט וויסענדיג ווער ער אליין איסט – און פרעגט אים: וואס אזוי שפעט קומט א ייד? ענטפערט ער אז ער איז געקומען צום רב. צו וואס פרעגט אים דער רב – ענטפערט ער אז ער איז געקומען ווייל ער האט געהערט דאס אז א מענש קומט צו אים וואס מיינט אז ער איז שוין א פארטיגער מדרגה מענש צערברעכט ער אים. וויל דער ייד דאס זען און אויך קומען צו אזא מדרגה אז דער הייליגער ראפשיצער זאל אים אויך אזוי טוען.

רופט זיך און דער ראפשיצער: קוק נאר – איך בין שוין א ייד מיט א לאנגער גרויער בארד און וואלט גערן אויסגעפונען דאס איך בין עפעס און אזוי ברעכען מיין גדלות.

דו א יונגער מאן ~~דארפס~~ ווייסט שוין דאס דו ביסט עפעס און ווילסט שוין פוהרען צו א רבי׳ן אים דאס אויסצומאכען.

י. פ)          דוד כהן

איינער פון דעם צמח צדק׳ס וויכטיגסטע תלמידים ר׳ אייזיקעל
חוזר – איז פון אים געשיקט געווארען צום ריזשינער
זיך לערנען הנהגה און חסידות.

האט ער שפעטער דערציילט דאס אים אנהויב האט
ער בשום אופן נישט געזען פון אים גאר קיין גרויס
נישט – ביס פרייטיג צו נאכטס בשעת ער האט
זיך אנגעהויבען צו גרייטען צו שבת – האט ער
דעמולט געזען זיין גרויסקייט – ער איז פשוט געשטויגען
יעדע מיניט ~~פו~~ מדרגא לדרגא.

דער ריזשינער האט געדרויכערט זיין לולקע ביס גאר
שפייט פרייטיג פאר נאכט.

י. פ)

באיאנער רבי
געהערט פון א וויכטיגען
ליובאוויטשער חסיד

[הערה: פרגמנט. נמחק בכתב היד]

~~דעם צמח צדק׳ס איינער פון די וויכטיגסט~~

דער ריזשינער האט געזאגט:

די ווינטעריגער {פרשות} [פרשיות] גייען אין פעלצען אזוי פארשטעלט זענען זיי.

(אן אנווייז אויף דעם וואס מען פארשטייט דאך נישט בשעת גופי תורה און עיקר דינים זענען ברמיזה – גייט מען אזוי {בפרטית} [בפרטיות] דער ציילען די {מעשות} [מעשיות] פון די אבות – דאפאר הייסט עס דאס די ווינטעריגער סדרות ווי מען רעדט פון ~~מעשות~~ {מעשות} [מעשיות] אבות זענען פארשטעלט)

(י. פ)

ר׳ עזריאל באלטער איז אמאל געקומען צום אפטער רב.
האט ער געזען ווי דער אפטער רב לייגט ~~תפילין~~ רבנו תם
תפילין פאר ובא לציון.

האט ער אים געפרעגט: סטייטש – ר׳ וועלוועל (ר׳ בנימין זאב)
באלטער האט געזען ביים בעשט אז ער לייגט די רבנו
תם׳ס תפילין גאר נאך דעם דאווענען.

האט אים דער אפטער רב געענטפערט – וואס איז
דאס פאר א פראגע. אז דער בעש״ט האט שטענדיג געזאגט
קדושה מיט די מלאכים. און אז עס איז געקומען צו
ומקבלין {דן} [דין] מן {דן} [דין] האבען די מלאכים מער מקבל געווען
פון׳ם {דעם} בעשט ווי ער פון זיי.

אונז – האט דער אפטער ווייטער געזאגט – זענען נישט
מקבל פון די מלאכים און זיי פון אונז אוודאי נישט.
וואלט ביי אונז געהאט א טעם צו ~~זאגען~~ לייגען ~~ק~~ תפילין
אין קדושה פונקט ווי אז מען מאכט קידוש אויף חלה
אנשטאט אויף וויין.

די מעשה האט ר׳ יצחק מאיר דערציילט – וואס האט עס אליין
געהערט פון׳ם דעם פאטער – דעם אפטער רב.

י. פ) פנחס לאנדוי

ר׳ עזריאל באלטער איז געפוהרען צוזאמען מיט דעם סאווראנער רב צום אפטער רבי׳ן.

ביים אפטער רב איז געווען א מנהג דאס ער זאל אנהייבען זיין תורה מיט א מדרש.

אז ר׳ עזריאל און דער סאווראנער רב ~~איז~~ זענען הערויסגעגאנגען פונ׳ם טיש רופט זיך אב ר׳ עזריאל צום סאווראנער רב:
דער ״אלטער״ האט היינט נישט ~~אין~~ געטראפען אין קארב מיט דעם מדרש.

אזוי, אזוי — ענטפערט דער סאווראנער רב — דער אלטער איז גרעסער ווי א מדרש. אזוי ווי איינער גייט אין א טיפען וואלד בינדט ער זיך צו מיט א שטריק צו א בוים — אז ער זאל קענען צוריק זיך הערויסדרייען.
פונקט אזוי איז דער הייליקער אפטער. ער געט הערייין אין די הויכע עולמות און וואלט קיינמאל נישט הערויס געקומען — נעמט ער זיך אלס סימן א מדרש ער זאל הערויס

י. פ) פנחס לאנדוי

דער ריזשינער האט אמאל געזגט: איך האב עטלעכע קלאסען חסידים.

עס קומען צו מיר יידען צוליב רוחניות – זיי בעטען אויף יראת שמים, פרומקייט א. ד. ג. [= און דאס גלייכען]

אנדערער קומען צו מיר פאר גשמיות – פרנסה, רייכטום.

און איך האב יידען וואס וואלגערן זיך ביי מיר – יושבים – חסידים.

אבער אז מען וואלגערט קומט מען נישט לידי חימוץ

י. פ)                באיאנער רבי

ר׳ ישעיה דינאוויצער איז געווען א גרויסער מנגן – אבער איז נישט געבוירען געווען מיט דעם קול נגינה.

חסידים דערציילען דאס ער איז אמאל דארכגעגאנגען א הויס – האט ער געהערט איינעם זינגען מיט א הערליכען קול נגינה.

האט ער אויסגעשריען: רבונו של עולם! וואס דארפסט דו מען זאל דיך לעסטערן אזוי מיט אזא קול – גיב מיר דעם כח {וויל} [וועל] איך דיך בענטשען.

פון דעמולט אן האט ער אנגעהובען צו באקומען א גוטע שטימע און יענער לעסטערער האט די שטימע אנגעוווירען.

י. פ) פנחס לאנדוי

ר׳ פיני עזריאל׳ס אן אייניקעל פון ר׳ ישעיה דינאוויצער
איז געפוהרען צו ר׳ רפאל בערשעווער און דעם סאווראנער
רב.

איינמאל איז ער געקומען צו ר׳ רפאל בערשעווער – וואס
איז געווען א גרויסער עני ואביון – אויף שבת. ווען מען
האט דערלאנגט חלה האט ר׳ פיני געשפירט דאס
די טויג נישט.

האט ער געפרעגט: ווי אזוי קומט עס דאס די חלה איז
אזוי שלעכט.

האט אים ר׳ רפאל געענטפערט מען זאגט די חלה איז גערוטען
אין די געסט.

האט ר׳ פיני זיך אנגערופען: נו – איך בין געווען
{פארטאגען} [פאראכטאגען] ביים סאווראנער רב – איז די חלה געווען
{אויסגעצייכנעט} [אויסגעצייכענט] – דארטען בין איך דאך {א} [אויך ?] געווען א גאסט ?

ענטפערט אים ר׳ רפאל: א הוה מינא ~~וואס~~ וואס א ייד
קען פון זיך מאכען אין 8 טעג.

אין דער פרי האט מען דערלאנגט קוגעל – וואס איז שטארק
גערוטען. האט ר׳ פיני געפרעגט – מען זאגט דאס דער קוגעל
גערוט אים געסט – פארשטיי איך נישט. איך בין דאך דער אייגענער
גאסט.

רופט זיך אב ר׳ רפאל – נו – א הוה מינא וואס תשובה
קען העלפען.

י. פ) פנחס לאנדוי

דער מגיד האט אמאל געבעטען דעם תניא – דאס אזוי
ווי דער בית יוסף און דער אר״י זענען מחולק אין ווי אזוי
צו שרייבען געוויסע אותיות – אז דער תניא זאל אויסאר-
בייטען א כתב וואס זאל {זענען} [זיין] שוה לשתי הצדדים.

דער תניא האט זיך אנידערגעזעצט און {אויתגעארבייטעט} [אויסגעארבייט] אזא
כתב.

אויף דען וועג אהיים איז ער דארכגעפארן אנאפאליע,
און איז איינגעשטאנען ביי א סופר. זעט ער ווי דער סופר נוצט
זיך מיט די זעלבע אותיות וואס ער האט ערשט נישט לאנג
אויסגעארבייט פאר דעם מגיד. וואנדערט ער זיך שטארק און פרעגט
דעם סופר: ווי אזוי קענסט דו דאס כתב – איך האב עס
דאך ערשט אויסגעארבעט און קיינער ווייס נאך נישט דאפון.

האט אים דעם סופר געענטפערט: נעכטען האט ר׳ זיזשע געהערט
אים הימעל אז אזוי דארף מען שרייבען תפילין, און האט מיר
געזאגט ווי אזוי צו שרייבען דבר שבקדושה.

י. פ) ר׳ דוד כהן

דער אפטער רב איז געווען אמאל אין באַרדיטשעוו. דאָרט איז געווען אַ גבירישע פאַמיליע – אַביסעל אַנגעשטעקט פון {אפיקורסיס} [אפיקורסות]. אַזוי ווי די טבע פון דעם אפטער רב איז געווען אַסך צו עסען האָבען זי אָבגעלאַכט פון דעם אפטער׳ס משונה׳דיק עסען.

האָט עס דער אפטער רב באַמערקט און האָט זיך אָנגערופען: פון עסען באַקומט מען אַסך כח און גבורה.

כח וגבורה נתן להם להיות מושלים בקרב תבל. איך וויל הערויסנעמען דעם קרב (די מיט) פון דעם תבַל – וועט איך פון אייך מאַכען אַ תל.

חסידים דער ציילען טאַקי דאָס פון דער פאַמיליע איז אַ תל געוואָרען.

י. פ) פנחס לאַנדוי

מען האט דעם סאנצער רבי׳ן נאכדערציילט דאס דער אפטער רב שטייט זייער שנעל שמונה עשרה. האט ער זיך געוואונדערט און האט געפרעגט — ווי אזוי קען מען אזוי שנעל דאווענען — מען דארף דאך דאווענען כמונה מעות ~~זיין~~.

אז מען האט דאס דערציילט דעם אפטער רב האט ער זיך אנגערופען: ווער הייסט אים ציילען אזוי ווי א גוי — זאל ער ציילען ווי א ייד — שנעל און גוט.

י. פ)

אז ר׳ ברוך (ממזביזש) איז געפוהרען קיין טאלטשין (?)
איז ער שטענדיג איינגעשטאנען ביי זיינעם א מענטש — א ייד
א חסיד און א גביר.

איינמאל איז דער בארדיטשעווער הערייגעפוהרען אין
דעם שטעדטעל און אזוי ווי דארטען ביי דעם יידן
איז געווען די שענסטע סטאנציע ~~האט~~ איז ער געשטאנען ביי אים.

פאר נאכט קומט אן ר׳ ברוך. האט מען אים
געזאגט דאס דער בארדיטשעווער האט שוין פארנעמען זיין
געוועהנליכע שטאנציע. האט ער נישט געוואלט
אבטרעטען

[בין השורות: וואס איז געווארען?]

שבת אין דער פרי האט ר׳ ברוך געזאגט ער וויל
{הארען} [הערען] דעם בערדיטשעווער׳ס קדושת כתר. אז
ער איז צורגעקומען האט מען אים געפרעגט וואס
איז ער פלוצלינג געגאנגען צום בארדיטשעווער.

פאר וואס זאל איך נישט גען הערען ווען אפילו
מלאכים און ~~שרפים~~ שרפים קומען הערונטער פונ׳ם
הימעל הערען זיין קדושת כתר, האט ר׳ ברוך
געענטפערט.

י. פ) קינעווער רבי

דעם בריף פונ׳ם ווילנער גאון וואס פנחס לאנדוי
האט געזען און וואס דערמאנט דעם בעשט האט
באלאנגט צו איינעם א פעלשער הרבובסקי וואס
האט געוווינט אין רחובות – ער איז לעצטענס געשטארבען
און האט איבער געלאזט טעכטער.
ער איז געווען איינער פון די לעצטער בילואיסטען

י. פ)                                                  פנחס לאנדוי

בשעת דער ריזשינער איז אנטלאפען פון רוסלאנד
איז ר׳ יוסף ראשקאווער – וואס האט געוווינט ביי דער גרעניץ
געלאפען מיט א פוהן פארויס און האט געראפען: פנו מקום
דער צדיק הדור געט.

שפעטער איז דער ראשקאווער געווען אין סאדאגארא
ביים ריזשינער און ער איז אים נישט געפעלען ~~דאס פירעכס~~ ווי אזוי
מען פיהרט זיך דארט – דאס גרויסקייט – דאס לוקסוס.
האט ער געטייטשט דעם פסוק: רבות רעות צדיק – גרויסקייט
איז שלעכט פאר אן צדיק אונד האט געוואלט פארענדיקן דעם
פסוק {וכולם} [ומכולם] יצילנו ד׳, האט אים דער ריזשינער פערהאלטען
דאס מויל און האט אים דער צייט א מעשה:
עס איז געווען אין א שטעדטעל א רב און א גביר –
זיי זענען ביידע אויפגעוואקסן צוזאמען – געלערנט צוזאמען
געווען שטארקע ידידים איינער דעם אנדערען. אז זיי זענען
געשטארבען און אז זיי זענען הערויף אויף דעם הימעל האט מען
געוויגען זייער מעלות און חסרונות אין מען האט זיי געפונען
גלייך.
דער רב האט געהאט א זון און אויך דער גביר.
זיי זענען אויך מחנך געווארען צוזאמען – געלערנט צוזאמען
געווען שטארקע חברים – דעם רב׳ס זון איז געווארען א
רב און דעם נגיד׳ס זון געווארען א גביר. אז זיי זענען
געשטארבען האט מען אויסגעפונען אים הימעל דאס דעם רב׳ס
זון איז געווען גלייך צום פאטער – נאר דעם גביר׳ס זון
איז שוין געווען אביסעל שוואכער. נאך אן ערלעכער אבער שוין
נישט דאס זעלבע ווי דער טאטע.
האט מען געפרעגט – סטייטש {אויך} [? אויב] דאך ביידע אויפגעהאדעווט

גלייך צוזאמען פונקט אזוי ווי די פעטער אלט טאטעס — די טאטעס
זענען געוועןביידע גלייך או די זון שוין גאר אנדערש. האט
זיך דער גביר׳ס זון פארענטפערט דאס די אוצרות און דאס
רייכטום האבען אים א ביסעל איבערגעפיהרט.

האט דער ריזשינער אויסגעפיהרט — דאס דאפאר האט מען
געזאגט אים הימעל דאס מען זאל פרווען די צדיקים מיט
אוצרות און לוקסוס.

די מעשה האט מען געהערט פון שעוועלע די א טאכטער פון גוטאלע
די טאכטער פון ריזשינער וואס האט עס אליין געהערט פון איהר
טאטען.

י. פ)                                        באיאנער חסיד

ר׳ עזריאל באלטער איז געווען צוזאמען מיט דעם סאווראנער
רב ביים אפטער רב.

האט מען גערעדט פון דעם ~~משונהנע׳ם~~ משונה׳נעם עסען פונ׳ם
אפטער רב. האט ר׳ עזריאל באלטער געזאגט צום סאווראנער
רב: עס שטייט ר׳ <u>אבוטלוריה</u> [בגליון:]? היה דורש כל {אתן} [אתין] שבתורה
עד שבא אל את ד׳ אלהיך {תראה} [תירא] – אויף דעם את קען מען דאך
נישט דרשענען. עד שבא ר׳ עקיבא ואמר את ד׳ אלקיך תירא לרבות תלמידי חכמים.

אז זיי וואלטען געזען דעם ~~אפטער רב~~ "אלטען" עסען
וואלטען זיי נישט געדארפט דעם פסוק און וואלטען געזאגט
<u>עס</u> – נאר ד׳ אל׳ תירא

י. פ) פנחס לאנדוי

ר׳ שלום דער אלטער בעלזער האט אויסערגעווענליך מכבד געווען
זיין מוטער, {רבכה} [רבקה].
צום סדר איז ער שטענדיג געזעסען מיט איהר ביי איין
טיש און האט אפילו געגעסען פון איין טעלערעל.
איינמאל האט זיך געטראפען דאס ביים עסען איז דער מוטער׳ס
מצה וואס זי האט אים דערלאנגט — געפאלען אין דעם יאך העריין.
האט ~~ער עס~~ ר׳ שלום בעלצער עס הערויסגענומען און האט עס אויפגעגעסען.

האבען זיך חסידים געוואונדערט: סטייטש עס איס דאך געבראקט.
האט זיך דער אלטער בעלצער געברוגעזט און געזאגט,
כבוד אב ואם איז דאך מדאורייתא — געבראקטס איז
דאך נאר א חומרא — נו וואס איז ביליכער?

י. פ) קאמארנער רבי

ר׳ ייבא האט געדאוועגט ביים מהרש״א אין שוהל – אזוי ווי
דארט האט מען {געדאוונעט} [געדאוועגט] אשכנז זאגט מען דאפאר נישט
ביי די עניקלעך ״ויצמח פורקניה״

י. פ) קיניווער רבי

חסידים דערציילען דאס דער ריזשינער האט אמאל געזאגט
בשעת מען האט דער ציילט ווי דער אפטער רב פלעגט אים
אזוי שטארק לויבען: משום כבודו של זקן האב איך אים
{געוועזען} [געוויזען] מיין גאנץ חיצוניות אבער נאר א ביסעל פון מיין
פנימיות.

י. פ)　　　　　　　　　　　　ביאנער חסיד

אז שרה׳לה די ריזשינער רביצין איז נפטרה געווארען אחרון של פסח האט דער ריזשינער שטארק געוויינט.

די עלטערע חסידים האבען אים געפרעגט וואס ער וויינט און טרויערט אזוי – עס איז דאך אחרון של פסח און ער פארשטערט דאך שמחת יום טוב.

האט ער געענטפערט: דער בעש״ט האט דריי מאל אין זיין לעבען געוויינט 1) בשעת אויפ׳ן וועג נאך ארץ ישראל איז דאס שיף געזינגען געווארען

2) בשעת אדעל זיין טאכטער איז געפאלען אין טייך אויפ׳ן וועג צוריק.

3) בשעת זיין רביצין איז נפטרה געווארען

איך – האט דער ריזשינער ווייטער גיזאגט – האב געהאפט דאס בסוף ימי וועל איך זוכה זיין צו פוהרען נאך ארץ ישראל – יעצט האב איך מורא דאס ווייל מען האט מיר אוועג-גענומען דעם פלג גוף מיינעם וועל איך שוין נישט מער קענען זיין.

י. פ)

מרדכי שלמה יוסף פרידמאן
סאדאגארער רבי

אן אסטראווצער חסיד האט דער ציילט דאס אמאל איז ער געגאנגען מיט דעם אוסטראווצער רבי׳ן {זאמעלנ} [זאמלען] נדבות אין י״ז בתמוז.

זענען זיי געקומען אין א גביר׳ס הויס און האבען אים געטראפען ביי א סעודה. דער גביר האט זיך שטארק פארשעמט דאס דער רבי האט אים געטראפען עסען אין א תענית און דער רבי האט דערזען דאס עס געט אים אזש אים לעבען.

איז דער אסטראווצער צוגעגאנגען צום טיש און האט גענעמען א ביסעל בראנפן און האט געטרינקען לחיים און אזוי בארוהיגט דעם גביר — דאס ער —דער רבי — פאסט אויך נישט. דער נאך האט אים דער גביר געגעבען אן נדבה.

אז ער איז הערויסגעגאנגען האט ער זיך אנגערופען צום חסיד: איך האב ווייטער געפאסט נאך דעם [וואס] איך האב געטרינקען בראנפן. אבער איך האב געזען דאס עס געט דעם גביר אין לעבען — דאפאר אויף צו ראטעווען א יידישע נשמה האב איך געטרינקען לחיים.

י. פ)

דער מגיד איז געווען אמאל אין קארלסבאד – האט מען
אים געוויזען אז מען האט פונ׳סניי אויסגעפונען נייע קוואלען.
האט ער שטארק געקרעכצט, און געזאגט: עס שטייט דאס
דער רבונו של עולם שיקט די רפואה פאר דער
מכה. ~~ווער ווייס~~ יעצט אז מען האט מגלה געווען אזוי פילע
נייע קוועלען – ווער ווייס וויפיל מכות און חליות דארפען קומען
אויף דער וועלט אים ~~צו~~ געהיילט צו ווערען.

י.פ) באיאנער רבי

א ייד איז געקומען צו ר׳ משה צעסעס א תלמיד פון׳ם בעש״ט און האט אים געבעטען אז ער זאל אים זען אויף שבת. האט ער אים געזאגט: גע צו מיין שמואל׳עקיל (ר׳ שמואל מקאמינקע) און ער וועט דיר שוין זען אויף שבת.

אז דער ייד איז געקומען צו ר׳ שמואל האט ער ~~אים~~ געהאלטען אין מיטן ~~שמונה עש קריאת בשמע~~ ק״ש און האט אים געוויזען אז ער האלט אין קישן די ציצית.

איז דער ייד צוריקגעקומען צום ר׳ משה און האט דערציילט דאס ר׳ שמואל קען אים נישט העלפען ווייל ער האלט אין מיטן ק״ש.

איז ר׳ משה געגאנגען אליין צו ר׳ שמואל און האט זיך געברוגז׳ט אויף אים, און האט אים געזאגט — הער ר׳ שמואל עס איז דא א מלאך וואס האט 1000 לשונות און ער זאגט מיט דעם שירה פאר דעם רבונו של עולם. דו זאגסט אויך שירה — נאר וואס איס דער חילוק צווישען דיר און דעם מלאך? דער מלאך קען א יידן קיין טובה נישט טוען — נאר דו קענסט יא. וואס טוסט דו אבער אז א ייד קומט צו דיר נאך א טובה — ווייסט אים די ציצית! אויב אזוי איז דאך גענוג פאר דעם עבערשטען דער מלאך אליין!

פון דעמולט אן האט ר׳ שמואל געזאגט — דאס אויב א ייד קומט צו אים פאר א נדבה אפילו ער האלט פונקט פאר גאל ישראל וועט ער אויסטוען די תפילין און לויפען טוען א יידן א טובה.

י. פ) ר׳ דוד כהן

איינמאל איז דער אלטער סאדאגארער געפארען אין א קורארט נעבען ווין און איז געשטאנען שבת אין ווין.

~~האט~~ ווין איז דעמולט געווען א שטארק פרייע שטאדט – דער צענטער פון אסימילאציע און השכלה.

האט דער סאדאגארער געזאגט – אין ווין איז גוט קידוש צו מאכען. וואס איז דען קידוש – מען זאגט עדות אויף בריאת שמים וארץ (ויכולו השמים והארץ) – ווי דארף מען זאגען עדות אז עס דא הכחשה און {כפורה} [כפירה]. דא אין ווין אז עס איס דא אזוי פיל {כפורה} [כפירה] און הכחשה דארף מען אודאי זאגען עדות.

**י. פ)** **באיאנער רבי**

~~דער~~ בשעת דער אלטער סאדאגארער רבי איז געווען אין
וין, האט ער געזאגט: אז מען זעט ווי די וועלט איז
גרויס האט מען א ~~ט~~ בעסערן טעם אין זאגען די ברכה
מלך העולם, ווייל דעמולט זעט מען ווי אזוי דער מלך איז
גרויס.

י. פ) באיאנער רבי

צום מגיד איז געקומען צו ווערען א תלמיד א ייד א גרויסער למדן – אבען מען האט פון אים נישט געהאלטען אז מענש און דערצו איז ער אויך נישט געווען צו א קלוגער.

האט דער מגיד געזאגט: מען זאגט דאס דער יצר הרע איז א מלך זקן וכסיל. איז דאך קשה. מיר ווייסען דאך דאס דער יצר הרע איז גאר א ~~ירעוודיגער~~ רירעוודיגער – א שפירט – נו פאר וואס זאגט מען אז ער איז א מלך זקן וכסיל. נאר דער פשט איז אז ער איז א מלך ~~אויף~~ אפילו אויף א זקן וכסיל. א מלך בשר ודם האט נישט צו ~~שאפען~~ טוען מיט זקנים וכסילים – אין אן ארמע דארף מען נישט אלטע און נַאָראנים. אבער דער יצר הרע האט יא צו שאפן איבער זיי – ער נארט זיי גאר אפט אין זיין זאך אריין.

און די וועלט דערציילט תאקי דאס דער למדן אויף דער עלטער איז געווארען זייער א ביליגער מענש און אין פינסק האט ער געמסרט דעם בארדיטשעווער רב.

י. פ) באיאנער חסיד

בשעת דער מלאך איז געקומען צו זיין שווער ר׳ פייוויש קרעמיניצער אויף קעסט זענען דארט געווען אסך מתנגדים חאטש זיי זענען געווען גרויסע למדנים.

בכלל האבען זיי געקוקט מיט בטול אויף דעם מלאך׳ס הנהגה.

צוויי פון ~~דעע~~ די פני העיר — מתנגדים, למדנים אבער אויך {שטאק} [שטארק] גרויס ביי זיך זענען אמאל געקומען באזוכען דעם מלאך. האבען זיי אים געזען שטייען ביי דעם פענסטער און לאנג קוקען אויף די בערג מיט וועלכע קרעמינעץ איז געווען ערומגערינגעלט.

האבען זיי זיך שטראק געוואונדערט אין האבען געפרעגט דעם מלאך: וואס קוקט איר אזוי אויף די בערג — עס איס דאך שוין קיין נייעס ביי אייך אז קרעמיניץ איז ערומגערינגעלט פון בערג?

האט דער מלאך געענטפערט: איך קוק ווי א גוש עפר האט ביי זיך אזא גרויסקייט און קוקט שטענדיג אים הימל אריין.

י. פ)　　　　באיאנער חסיד

דער ריזשינער האט אמאל געזאגט: פאר דער אינקוויזיציע
אין שפאניען זענען די יידען געשטאנען ברום המעלה. עס זענען
געווען די גרויסע גדולים, וקרובים למלכות און געווען תורה וגדולה
במקום אחד. האבען זיי געטראכט אז זיי ~~ווען~~ ~~וועלען~~ וואלטען געוואלט
אויפבויען דאס בית המקדש. ~~אבער זיי~~ זיי האבען געקלערט וועגען דעם דין פון טמאי
מתים אבער דער עיקר וואס האט זיי אבגעשטעלט איז געווען וואס
זיי האבען מורא געהאט דאס עס וועט נישט זיין קיין אש מן
השמים.

האט דער ריזשינער זיך אנגערופן: דאפאר איז זיי
טאקי געקומען דער עונש — פון דער אינקוויזיציע און {גרוש} {גירוש}
שפאניען. זיי האבען געדארפט בויען דאס בית המקדש
און נישט אזוי פיל הערייןקלערען — אז זיי וואלטען געהאט
דעם פולען בטחון וואלט שוין סיי ווי סיי געקומען דער אש
מן השמים.

י. פ)                                                  באיאנער רבי

ר׳ ישעי׳ה דינאוויצער׳ס זון ר׳ יעקב סמילא
האט זיך משדך געווען מיט דעם ווילנער גאון.

די עליאש פון ישראל זענען זיין אייניקלעך.
פנחס לאנדוי זאגט דאס זיי האבען א סידור
מיט הגהות פון ר׳ ישעיה דינאוויצער.

י. פ) פנחס לאנדוי

דער רב איז געווען א חלוש און א גרויסער ארמער מאן. האט ער איינמאל געוואלט פארען צום מגיד נאך מעזריטש און האט נישט געקענט גייען צו פוס.

האט ער געבעטען דעם היימישען בעל עגלה ער זאל אים לאזען פוהרען מיט זיין פערד און וועגעלע. האט דער בעל עגלה געזאגט: מילא איבערלאזען מיין ווייב און קינדער אן פרנסה – פערלאז איך מיך שוין אויף נסים – אבער די פערד ווייסען קיין חכמה נישט – זיי מוזען האבען הָאבער אוף צום עסען. וואס וועט זיין מיט זיי. האט דער רב אים געגעבען אן עצה – ער זאל פאר-קויפען איין פערד – וועט ער האבען סיי אויף צו געבען דער פאמיליע עסען בשעת ער איז אוועג פון דער היים און ער וועט האבען אויך צו געבען דעם איינציג געבליבענען פערד האבער אויף דעם וועג. האט מען אזוי געטון און דער רב און דער בעל עגלה האבען זיך געמאכט אויף דעם וועג.

אזוי ווי מען איז געפארען נאר ~~אויף~~ מיט איין פערד האט מען נישט געקענט האבען ~~קיין~~ אזא גוטע קאנטראלע איבער דעם וואגען. אז מען איז געקומען פאר א שענק – באמצע הדרך – און מען האט זיך געוואלט אבשטעלען – איז עדער מען האט געקענט דאס פערד צוימען איז די דישעל (      ) העריין אין אים פענסטער פון דער שענק און האט אויסגעבראכען א שויב.

איז ערויס דער פריץ מיט גרויס כעס און האט א שריי געטון – ווער האט דאס אזוי צערבראכען מיין שויב. דער בעל עגלה האט א דערשראקענע אנגעוויזען אויף דעם רב. דער פריץ האט געגעבען א קוק אויף דעם הדרת פנים פון דעם רב – אויף זיין הייליגע צורה – איז ער געווארען נשתומם געווארען – ער האט אים איינגעלאדען צו זיך אין שטוב העריין – אים אבגעגעבען גרויס כבוד – און נאך דעם האט ער אים געגעבן נאך א פערד.

ער זאל קענען פארען שנעלער צו מעזריטש.

אז דער רב מיט דעם בעל עגלה האבען זיך ווייטער געמאכט אויף דעם וועג – גיט דער רב דעם בעל עגלה א פרעג: איך פארשטיי דיך נישט! דו האסט געהאט בטחון צו מיר – ביסט אוועגגעפארען פון דיין משפחה נישט קיקענדיג ווי אזוי זיי וועלען לעבען – און אז עס געקומען צו דעם פריץ פעטש האסט אנגעוויזען אויף מיר.

ענטפערט דער בעל עגלה: דאפאר טאקי, רבי, ווייל איך האב געהאט אמונה אין אייך האב איך אנגעוויזען אויף אייך. אויב איר זענד טאקי אזא הייליגער רבי ווי איך האב געמיינט וועט דאך דער פריץ נישט קענען אייך שאטען – און אויב נישט – זענד איר דאך <u>ווערד די פעטש</u>!

זאגט די וועלט דאס שטענדיג ווען דער רב {אין} [איז] געוועזן אין אן עת צרה האט ער איבערגעחזר׳ט די מעשה און פארענדיגט מיט דעם אויספיר – און אויב נישט איז ער דאך ווערט די פעטש!

י. פ) טאלנער רבי

ר׳ פיני לאנדוי זאגט דאס ר׳ בנימין זאב
באלטער האט מען נישט גערופען ר׳ בנימין באלטער
נאר ר׳ וועלוועל באלטער.

ער איז געווען פון די יונגע תלמידים {פון} פון דעם
בעש״ט. ער איז געשטארבען זייער יונג.
(ער גלויבט דאס ער איז געווען שפעטער ביי ר׳ פנחס
קאריצער)

זיין זון ר׳ עזריאל באלטער איז געווען
א תלמיד פון ר׳ ברוך מעזשביזשער. דער נאך איז ער געווען א תלמיד
פונ׳ם אפטער רב.

ר׳ עזריאל׳ס זון ר׳ פיני (מען האט אים גערופען
פיני ר׳ עזריאל׳ס[)] איז געווען א גרויסער גביר.
ער איז געשטארבען אוהן קינדער. ער האט געקענט דעם
אפטער רב. פיני האט אים גוט געקענט. ער איז געווען
אן איידעלער ייד – און האט געהאט א זייער שיין מויל. אין מסחר איז
~~פונ׳ם אלטען מאנ~~ ער געווען אבער זייער שלעכט.

פונ׳ם אלטען מאנאסטריטשער האט ער שטארק געהאלטען.
ווען ער האט אנגעהייבען רעדען פונ׳ם אפטער רב אדער דעם
סאווראנער רב האט ער געגאסען מיט {טרענען} [טרערען].

י. פ)　　　　　　　　　　　　　　　　פנחס לאנדוי

דער שפאליער זיידע האט אויף ~~דעם~~ ר׳ נחמן בראסלאווער געזאגט – ער איז גלייך ווי א ״זורק אבן {למרקלית} [למרקוליס]״.

ער האט געוואלט רופען אן אסיפה {ביין} [ביים] בערדיטשעווער רב, ר׳ נחמן בראסלאווער אין חרם הערייַנצולעגען. האט די בערדיטשעווער רביצין גענעמען א בייזעם און האט {זי} [זיי] אלע הערויסגעטריבען.

דער בערדיטשעווער האט אויך נישט ~~שטארק געוואל~~ גענייגט אזוי שארף הערויסצוטרעטען אנטקעגען ר׳ נחמן – און אים אין חרם לעגען.

(א חסיד זאגט נישט הערויס דאס ווארט חרם – נאר א אין די ״דריי אותיות״ לעגען.[)]

י. פ) טאלנער רבי

דער סאווראנער רב האט שטארק גערודפ׳ט די בראסלאווער חסידים. ער האט זיי געלעגט אין איסור, האט ערקלערט דאס זייער שחיטה איז נבילה און מען טור זיך נישט מחתן זיין מיט זיי.

י. פ) טאלנער רבי

ר׳ דוד טאלנער האט געזאגט: מיר איז שוין אזוי באשערט. ווען איך האב געוווינט אין וואסילקאוו זענען דארכגעפארען אסך גוים אויף עולה רגל זיין נאך קיעוו.

אצינד אז איך וווין אין טאלנע פוהרען די טויטע חסידים דארך מיין שטאדט נאך אומאן.

ר׳ דוד טאלנער האט אויך שטארק גערודפ׳ט די בראסלאווער חסידים. אין טאלנע ~~אין~~ איז געווען ר׳ נחמנ׳ס ספרים ~~ג נאך~~ גלייך טריפה ווי א טריף פסול ספר.

י. פ) טאלנער רבי

עדער דער סאווראנער רב איז נסתלק געווארען

האט ער געזאגט – איך האב מורא דאס אין {מין} [מיין] מחלוקת

מיט ר׳ שלמה קלוגער האב איך געהאט א טעות.

און האט פארטייטשט דעם פסוק ״נצח ישראל לא

ישקר״. וואס איז די רבותא אז דער נצח ישראל – דער

רבונו של עולם זאגט נישט קיין שקר? נאר דער פשט איז

אזוי = דארט ווי עס קומט הערייַן אין א נצחון איז נאר

דער רבונו של עולם אבגעהיט פון ולא ישקר – ווייל א בשר ודם

קען עס נישט בייקומען אן עפעס א פנימיות (בשולי הגליון נכתב: פניה?). און איך האב

מורא – דאס אנטקעגען ר׳ שלמה קלוגער האב איך אויך

געהאלטען אין נצחון און געשטרויכעלט געווארען אין דעם אמת.

י. פ) טאלנער רבי

דער סאווראנער רב האט געהאט א מחלוקת מיט
ר׳ שלמה קלוגער איבער א שוחט ר׳ לעבצו אין בערדיטשעוו.

ר׳ שלמה קלוגער האט דעם שוחט געאסר׳ט און דער סאווראנער
רב האט אים מתיר געמאכט און אז דער סאווראנער רב
איז איינמאל געקומען נאך בערדישטעוו האט ער געגעסען פון זיין
שחיטה.

אז ר׳ שלמה קלוגער האט געהערט פון דעם האט
ער געזאגט: וואס דער סאווראנער רב האט געגעסען איז אוודאי
געווען כשר אבער וואס די וועלט עסט פון דעם שוחט׳ס שחיטה
איז זעכער טריפה.

י. פ) טאלנער רבי

ר׳ פנחס קאריצער האטש ער איז נישט געווען א תלמיד
פון דעם בעש״ט איז געווען דריי מאל ביים בעשט. וועגען
זיינער דריטע נסיעה צו אים דער ציילט מען די מעשה.

[בגליון:] ר׳ פנחס האט געזאגט אויף דעם בעש״ט: לא קבלתי מרות (פון מורה, לערער)

ר׳ פנחס איז געווען קשה א מורה נבוכים. האט ער ~~זיך אנטשיידען~~
געהערט דאס דער בעשט געפינט זיך אין דער נוהנטער
געגענד האט ער {באשטאסען} [באשלאסען] ער וועט פארען צו אים אום צו לערנען
פשט אין דעם מורה נבוכים.

בשעת ר׳ פנחס האט זיך געמאכט אויף דעם וועג איז דער
בעשט געזעסען מיט זיין חברייא און געהאט א שמוס מיט
זיי. פלוצלינג רופט ער זיך אן מיר וועלען באלד האבען
א געהויבענעם גאסט – ר׳ פנחס {אן} [און] האט אנגעהויבען שמוסען גאר
פון ענינים גבוהים.

און פונקט ווי ר׳ פנחס איז אריין ~~איך~~ דארך דער טיר האט דער
בעשט געזאגט: עס שטייט בידו מחקרי ארץ. איז דאך קשה
אז עס איז אלעס בידו – ביד השם – וואס דארף מען גריבלען
און מחקר זיין – אלעס איז דאך בהשגחה און דאן דארף מען
דאך נישט זיין קיין מחקרי ארץ. און פארקערט אז מען
איז שוין א חוקר ארץ קען מען ח״ו הערייין אין א ספק
צו אלעס איז בידו.

נאר דער פשט איז אזוי – בידו – עס איז אים עבערשטען
רשות צו ערלייבען עמעצען צו זיין א חוקר ארץ. ר׳ פנחס
מעג זיין אבער איר מיינע תלמידים טורט נישט.

און דערנאך האט דער בעש״ט געטייטשט פשט אין מורה
נבוכים.

[בגיליון: מען האט טאקי
ר׳ פנחס גערופען
חוקר אלקים]

י. פ)                                        טאלנער רבי

ווי אזוי ר׳ נחום טשערנאבילער איז געווארען א תלמיד פונ׳ם בעש״ט.

מען דערציילט דאס איינמאל ווען ר׳ נחום איז געוועזן אין א שטעדטל נעבען קוטנא און געדארפט האלטען א דרשה. האט ער געהערט דאס דער בעשט ~~אין א~~ איז אין קוטנע. האט זיך אים פלוצלינג געגליסט ער זאל פוהרען קיין קוטנא צום בעשט און האט איבערגעהאקט די דרשה.

אז ער איז געקומען קיין קוטנא און געזען דעם בעש״ט׳ס דרך איז ער שוין געווארען צוגעקלעבט צו אים און געווארען זיין תלמיד

י. פ)　　　　　　　　　　　　טאלנער רבי

ר׳ נחום טשערנאבילער׳ס פאטער האט געהייסען ר׳ משה יהושע [בגליון: ? ]
ער האט געהאלטען אן אכסניא אדער א שענק, און מען זאגט [בגליון: ? ]
ער איז געווען א זייער אבגעהיטענער. מען האט אים גערופען דעם ליטוואק.
[בגליון: זע ספר חסידות פון יצחק ורפל]

זיין זון ר׳ נחום איז געווען א בן יחיד. ער האט געהאט צוויי שוועסטער. מען זאגט דאס זיי האבען חתונה געהאט נאך פוילען אדער ליטע אבען מער ווייסט מען פון זיי נישט.

ר׳ נחום האט געהאט צוויי זין — ר׳ מרדכי און ר׳ משה. ר׳ משה איז נישט געווען קיין רבי און נישט געפירט קיין רביסטווע.
ר׳ קוק איז זיינס אן אייניקעל.

י. פ) טאלנער רבי

אויף ר׳ יוחנן ראחמענסטיוקער האט מען ~~גערופען~~ געזאגט
דאס ער פארמאגט די נשמה פון רבן יוחנן בו זכאי.

האט מען דאס ~~נאך ג~~ אים דערציילט — האט ער געשמייכעלט — נו
וואס פאר א וואונדער — ר׳ יוחנן הייס איך און א בן
זכאי בין איך — מעג מען דאך רופען ר׳ יוחנן בן זכאי.

י. פ) טאלנער רבי

א מיניט איידער זיין פטירה האט זיך ר׳ רפאל בערשעווער אנגערופען: א דאנק דיר רבונו של עולם — מיר דאכט׳ס זיך אז איך בין שוין ב״ה פריי פון גאוה.

אבער ער האט זיך באלד א חאפ געטון.

אך אזוי איז וויי צו מיר! דאכט זיך געהארעוועט א גאנץ לעבען אנטקעגען שקר און גאוה — און דאס איז ביידע אי שקר אי גאוה.

י. פ) פנחס לאנדוי

ר׳ רפאל בערשעווער [בגליון: ער איז געווען ר׳ פנחס׳ א תלמיד] איז איינמאל געשיקט געווארען פון ר׳ פנחס קאריצער צו קויפען אן אתרוג. אין דער צייט איז זייער שווער געווען צו קויפען אן אתרוג — און מיט דער גרעסטער מי איז אים קוים געלונגען צו באקומען דעם איינציגען אתרוג אין שטאדט.

אז ער איז געפוהרען צוריק האט ער דערזען א יידן וואס טראגט פיש צום פארקויפען. דעמאלט איז פיש אויך נישט געווען צו באקומען און ר׳ רפאל הייבט און צו בעטן ער זאל אים פארקויפען די פיש פאר ר׳ {פנח׳ס} [פנחס]. האט דער ייד בשום אופן נישט געוואלט פארקויפן סיידען ער זאל אים דאפאר געבען דעם אתרוג — איז ר׳ רפאל איינגעשטאנען דארויף און האט איינגעהאנדעלט די פיש פאר דעם אתרוג.

אז ער איז געקומען קיין קארעץ און דעם אתרוג האט מען אים געפרעגט — סטייטש — וואס האסט׳ו געטון אויסגעטוישט אן אתרוג פאר פיש.

האט ער געענטפערט: (דער ערשטער טאג סוכות איז דעמולט אויסגעקומען אום שבת) אז מען האט פיש פאר יום טוב האט מען דעם אמת׳ן שמחת יום טוב און שמחת א יום טוב איז דאך מדאורייתא (עס שטייט ושמחת בחגך) — אתרוג דעם צווייטען טאג איז דאך נאר מדרבנן — איס פיש ביליכער.

י. פ)    טאלנער רבי

ר׳ נחום איז געווען מגיד אדער רב אין פרהאבישט. ער איז שטענדיק געווען אן עני ואביון פראסט געגאנגען [קריעה בליעה} [קרוע ובלוי] .

איינמאל איז ער געפורען קיין טשערנאביל — און ער האט שטארק געפאלען די דארטיגע בעלי בתים.

אז זיי האבען דערזען זיין אונטוען האבען זיי אים געבאטען דאס אויב ער וועט אננעמען די שטעלע אין טשערנאביל וועלען זיי אים אויפנייען א נייע קאפאטע און אן איבער ציער.

אז ער איז צוריקגעקומען קיין פראהאבישט האבען די דארטיקע בעלי בתים מודה געווען דאס זיי קענען נישט איינבייסען אזאלכע הוצאות און אויב עס מאכט זיך אים אזא ״גליק״ אין טשערנאביל וועלען זיי אים אבלאזען.

ער איז אזוי הערום געווארען רב אין טשערנאביל — און איידער ער ~~איז~~ האט זיך איבערצויגען נאך טשערנאביל האט ער געבעטען דאס זיין פלאץ זאל מען איבערגעבען זיין איידעם ר׳ אברהם אשר.

י. פ) פנחס לאנדוי

ר׳ אברהם אשר איז געווען ר׳ הירש קארשאווער׳ס
זון, און אן איידעם פון ר׳ נחום טשערנאבעלער – זיין
פרוי איז געווען ר׳ נחום׳ס טאכטער און האט געהייסען
מלכה.

ער איז געווארען רב אין פראהאבישט ווען ר׳ נחום
זיין שווער איז געווארען רב [בגיליון: אדער מגיד?] אין טשערנאביל.

ער האט געהאט דריי איידעמ׳ס 1) דער בענדערער רב
2) דער באהאפאלער מגיד
און 3) ר׳ שלום פראהאבישטער

אז ער האט געהאלטען פאר דער פטירה האט ער געבעטען
די פראהאבישטער בעלי בתים דאס זיי זאלען אויפנעמען ר׳
שלום אויף זיין פלאץ. ער האט זיי געזאגט: מיין איידעם ר׳ אריה
לייב דער בענדערער רב – דארף נישט אייער רבנות – ער איז
שוין רב אין בענדער א גרויסע שטאדט אין בעסאראביע.
מיין צווייטער איידעם דער באהאפאלער מגיד פוהרט ארום און
האט שוין פרנסה – מיין ר׳ שלום איז אבער א יתום
און האט נישט קיין פלאץ – בייט איך אייך פראהאבישטער
יידן אז איר זאלט אים לאזען פארבלייבען אויף מיין ארט.

י. פ) פנחס לאנדוי

דער אלטער סקווערער, ר׳ יצחק, האט געזאגט: דאס אלע
{מעשות} [מעשיות] וואס שטייען אין ״שבחי בעש״ט״ זענען ליגען,
אבער קענען האט ער זיי געקענט טון.

י. פּ) פנחס לאנדוי

דעם ~~בייס~~ מגיד׳ס תלמידים זענען געווען פון די גרעסטע גאונים
פון יענע צייטען – זענען דאפאר צום מגיד׳ס הויף געקומען
די גרעסטע און וויכטיגסטע דין-תורה׳ס.

ביי אזא מין הארבען דין-תורה האבען זיך אנגעהויבען
די תלמידים שטארק צו שפארען. דער עיקר איז געווען א שווערער
רמב״ם איבער ווער איז געווען חילוקי דעות. זיי האבען
זיך אזוי געשפארט אז די קולות זענען געגאנגען אזש עד לב השמים.

דער ר׳ זיזשע פון אנאפאליע איז געשטאנען אין א זייט און {געדוונעט} [געדאווענט].
אבער ~~דיל~~ דער לארם איז געווען אזוי הויך דאס ער האט נישט
געקענט {מקוון} [מכוון] זיין די תפילות. האט ער עטלעכע מאל געבעטען
די תלמידים זיי זאלען שווייגען – ער וויל דאווענען. האבען
זיי אבער נישט געפאלגט. צום דריטען-פערטען מאל האט ער געפרעגט
דעם תניא – איבער וואס שפארט מען זיך? אזוי ווי מען האט
דעם ר׳ זיזשע נישט געהאלטען פאר א גרויסען לערנער – האט מען
אים גאר נישט געוואלט זאגען {איבען} [איבער] וואס עס האנדעלט זיך.
אבער אז ער האט נאכאמאל געפרעגט האט אים דער תניא
געזאגט דאס מען שפארט זיך אין פשט ועגען א הארבען
רמב״ם.

אין א פאר מינוט איז ר׳ זיזשע צוגעגאנגען צו דער חברותא און האט
זיי געזאגט פראסט און פשוט: אזוי מיינט מען פשט אים רמב״ם.
און אזוי איז תאקי געווען.

האט מען אים געפרעגט פארוואונדערט: ווי אזוי האט ער געטראפען
פשט. האט ער געענטפערט: איך האב נישט געקענט דאווענען
צוליב אייער גרויסען טומעלמאכען. האב איך געוויינט פאר
דעם רבונו של עולם אז ער זאל מיר ארונטערשיקען דעם רמבם
און מיר אנזאגען פשט. האט דער ~~רמבם~~ רבונו של עולם

ערפילט מיין בקשה און דער רמב"ם האט מיר געזאגט פשט.

די מעשה האט דער ציילט דער תניא ווען מען האט אים געפרעגט פארוואס אז ער האט געשריבען א בריף צו ר' זיזשע מְאנאפאליע האט ער אים געגעבען גאר הויכע טיטלן – למשל קדוש ושר תורה און מען האט גאנץ גוט געוויסט דאס ר' זיזשע איז א קנאפער לערנער.

האט ער געענטפערט מיט דער מעשה און האט אויסגעפירט: אז מען קען שאפען אזוי אים הימעל איז מען ממילא א שר התורה

ר' דוד כהן                                        י. פ)

ר׳ יוחנן ראכמענסטריווקער האט ~~מען~~ געפרעגט ר׳ מאטאלע צלאטאפאלער וואס איז די וויכטיגקייט פון א קוויטעל.

יידען גלעבין אין א רבי׳ן און מיינען דאס מיר דאווענען, לערנען און טוען גוטס. אבער אז זיי ~~געפונען~~ ווערען געוואר דאס מיר טוען דאס נישט – וואלטען זיי דאך געדארפט אונס אויסזידלען – שעמען זיי זיך דאך – זיי זענען ביישנים – שרייבען זיי קוויטלעך און אזוי דערמאנען זיי אונס – זיי זענען מרמז אז מיר דארפען טוען וואס איז אונזער פליכט, צו דאווענען, לערנען, טוען טובות.

פנחס לאנדוי    (י. פ.

תלמידים האבען געפרעגט דעם בעל שם טוב: וואס איז דאס אזא ענין — דאס קוויטל?
האט ער זיי געענטפערט:

אויב א ייד וואלט געוועזן בשלמות — אן חסרונות וואלט ער דאך אוודאי נישט געהאט קיינע צרות. ווען ער האט צרות איס דאך א סימן אז ער האט געזינדיגט. וואלט ער דאך געדארפט קומען צום רבין און אויסזאגען דעם גאנצען אמת. שעמט ער זיך אבער און שרייבט אריין אין קוויטעל ~~אז~~ וועגען זיינע צרות — ווייס מען סיי ווי סיי דאס ער האט געזינדיגט.

י. פ) פנחס לאנדוי

אז מען האט ר׳ שמואל אבא נאכגעזאגט דאס

ר׳ דוד טאלנער האט אמאל זיך אנגערופען דאס מען [האט] זיי (די

רביס) געשמיסען אז זיי זאלען ווערען רבי׳ס – האט

ער געזאגט –

אז מען האט אונז געשמיסען מיר זאלען זיין רבי׳ס

ווייס איך נישט – אבער אז מען {וועד} [וועט] אונס שמייסען ווייל מיר

זענען געווארען רבי׳ס בין איך נישט מסופק.

י. פ) פנחס לאנדוי

ר׳ שמואל אבא [ר׳] פנחס קאריצער איינקעל און ר׳ שמשון מאהאגאפאליע[?] (פנחס לאנדוי׳ס
זיידע) {זען} [זענען] געווען ביים אלטן סאדאגארער. האט מען זיי
מכבד געווען מיט קאווע און פארשטייט זיך אזוי ווי
עס איז געווען די מאדע אין סאדאגארע ~~מיט ק~~ האט מען
סערוויערט די קאווע אין שיינע רייכע כלים.

האט זיך ר׳ שמואל אבא אנגערופען איך בין געווען ביי
ר׳ זיזשע מאנאפאליע – האט מען מיר געגעבען קאווע אין
א טעצעל – א צערבראכענער פארניט מיט א דראט – אבער
די קאווע געדענק איך נאך.

דער לעיעווער איז געשטאנען דערביי און האט א שמייכעל
געטאן. און פרעגט אים מיט א שמייכעל – וואס איז געווען
אזוינס אין יענער קאווע.

האט אים ר׳ שמואל אבא ~~גע~~ א זאג געטון מיט א ברוגז:
א יינגער מאן דארף געען פראווע (רעכטס אויף רוסיש)
נישט לעווע (לינקס אויף רוסיש)

אבער אט דער יונגער מאן – ווייזענדיג אן אויף
ר׳ נחום בער – ווייס אז עס איז דא א חלוק צווישען
קאווע – אז ביי קאווע קען מען אויך טראכטען וועגן
{קוה לד׳} [קוה אל ה׳]

י. פ) פנחס לאנדוי

אז ר׳ שמואל אבא איז אוועגגעפארן פון סאדאגארא

האט ער געזאגט צו חסידים:

מען זאגט דאס ער (אויף דעם ~~לעל לערעווער~~ לעווער)

אז ער איז ~~מעק ב~~ מער פאפמענש[ ? קאפמענש ?] ווי דער סאדאגארער —

ער קומט נישט לקרסוליו (מיינענדיג דעם סאדאגארער)

י. פ) פנחס לאנדוי

פון ר׳ מאטעלע ראחמאנסטריווקער האט פנחס לאנדוי געהערט – אז איינער האט אויסגעדריקט א {ספוק} [ספק] אז די מוטער רחל איז באמת באגרובען אין קבר רחל:

אז דורות יידען ווײנען דארטען – און קלאגען אויף זייערע צרות און אומגליקן – איז זי שוין דארטען.

י. פ) פנחס לאנדוי

ר׳ לייב שרה׳ס – דער תלמיד פון דעם בעשט
ליגט אין יאלטישקאוו.

י. פּ)　　　　　　　　　　　　　　　　　　פנחס לאנדוי

ביי די עלטערע חסידים איז געווען דער מנהג צו געבען התקשרות קוויטלעך.

מיט דעם האט דער חסיד זיך פארבונדען מיט דעם רבי'ן. ער האט געבעטען אין קוויטעל דאס דער רבי זאל אויסאיבען א השפעה אויף אים — ער זאל אים טראגען אויף זיין געוויסען — ער זאל אין לאזען ווערען א חלק פון אים.

י. פ)                                                   פנחס לאנדוי

מען האט אמאל געפרעגט דעם ריזשינער: ווי אזוי קומט עס דאס ביי אלע רבי״ס האלט מען אין איין רעדען וועגן משיח — נאר ביי אים הערט מען קיינמאל נישט פון דעם ענין.

האט ער געענטפערט: דער חתן רעדט נישט פון זיך.

י. פ) פנחס לאנדוי

מען האט געפרעגט ר׳ זיזשע אנאפאליער ווי אזוי קען
מען קומען צו דער מדרגה מיט דעם גאנצען הארצען
כשם שמברכים על הטוב מברכים על הרעה.

האט ער געענטפערט – איך ווייס נישט וואס שלעכטס איז – מיר
איז קיינמאל נישט שלעכטס געווען

י. פ) דוד טווערסקי

ר׳ שלמה דעם סאדאגארער׳ס זון איז געווען שטארק אנגעהעפט אין ר׳ נחום בער דעם סאדאגארער׳ס איידעם.

אז ר׳ שלמה איז נסתלק געווארען אין תרמ״א איז דער שמש פון ר׳ שלמה געווארען דער שמש ביי ר׳ נחום בער.

איינמאל ביי נאכט איז ר׳ נחום בער געגאנגען מיט דעם שמש אהיים. פרעגט אים ר׳ נחום בער — ווילסט, וועל איך דיר ווייזען ר׳ שלמה׳ן !

האט זיך דער שמש שטארק דערשראקען און האט ~~געגר~~ געשריגען ניין — ניין איך האב מורא !

האט ר׳ נחום בער אים געענטפערט: האסט גוט געטון אז די האסט מורא. ווען נישט וואלסט דא ח״ו אוועגגעגאנגען.

י. פ)　　　　נחום בער האמבורגער<br>באיאנער חסיד

צו ר׳ נחום בער׳נו (סאדאגארער) זענען געקומען אסך מענשען – חאטש ער איז נאך נסתלק געווארען בשעת דער אלטער סאדאגארער האט געלעבט.

איינמאל איז א ייד פון דער געגענד ארום סאדאגארע געקומען צו אים ערב ראש השנה מיט א גרויס געוויין און אים געגעבען א קוויטעל. וואס איז? ער איז געווען ביים סאדאגארער פראווען זיך און ער האט אים געהייסען גאר באלד אויף דעם ארט אהיים פארען – נאך אויף ראש השנה. און ער פרעגט ר׳ נחום בערנו וואס ער זאל טוען – אפשר קען ער פועל׳ן ביים רבי׳ן ער זאל אים לאזען דא אויף יום טוב.

קוקט ר׳ נחום בער העריין אין קוויטעל און זאגט צום חסיד: איך זע גאר נישט אין קוויטעל אבער אז דער הייליגער ~~פאל~~ רבי האט דיר געהייסען אהיים פארען – זאלסט דו פאלגען.

דער חסיד איז אהיים געפארען און איז געווארע געווארדען דאס זיין קינד איז געווארען פלוצים שטארק שלאף און איז א פאר שעה איידער ער איז צוריקגעפארען געשטארבען.

אז נחום בער איז שפעטער געווארע געווארען פון דער מעשה איז ער שטארק אויפגערעגט געווארען און האט געזאגט: אז איך האב געקענט פערזען {אזאוי} [אזוי] ווייט – וועל איך שוין מער נישט נעמען קיין קוויטעל

י. פ)　　　　　　　　　　　　נחום בער האמבורגער
(באיאנער חסיד)

דער רבי ר׳ {ארון} [אהרן] לייב איז געווען דער {פאטען} [פאטער] פון ר׳ מאיר פרעמישלאנער.

ר׳ {ארון} [אהרן] לייב׳ס פאטער איז געווען דער גרויסער ר׳ מאיר וואס האט אויך געלעבט אין פרעמישלאן. ער איז געווען א תלמיד און א ידיד נאמן פונ׳ם בעש״ט.

איינמאל איז געקומען דער בעשט באזוכען זיין ידיד דעם גרויסען ר׳ מאיר. ר׳ ארון לייב איז נאך געווען א קינד אים וויגעלע. ~~האט דער בעשט געוואלט זען דאס קינד.~~

האט ~~ר׳ אר~~ דער גרויסער ר׳ מאיר געזאגט צום בעש״ט איך וויל אייך ווייזען מיין קינד. האט מען אויפגעדעקט דאס וויגעלע און געוויזען ר׳ ארון לייב דעם בעש״ט.

פרעגט אים דער בעש״ט: ווער בין איך מיין קינד? קענסטו מיך?

און חאטש דאס קינד האט ביז דעמאלט נאך נישט געקענט רעדען האט עס פלוצלינג אנגעהויבען צו רעדען און האט געזאגט: איר זענד ר׳ יצחק לורי׳ דער ר״י הקדוש האט דער בעש״ט זיך אנגערופען: זאלטס אזוי לעבן!

האט דאס קינד נאכאמאל געזאגט: יא היינט זענד איר ר׳ ישראל בעש״ט פריער זענד איר געווען די נשמה פון ר׳ יצחק לורי׳.

פון דעמאלד האט ר׳{ארון} [אהרן] לייב אנגעהויבען צו רעדען.

י. פ)

(נחום בער האמבורגער
באיאנער חסיד)

א גביר ~~וואס וואס~~ איס שטארק הארונטערגעפאלען און געווארען
אן עני ואביון. האט מען אים געראטען ער זאל פארען צום
מגיד. חאטש ער האט לכתחילה נישט געוואלט פארען האט
ער זיך געלאסט איבערבעטען.

געקומען צום מגיד און האט זיך שטארק אויסגעוויינט פאר אים
און געבעטען ער זאל אים געבען אן עצה ווי אזוי צוריקגעווינען
זיין עשירות. האט אים דער מגיד אנגעזאגט: אז ער זאל הערייגגען
אין קלויז און זיך זען מיט ר׳ זיזשע אנאפאליער, און ער וועט
די שוין אן עצה געבען.

האט ער אזוי געטון און געטראפען ר׳ זיזשע אין קלויז, און
האט אים געפרעגט אן עצה אזוי ווי דער מגיד האט
אים געהייסען.

ענטפערט אים ר׳ זיזשע: מיין ליבער ייד, איך האב מורא
איך קען אייך גאר נישט העלפן. מיר איז קיינמאל נישט שלעכט
געגאנגען — חאטש איך בין שטענדיג געווען אן עני ואביון
בין איך שטענדיג צופרידען געווען — ווייל אזוי האט דער
עבערשטער געוואלט.

~~אייך~~ איר מוסט גען צו איינעם וואס עס איז געגאנגען
שלעכט — ער וועט פיהלען אייער טעם און ער וועט אייך
העלפען.

י. פ)

נחום בער האמבורגער
באיאנער חסיד

ר׳ מאיר פרעמישלאנער האט געהייסען דעם בראדער מגיד ר׳ שלמה קלוגער נעמען קוויטלאך — אבער ער האט נישט געוואלט. איינמאל איז ער מיט זיין יונגעל געקומען צו ר׳ מאיר, און דאס קינד על פי טעות האט ביים מאלצייט גענעמען טאבאק אין זיין זופּ אנשטאט זאלץ.

האט אים ר׳ מאיר געזאגט: אוי ביסט דו א נער. און עס איז תאקי אזוי געווען — ער איס אויסגעוואקסען נישט א חכם.

י. פּ)

ר׳ נחום בער האמבורגער
באיאנער חסיד

ר׳ מאיר פרעמישלאנער איז איינמאל געקומען ראש השנה שפעט צום דאווענען. אז מען האט אים געפרעגט פאר וואס ער איז אזוי שפעט געקומען צום דאווענען האט ער געענטפערט.

מאיר׳ל איז געווען אים הימעל — האט ער געהערט אז מען איז גוזר א קץ אויף יידן — און אז א מגפה וועט טרעפען יידן. האט מאיר׳ל אנגעהויבען צו שרייען — געוואלד ווי אזוי לאסט מען דאס צו. האט מען די מגפה אבלעגט אויף בהמות. האט מאיר׳ל געטענעט — דאס טור אויך נישט געשען. יידן האבען פרנסה פון בהמות — ווי אזוי קען מען אבהרגענען יידישע פרנסות. און דאס זעלבע האט ער געטַעֲנעט אז מען האט געוואלט גוזר זיין א מגפה אויף עופות.

האט ער געפויל׳ט דאס מען זאל אויספירען די מגפה אויף קאפהינער.

און אזוי איז טאקי געווען — אין דעם יאר זענען תאקי אויסגעפרג׳ט אסך קאפהינער.

י. פ)　　　　　　　　　　　　נחום בער האמבורגער

(באיאנער חסיד)

ר׳ מעכעלע זלאטשאווער איז געווען א גרויסער ~~ארומען~~ ארמער מאן. האט מען אים געפרעגט צו ער בעט דעם רבונו של עולם אים צו געבן פרנסה.

האט ער דערציילט די מעשה: א גרויסער קייסער האט געהאט א בת יחידה וואס ער האט חתונה געמאכט. האט מען געמאכט גרויסע, טייערע סעודות – און אויך פאר ארעמע לייט האט מען געמאכט ספעציעללע סעודות. אז די סעודות זענען שוין געווען פאריבער איז געקומען אן ארעמער מאן און האט געבעטען מען זאל אים געבען עסען – ער שטארבט אזש פון הונגער. אין דערזעלבער צייט איז אבער דעם ~~קייסער׳ס~~ קייסער׳ס טאכטער שטארק שלאף געווארען און נאטירליך האט זיך קיינער נישט אומגעקוקט אויף אים חאטש ער האט געשריען אז ער וויל זען דעם קייסער ווייל ער שטארבט פאר הונגער.

האט ר׳ מעכעלע זלאטשאווער פארענדיגט: איך ווייס דאך גוט אז שכינתא בגלותא און אז זי טרויערט אויף איר פאלק ישראל – ווי אזוי קען איך מיך געטרויען און קומען צו אזא צייט זי באלעסטיגן מיט מיינע נארישקייטען – אז איך דארף פרנסה

י. פ)

נחום בער האמבורגער
(באיאנער חסיד)

א גדול איינער וואס האט זיבען יאר {אבגערעכנעט} [אבגערעכט] גלות –
געווען ביי זיך אין שטוב און האט נישט געהאט די גאנצע
~~טעג~~ צייט צו טוען מיט מענשען – האט זיך געהאלטען פאר א
גרויסען עניו – און אגב שטארק געהאלטען פון זיך אליין.

ער איז געקומען צום מגיד און האט אים געבעטען פאר אן
הסכמה, און האט אים דערציילט ווי אזוי ער האט זיבען יאר
אויף זיך גענעמען צרות און האט אים אויך דערציילט וואס א גרויסער
עניו ער איז.

האט דער מגיד אויסגעטייטשט דעם פסוק "אם יסתר איש
במסתרים ואני לא אראנו נאם ד׳ ".

~~אז א ייד בעהאלט זיך   איש א~~

"אם יסתר איש במסתרים" – אז א ייד {רעכנעט} [רעכענט] אפ גלות
און באהאלט זיך פון דער וועלט – אבער "ואני" ער איז ביי
זיך גרויס ער האלט פון <u>ואני</u> – דעמולט "לא אראנו נאם ד׳ "
דעמולט וועט דער רבונו של עולם זיך נישט אומקוקען אויף
אים.

י. פ)

נחום בער האמבורגער
באיאנער חסיד

דער אלטער טשארטקאווער האט שטענדיג דער ציילט ווי אזוי
די צדיקים און רבי׳ס בדורו של הריזשינער האבען אים געהויבען
און גרויס געמאכט.

איינמאל ביים ריזשינער׳ס יארצייט האט דער טשארטקאווער
דערציילט די פאלגענדע מעשה.

ווען דער ריזשינער האט געדארפט אנהייבען צו לעגן תפילין
האט זיין מוטער חוה׳נו אים גענומען צום אפטער רב.
ווען ער איז אנגעקומען צום אפטער האט זי אים אנגעזאגט דאס
אזוי ווי דער אפטער דאווענט שפעטלעך זאל ערווארטען מיט
די תפילין ביז דער אפטער וועט מיט אים קענען לעגן די
ערשטע תפילין.

פונקט אבער דעמולט אים דעם טאג פון דער בר מצווה
האט דער ריזשינער געהאט געוואלדיגע השכמה און געלעגט
תפילין גאר אין דער פרי.

ווען עס איז געקומען די צייט פון׳ם אפטער רב צום דאווענען
האט מען אנגעהויבען צו ווארטען אויף דעם ריזשינער. אבער ער
איז נישט דא — מען האט אים געזוכט און נישט געקענט געפונען.
סוף כל סוף איז ער אנגעקומען און חוה׳נו — די מוטער — מיט גרויס
שרעק האט אים געפרעגט — ווי ביסט דו געוועזן — האסט נישט געוואוסט
דאס דער אפטער רב האט דיר געדארפט לעגן די ערשטע
תפילין. האט דער ריזשינער איר געענטפערט — יא אבער איך האב
דאך שוין {געדאוונעט} [געדאווענט] און געלעגט תפילין. איז חוה׳נו נאך מער דערציטערט
געווארען — סטייטש — דא איז זי געפוהרען אייגענסט צום אפטער
און איר קינד האט גאר אליין זיך דערלויבט צו לעגן תפילין.

אבער זי האט אים פארט גענעמן צום אפטער. האט
דער אפטער זיך אנגערופן: לאמיר חאטש זען ווי דו האסט
{געדאוונעט} [געדאווענט].

י. פ) מעכעלע שוחט

אז מען האט דעם ריזשינער הערויס פון דער תפיסה
הערויסגעגנב׳ט און איז שוין געווען אין דער פריי — האט
ער זיך פלוצלינג צוריגגעריסען און געהייסען מען זאל
אים צוריקטראגען אין תפיסה — האט מען געשריגען — וואס
הייסט? — ווי אזוי קען זיך געטרויען צוריק אין פייער
לויפן — אבער דער ריזשינער האט {אייגעקשנ׳ט} [איינגעקשנ׳ט] און מען האט
אים געמוסט פאלגען — און אים צוריק געטראגן.

שפעטער האט ער זיך פארענפערט און האט געזאגט
אז ער האט דאס געטון ~~כדי מקיים~~ ווייל דארט ווי מען איז
איינמאל געווען מוס מען נאכאמאל זיין און ער האט דאס געוואלט
מקיים זיין.

י. פ) מעכעלע שוחט

איינמאל י״ט כסלו האט דער אלטער טשארטקאווער
דערציילט די מעשה.

ר׳ מעכעלע זלאטשאווער איז אמאל געפארען צום מגיד
און האט מיטגענומען איינע פון די חמשה חומשי תורה —
איינעם פון זיינע זון.

אז ער איז אנגעקומען נאך מעזריטש האט ר׳ מעכעלע
געשיקט זיין קינד צום מגיד אז ער זאל אנזאגען דאס ער איס
אנגעקומען און בעטן לאזן וויסען ווען ער קען צוקומען.

האט דאס קינד איינמאל — צוויימאל אויפגעמאכט די טיר צום
מגיד ~~און~~ אבער דער מגיד האט זיך נישט אימגעקוקט
אויף אים. איז דאס קינד ברוגז געווארען און זיך
~~און~~ אומגעקערט צו דעם טאטען, אין האט אים דערציילט
דאס דער מגיד האט אים באליידיגט וואס ער האט זיך
אפילו נישט אומגעקוקט אויף אים.

האט אים ר׳ מעכעלע געפרעגט — וואס האסט געזען ביים מגיד ?
האט ער געענטפערט : עפעס אן אלטער ייד איז געשטאנען דארט
און האט העריינגעטענ׳עט אין דעם מגיד.

האט זיך ר׳ מעכעלע אנגערופען : פארשטייסט נישט
מיין קינד ! דאס איז דאך געווען אליהו הנביא מיט
וועמען דער מגיד האט פארבראכט און דו האסט ערווארטעט ער זאל
זיך אבגעבען מיט דיינע נארישקייטען.

י. פ)                    מעכעלע שוחט

שפעטער האט ר׳ מעכעלע סלאטשאווער געזאגט צו זיין זון – קום מיט צום מגיד.

זיי זענען געזעסען צוזאמען פאר אווילע. דערנאך איז דער מגיד הערויסגעגאנגען. אויף דען טיש איז געלעגען דעם מגיד׳ס פושקע און דאס קינד האט זיך אנגעהויבען צו שפילען דאמיט.

אז דער מגיד איז צוריקגעקומען האט ער באמערקט דאס די פושקע שטייט נישט אויף דעם זעלבען פלאץ.

האט ער זיך אנגערופען:

אז א צדיק לעגט אוועק א זאך איז ער בונה עולמות – אבער אז מען רירט עס פונ׳ם ארט איז מען ח״ו סותר עולמות.

י. פ)

~~פנחס לאנדוי~~

מעכעלע שוחט

דער רב איז דארכגעפארען פראהאביטש און איז ~~געווען~~ געגאנגען ~~אין הויס~~ באזוכען ר׳ אברהם דער עלטערען זון פון ר׳ שלום (מען האט אים גערופען דעם צווייטען מלאך) און דער ריזשינער.

ר׳ אברהם איז שוין געווען פערהייראט און דער ריזשינער איז נאך געווען א קינד.

אז דער רב האט געפרעגט דעם ריזשינער וואס ער לערנט אין חדר האט דער ריזשינער אים געפרעגט:

ווי אזוי איז מעגליך אז א מענש איז מקבל עול מלכות שמים מיט דעם גאנצען מסירת נפש ווען ער זאגט שמע ישראל — ווי אזוי קען ער האבען נאך כח צו זאגען ואהבת —

האט דער רב אנגעהויבען שיטען הויכע מאמרים און טיפע רעיונות אויף שעות און האט געפרווט פארענטפערן דעם ריזשינערס {קשה} [קשיא].

שפעטער האט ער געזאגט: דער עלטערער אין אנהייב האט פארשטאנען אבער ער איז שפעטער מיד געווארען און האט נישט מער משיג געווען — אבער דער קליינער האט אלעס משיג געווען און אלעס פארשטאנען

י.פ) מעכעלע שוחט

דער אלטער טשארטקאווער האט אמאל געזאגט:

א צדיק אז ער זאגט תורה מוס ער זיך מקשר זיין
מיט דעם דור אז ער זאל זיי קענען מתקן זיין.

אבער אז ~~עס~~ מען איז אזוי ווייט אז מען האט נישט התקשרות
מיט דעם דור דארף מען שוין קיין תורה נישט זאגען.

פון דעמולט אן האט ער שוין קיין תורה נישט מער געזאגט.

י.פ)                                                        מעכעלע שוחט

דער שווער פון דעם באַרדישטעווער איס געווען אַ פּראָסטער
אַרענדאַר. דער באַרדיטשעווער איז געפֿורהען צום מגיד באַלד
נאָך דער חתונה און האָט לאַנג געווײַלט בײַם מגיד אין הויף.

אַז ער איז צוריקגעקומען אַהיים האָט זין זײַן שווער שטאַרק
צערבעזערט אויף אים און האָט אים געפֿרעגט פֿאַר וואָס ער איז
אַזוי לאַנג אָוועג געווען ~~פון~~ פֿון זײַן ווײַב.

האָט ער אים דער באַרדיטשעווער געענטפֿערט: איך בין געוואָרע
געוואָרען דאָס עס איס דאָ אַ בורא שמים וארץ.

צערלאַכט זיך דער שווער. אויף דעם האָסט דו געדאַרפֿט
האָרעווען – אַפֿילו די מויד פֿונ׳ם הויף ווייסט דאָך אויך
אַז ער איס דאָ אַ בורא כל עולמים.

זאָגט אים דער באַרדיטשעווער: עס איז דאָ אַ חילוק. זי ווייסט
אַז עס איז דאָ – איך זע תּאַקי.

י.פּ) מעכעלע שוחט

ר׳ שמואל מבראד איינער פון די חכמי בראד איז געווען
דעם באַרדיטשעווער׳ס תלמיד. ער איז געווען א איש קדוש. איינמאל
איז ער געקומען צום באַרדיטשעווער און האָט נישט באלד געקענט
העריינקומען און האָט אנגעהויבען צו אריינקוקען אין א ספר. אים
ספר האט ער דערזען א כתב יד.

אין דעם כתב יד האט דער באַרדיטשעווער אנגעשריבען
די אלע שיחת חולין וואס ער האט געהערט פון דעם מגיד.
דארט זענען געווען אזאלכע זאכען וואס דער ר׳ שמואל האט גאר נישט
פארשטאנען און וואס האבען אויסגעזען ווי נארישקייטן.

אז ער איז שוין העריינגעגאנגען מקבל פנים צום באַרדיטשעווער
האט ער אים געפרעגט וואס ער האט אויפגעשריבען די שיחת חולין.

האט ער אים דער באַרדיטשעווער געענטפערט: די גאנצע צייט
וואס איך בין געווען ביים מגיד האב איך געפרווט אויפצו-
שרייבען אלס וואס דער מגיד האט געטון. אבער נאר האלב [האב
איך משיג געווען — די אנדערע העלפט האב איך נישט
געקענט משיג זיין — איך האט עס נישט פארשטאנען.

י.פ) מעכעלע שוחט

דעם ריזשינער׳ס מוטער ~~חונ׳~~ חוה׳נו איז געקומען צום אפטער רב ווען ער האט אנגעהויבן צו לעגן תפילין.

זי האט אים אנגעזאגט ווען דער זמן תפילה פון דעם אפטער רב וועט זיין און ער זאל זיין אין צייט.

אבער דווקא אין דעם טאג ווען דער ריזשינער רב האט געדארפט אנהייבען צו לעגן תפילין האט ער געהאט געוואלדיגע השכמה און ער האט אבגעלעגט די תפילין און אליין געדאווענט.

אז דער אפטער רב האט זיך געשטעלט דאוונען האט מען אנגעהויבען צו זוכן דעם ריזשינער און מען האט אים בשום אופן נישט געקענט געפינען.

פלוצים איז ער אהיים געקומען — וואו ביסט דו געווען האט אים די מוטער געפרעגט. און אז ער האט איר געזאגט דאס ער האט שוין {געדאוונעט} [געדאווענט] און געלעגט תפילין האט זי שטארק מורא באקומען אז דער אפטער רב וועט זיין ברוגז.

אבער אז זי איס געקומען צום אפטער רב און האט אים דערציילט וואס איר זון האט אבגעטון האט ער נאר געזאגט:
לאמיך חאטש זען ווי ~~אזו~~ אזוי דו האסט {געדאוונעט} [געדאוועוונט] און האט אנגעטאפט דעם שטערן: יא, יא דו האסט שוין גאר גוט געלעגט תפילין.

י.פ) מעכעלע שוחט

אין בעלז איז געווען א מנהג דאס סוכות האט מען געפראוועט א טיש פאר "געבעטענע" און דער בעלצער רב האט דערציילט פון גרויסע טאסען עסען.

דער מנהג קומט פון דעם:

אז דער בעלצער איז אנגעקומען אין ~~בעלץ~~ בעלז האט ער געטראפען א שטארק פראסטע און פארגויישטע שטאדט — אזוי ווייט דאס אים סוכות האבען מייסטע בעלי בתים נישט געגעסען אין סוכה.

דעם בעלצער רב האט דאס שטארק מצער געווען. האט ער געלאסט אויסרופן יעדן טאג פון די אושפיזין דאס אלע אברהם׳ס אדער אלע משה׳ס א. ז. וו [=(און) אזוי ווייטער] זאלען צו אים קומען אין סוכה ער לאדט זיי אן. אזוי ארום האבען די בעלי בתים חאטש איינמאל געגעסען אין סוכה.

שפעטער האט מען איינגעפירט דאס די זון און אייניקלעך פון די "געבעטענע" בעלי בתים זאלען זיין געסט ביים בעלזער רב — און די סעודות ~~ווען~~ ווערען אנגערופן דער "געבעטענער" טיש.

י.פ) סאנצער רבי

דעם סאנצער׳ס שווער האט אויך דערציילט דאס איינמאל נאך א שיעור וואס ער האט געלערנט מיט דעם חידושי הרי״ם האט דער חידושי הרי״ם געשמועסט חסידות און האט דערציילט די פאלגענדע מעשה:

ר׳ יעקב ליסא דער מחבר פון חוות דעת פלעגט קומען צו ווארשא און האט געלערנט פאר דעם עולם פון גדולים און גרויסע תלמידי חכמים א שעור. איז דער חידושי הרי״ם אויך געסעסען ערגעץ ביים עק טיש און האט צוגעהערט צום שעור. בשעת דעם שעור האט דער חידושי הרי״ם אבגעפרעגט א הארבע ~~טיש~~ {קשה} [קשיא]. האט דעם ליסא׳ר רב געפרעגט, ווער האט געפרעגט די {קשה} [קשיא] און אז מען האט אים געזאגט ווער — האט ר׳ יעקב דעם חידושי הרי״ם (ער איז דעמולט געווען א בחור פון 18 יאר) אים צוגערופן אויבען אן און געשמוסט מיט אים אין לערנען.

נאך דעם לערנען — זאגט ער צום חידושי הרי״ם: איך פארשטיי דאס ער זינד פון די חסידים. דער חידושי הרי״ם האט זיך נישט געשעמט און האט אים געזאגט: יא איך בין געפארען צו ר׳ בונים מפשיסכע.

אזוי — אזוי האט ר׳ יעקב גענטפערט: איך וויל אייך דערציילען א מעשה וואס איז מיט מיר געשען.

איינמאל האט ער געזען ווי צוויי חסידים (סטרעליסקער?) האבען געגעסען א האלבע געבראטענע גאנז פאר דעם דאווענען. איז ~~ג~~ אים געווען זייער פריקרע. נאר אז ער האט דארט געזען

דאס די יידען זענען נישט קיין {הפרק} [הפקר] יינגלעך. לאמיר
ווארטען און זען ווי אזוי זיי פירען זיך אויף און וואס וועט
ווייטער זיין. האב איך געזען ווי אזוי זיי דאווענען האב
איך געטראכט ביי מיר – ווען איך וואלט אזוי {געדאוונעט} [געדאוועוונט]
וואלט איך אויך געגעסען א האלבע געבראטענע גאנז
פאר דעם דאווענען.

(דער סאנצער האט {באמעקט} [באמערקט]: דאס דאס ווייסט אויס דעם
כבוד וואס דער גרויסער גאון האט געהאט פאר חסידים.
ער ווייזט אויך אן דאס דער מחבר האט אין זיין סידור
דעם דרך חיים געשריבען דאס פאר דעם דאווענען טור
מען נישט טרינקן אפילו קיין גלאס וואסער)

י.פ)  סאנצער רבי

דעם סאנצער׳ס שווער דער ווידיסלאווער רב איז נתגדל געווארען ביים חידושי הרי״ם – זיין פאטער איז געווען דעם חידושי הרי׳סס ברודער, און דער סאנצער האט די פאלגענדע מעשה אליין געהערט פון אים.

ר׳ בעריש מייזעלס וואס איז פריער געווען רב אין קראקא איז שפעטער אויסגעקליבען געווארען רב אין ווארשא. חאטש ער האט געהייסען א {מתנגיד} [מתנגד] האבען אים חסידים געמאכט ווארשעווער רב (אגב האט מען געוואלט מאכען דעם חידושי הרי״ם רב אין ווארשא אבער ער האט נישט געוואלט – ווייל ער האט געזאגט דאס ער וואלט נישט געהאט צייט פאר קהלישע ענינים) – ער האט דאך געדאווענט שחרית אפשר פיר שעה צייט און וואס האט ער עס געדארפט? ער איז דאך געווען אויך א גרויסער גביר)

איינמאל איז ר׳ בעריש מייזעלס געקומען אבשטאטען א וויזיט צום חידושי הרי״ם – האט דער חידושי הרי״ם אנגעהויבען צו שמוסן חסידות – און מיט א געשריי געפרעגט הרב מייזעלס: ווייסט איר וואס איך האב געהערט פון מיין רבי׳ן ר׳ בונים מפשיסכע אויף דעם ייד הקדוש? ער איז געווען אזוי גרויס ווי די נביאים און אפשר נאך גרעסער!

און דאנאך האט ער זיך נאכאמאל אנגערופען: און דער ייד הקדוש האט געהאט כוונות ביים רעכערן ווי דער כהן גדול ביי קטורת {בפנאי ולבפנים!} [לפני ולפנים!]

י.פ) סאנצער רבי

צום ראדישיצער רבי איז געקומען א ייד מיט א גרויס געוויין, און האט געקלוגט דאס זיין פריץ טוט אים אן גרויסע צרות – און איז א שטארקער שונא ישראל – ער טוט אים אין טויט אריין, און וויל אים ארויסווארפען פון זיין פרנסה.

האט אים דער ראדישיצער אנגעוואונשען דאס עס זאל אים קיינמאל נישט קענען אנטון קיין שלעכטס.

אבער די צרות זענען אנגעגאנגען און דער ייד איז נאכאמאל און נאכאמאל געקומען זיך צו בעקלאגען אויף זיין פריץ – ער קען שוין פראסט און פשוט נישט אויסהאלטען.

צום לעצטען מאל נעמט דער ראדישיצער א שטעקן אין האנד – עפנט דאס פענסטער און צילט ארויס מיט דעם שטעקן אזוי ווי ער וואלט געשאסן מיט דעם שטעקן און האט געגעבן א געשריי – פוי (א קול ווי א שאָס) איוואן!

שפעטער איז מען געווארע געווארען דאס אין דער זעלבער מינוט ווי דער רבי האט געצילט מיט דעם שטעקן – האט מען דעם פריץ געשאסן און איז געהרג׳עט געווארן.

י.פ)                סאנצער רבי

דער סאנצער רבי האט אסך בריף און כתבי יד. צווישען זיי בריף פון דעם טריסקער מגיד, ר׳ חיים סאנצער און אנדערע.

אויך די העתקה פון א בריף ~~אין כתב~~ אין דעם אייגענעם כתב יד פון דעם בעש״ט.

(י.פ)

ר׳ דוד לעלעווער איז געזעסען ביים טיש מיט זיינע חסידים. האט ער זיך פלוצלינג אנגערופען: איך וויל אייך זאגען וואס דער רבי פון לובלין זאגט תורה יעצט. און האט זיי אנגעהויבען זאגען די תורה וואס דעם לובלינער דערציילט.

ר׳ דוד איז אבער געווען א גרויסער {ענו} [עניו] און האט נישט געוואלט אז מען זאל אויף אים זאגען דאס ער פראוועט {מופסים} [מופתים]. האט ער געזאגט:

דער הייליקער רבי וואלט געדארפט האבען די גאנצע וועלט אלס חסידים. אויב אזוי וואלט דאך דער טיש וואו די חסידים זיצען זיך געדארפט ציען פון איין עק וועלט צו דער אנדערער.

ווען אזוי פיל {גרוסע} [גרויסע] גדולים און צדיקים וואלטען געזעסען ביים רבי׳נס טיש וואלט דאך דוד׳ל אוודאי געסעסען ביים סאמע עק פון דעם טיש. אבער דענקט איר – האט זיך ר׳ דוד׳ל אנגערופען צו זיינע חסידים – דאס דוד׳ל וועט נישט הערען וואס דער הייליגער לובלינער וועט זאגען תורה.

י.פּ) סאנצער רבי

דער לובלינער פלעגט נאך אין {כאלקניו} [כאלקינו] צו רופען די תלמידים – און אויפמאכען דעם פארהאנג פון זיין פענסטער – און צו זיי זאגען:

זעסט דו – קוק הערויס – דא טוזענדער מייל אוועק געשעט אזוי – דאס ווערט דארט אבגעטוען – דאס פאסירט מיט דעם און דעם.

און ער האט אפילו איינגעפלאנצט דעם כח צו זען אין זיינע תלמידים.

און נאך וואכען צייט איז דען טאקי געווארע געווארען דאס פונקט אזוי ווי דער לובלינער האט עס אויסגעמאלען איז טאקי געוועו.

י.פ) סאנצער רבי

דער דברי חיים (סאנצער רבי) האט געלאכט פון די וואס זענען געפארען אויף דעם ציון פון ר׳ אלימלך מליזענסק. ער האט געזאגט – נערנים – וואס מיינט איר אזא גרויסער צדיק ליגט נאך אויף דעם זעלבען פלאץ וואו מען האט אים מקבר געווען? ער ליגט שוין גאר ערגעץ אנדערש.

י.פ) סאנצער רבי

דעם חידושי הרי״ם האט מען געפרעגט צו זאל מען
אים בויען אן אהל.

האט ער געענטפערט: סיי ווי סיי דארף מען נישט קיין אהל.
אויב מען איז נישט קיין גרויסער מענש איז מען נישט ווערט
קיין אהל – און אויב מען איז טאקי יא א צדיק נעמט
מען צו נאך ארץ ישראל – און צו וואס דארף מען דאן
אן אהל.

י.פ) סאנצער רבי

אנגעהויבען פראווען יאר צייטן או הילולות און צו פארען אויף דעם ציון פון רבי׳ס האט מען ערשט נאך דעם לובלינער׳ס הסתלקות – פריער האט מען פון דעם גאר נישט געוואוסט.
(אזוי מיינט דער סאנצער רבי)

אין קאצק און [דווורקע?] {וואורקע?] האט מען דירעקט נישט געטורט רעדען פון יאר צייט צו פארען אויף א ציון.
און דארפאר האט מען טאקי נישט געהאלטען פון די בראסלאווער חסידים – די טויטע חסידים וואס האבען נישט קיין רבי – אבער וואס פארען צו א ציון נאר.

י.פ)　　　　　　　　　　　　　　　　סאנצער רבי

ר׳ דוד לעלעווער האט זיך געפּרוווט פאַרענטפערען פאַר דעם לובלינער — נאָך די מסירות פון די צוויי לובלינער חסידים — בערל און כסיל — אָבער אַז ער האט געזען דאס עס געט נישט האט ער א שריי געטון: אויב אַזוי ווער דוד׳ל אהיימפאַרען און אויסטון די זשיפּיצע.

ער איז אהיימגעפאַרען און נאָך עטלעכע חדשים נסתלק געוואָרען — ז׳ שבט איז זיין יאָרצייט.

י.פּ)                                                                 סאנצער רבי

אז ר׳ דוד לעלעווער האט זיך משדך געוועזן מיט
דעם ייד הקדוש האט דער לובלינער געזאגט:
ביז יעצט האט ער געהאט נאר א האלבע וועלט – פון
יעצט וועט ער{ ?וין} [שוין] האבען א גאנצע וועלט

י.פ) סאנצער רבי

בשעת דער אלטער טשארטקאווער ר׳ דוד משה האט געשמוסט מיט ר׳ אלטער וואַלבעראמער וועגן דעם מחלוקת צווישען דעם לובלינער און זיינע דריי תלמידים – דעם חוזה דעם ייד הקדוש און ר׳ דוד לעלעווער – האט ער אים געפרעגט: נו – האט דער לובלינער נישט געקענט אבדרייען זייער שליסעלע אויבען און אבשוואכען זייער מדרגות.

האט ר׳ אלטער געענטפערט – ווייסט אויס דאס ער האט דאס נישט געקענט.

י.פ) סאנצער רבי

דער חוזה, דער ייד הקדוש און ר׳ דוד לעלעווער – די דריי תלמידים פון דעם לובלינער רבי וואס האבען אנגעפירט דעם מחלוקת געגען אים זענען אלע דריי אין איין יאר נסתלק געווארען.

דאס האבען חסידים געזאגט איז געוועזן ~~דער~~ זייער עונש, פארוואס זיי האבען צוגענומען די שענסטע חסידים פון דעם לובלינער בשעת זייער רבי האט נאך געלעבט.

י.פ) סאנצער רבי

ר׳ מעכעלע סלאטשאווער (?) האט געהאט דריי זון.

1) ר׳ יצחק סחיזשער

2) ר׳ יוסף — דער {דיסטילער} [אוסטילער] רב

3) ר׳ לעבעלע דער קאוולער רב

איינמאל איז א סחיזשער חסיד געקומען צו ר׳ חיים סאנצער. האט ר׳ חיים אים אויספירליך געפרעגט ווי אזוי ר׳ יצחק סחיזשער פירט זיך — זיין דרך חסידות, און התנהגות. האט ער אים דערציילט פארשידענעס, אבער ר׳ חיים איז נישט נתפעל געווארען — חאטש ער האט אים אויסגערעכענט דעם גאנצען סדר היום.

אז ער איז שוין געווען אין גאנצען פארטיג — דערמאנט זיך דער חסיד: איך האב יא פארגעסען צו דערמאנען — אז יעדען טאג פאר דעם דאווענען — אפילו ערב פסח און ערב יום כפור — צערנעמט ר׳ יצחק א זייגער און ~~נעמט~~ מאכט אים צוריק ~~אויך~~ צורעכט.

דאס ווייסט אויס האט אנגעטראפען ר׳ חיים ווי א געוואלדיגע עבודה און ער איז געוואלדיג נתפעל געווארען. ער האט באלד געהייסען משה יהושע — זיין {מקרב} [מקורב] — צו אויפשפאנען די קארעטע און גרייטען צו פארען נאך סחיזשע ~~און~~.

אבער עס האט זיך געמאכט עפעס איין סיבה נאך דער אנדערע און ער האט נישט געקענט פארען. {אן} [און] פונקט ווי ער איז געווען גערייט איז אנגעקומען א דעפעשע אז ר׳ יצחק איז נסתלק געווראן.

י.פ) סאנצער רבי

ר׳ ישראל יצחק, אלעקסאנדער רבי, האט נישט געוואקסען קיין בארד (ער איז אויך געשטארבען אן קינדער).

עס איז נישט געווען קיין גרויס ליבשאפט צווישען אלקסנדער און גער.

ווען גערער חסידים האבען חוזק געמאכט פון ר׳ ישראל יצחק און האבען אים גערופען: דעם רבין אָן א בארד — האבען די אלעקסאנדער חסידים געענטפערט — בעסער ווי א בארד אן א רבין.

(י.פ.) סאנצער רבי

ר׳ יצחק דראהאביטשער איז געווען דער עלטסער תלמיד פונ׳ם
בעש״ט. אין אנהייב איז ער געווען א {מתנגיד} [מתנגד] אבער שפעטער האט
ער אנגעהויבען צו גען אין דעם בעש״ט׳ס דרך.

זיין זון ר׳ מעכעלע זלאטשאווער איז נישט געווען קיין חסיד –
חאטש ער האט געהייסען א תלמיד חבר פונ׳ם מגיד.
ער האט געהייסען א תלמיד פון זיין טאטען – ר׳ יצחק
דראהאביטשער.

(דער סאנצער זאגט דאס ר׳ חיים האט איינגעפירט
א נייעם דרך אין חסידות – חאטש ער האט נישט
געקענט געבען איינצעלהייטען ווי און וואס אזוי איס דאס געווען)

י.פ)                                                    סאנצער רבי

ר׳ אלטער זשיקאווער האט מעיד געווען אויף דעם
סאנצער רבין: קיינער קען זיך נישט גלייכען צו ר׳ חיים!
ער דינט דעם עבערשטען מיט רציחה!

(פ.י   סאנצער רבי

בשעת דעם  דברי חיים׳ס  [סאנצער רבי] לעבען איז זיין טאכטער – די
רביצין פון ר׳ אליעזר קראקאווער (דעם {ראדישיצער} [ראדישיצער׳ס] אן אייניקעל)
געשטארבען. אויך נאך איר האט ער געפראוועט אבילות – נאר
א שעה און איז דאן אויפגעשטאנען פון שבעה און האט געפירט
גלייך ווי גאר נישט וואלט פאסירט – זיין רבישאפט.

פרייטאג נאכט ~~ביים טיש~~ (דאס הייסט ~~נאך~~ ~~ע איש ל~~ נאך אין
שבעה) ביים טיש דרייט ער זיך אויס צום איידעם וואס
איז געזעסען אונטער אים (ביים סאנצער האט זיך געפירט
דאס די איידעם׳ס זענען נישט געזעסען בים טיש מיט דעם
רבינ׳ס קינדער נאר באזונדער ביי א טיש – דאס האט
מען גערופען – דאס איידעם בענקעל) און אים געפרעגט – אליעזר
מען רעדט דיר עפעס גוטע שידוכים?

(דעם סאנצער רבי האט דערציילט די מעשה צו באווייזען דאס אנפערשטענדליכע
~~אויס~~ קאלטע ~~א~~ התנהגות פון דעם סאנצער בשעת צייטן פון –
גרויסען צער.)

י.פ)                                        סאנצער רבי

דער סאנצער רבי – דער דברי חיים – האט געקרוינט ר׳ אלטער וואלבעראמער אלס רבי. ער האט אים געגעבען א קוויטעל מיט 10 רובעל גולדען – וואס איז דעמולט געווען א גאר רייך פדיון.

ר׳ אלטער האט נישט געוואלט ליינען דאס קוויטעל, אבער דער סאנצער האט אים געהייסען און אים געזאגט געוואונשען – מיט דעם כח זאלט איר זיין א פועל ישועות.

י.פ) סאנצער רבי

דער זאנזער רבי האט דאס געהערט פון זיין שווער ר׳ אלטער דער וואלבעראמער רבי (אן אייניקעל פון ר׳ {דול} [דוד׳ל] לעליווער).

אז ר׳ חיים סאנזער׳ס דריטע פרוי איז געשטארבען האט ער זי אליין הערויסגעפירט אויף דעם ציון. און דאנוך {איך} [איר] נאכגעשריען: האב קיין מורא פאר קיינעם – זאג דו ביסט געווען מיין ווייב – לכי בשלום – לכי בשלום!

ער איז צוריק {אהיימגאנגען} [אהיימגעגאנגען] – געזעסען א שעה שבעה – און געבראוועט אבלות – און דענוך {אויפגעשטאנדען} [אויפגעשטאנען] – געפראוועט רבישאפט אזוי ווי גאר נישט וואלט געווען.

י.פ) סאנצער רבי

[הערה: פרגמנט. נמחק בכתב היד]

~~דער פאקט - דאס חאטש אז דער ייד הקדוש איז געקומען~~
~~צום אים לובלינער בתורת תלמיד - און האט מורא~~
~~געהאט אין לובלין גופא צו נעמען קוויטלעך - איז ער~~
~~ממש באלאגערט געווארען פון טויזענדע חסידים וואס~~
~~האבען אים נישט אפגעלאזט~~

נאך א סיבה וואס האט דעם לובלינער מקצר ימים
געטון – איז געווען דער פאקט – דאס חאטש דער ייד
הקדוש איז געפורען {צול} [צום] לובלינער בתורת תלמיד און
האט מורא געהאט צו נעמען קוויטלעך אין לובלין גופא –
איז ער ממש {בעלאגעט} [באלאגערט] געווארען פון טויזענדער חסידים.

י.פ) סאנצער רבי

דער טשארטקאווער, ר׳ דוד משה, האט געפרעגט ר׳ אלטער
וואלבאראמער – ~~דעם~~ אן אייניקעל פון ר׳ דוד לעלעווער – אים צו
זאגען ~~פאר~~ פון וואנען האט זיך גענומען די קפידה פון
דעם לובלינער צו ר׳ דוד לעלעווער.

האט ער אים דערציילט דאס ער האט געהערט אלטע חסידים
דערציילען דאס {דעל}[דעם] לובלינער האט שטארק חלישות {דעת} [הדעת]
געהאט ווען ער האט געזען דאס מען העבט אן צו פארען
צו זיינע תלמידים.

ער האט זיך אמאל אנגערופען: מיר זענען נישט געווינט
אויף אונזער עלטער דאס מען ברויכט נאך צו פארען צו
לערנען צו אונזערע תלמידים.

אויסער דעם האט מען דעם לובלינער אבגעטראגען מסירות
אויף די תלמידים.

די מסירות זענען געקומען מייסטענס פון צווי לובלינער חסידים,
כסיל און בערל – מען האט זיי אזוי גערופען ווייל א גרויסער
רבי האט אויף זיי געזאגט – ״איש בער לא ידע וכסיל
לא יבין את זאת״.

צדיקים האבען אויך אויף זיי געזאגט דאס זיי האבען
געהארעוועט 40 יאר אויף הרהור עבירה עדער זיי האבען
געפועלט דאס דער לובלינער זאל צונעמען פון זיי זייער
לשון הרע אויף זיינע תלמידים.

~~נאך א סיבה וואס האט אים מקצר ימים געווען געטון איז געווען~~

י.פ)　　　　　　　　　　　　סאנצער רבי

דער תולדות האט זיך משדך געווען מיט דעם אייניקעל פון ר׳ חיים סאנצער.

ר׳ חיים האט דווקא נאר געוואלט נאר דאס דער בעשט זאל נישט זיין אויף דער חתונה. און מען האט געמוסט פאלגען.

נאך דער חופה איז דער חתן כלה צוגעגאנגען צום בעש״ט וואס איז דעמולט געווען אין בראד און דער בעש״ט האט זיי צוגעווינטשען ״לאלה תחלק הארץ״.

שפעטער האט דעם {תולדות} {תולדות׳ס} זון געוואלט פארען קיין ארץ ישראל אבער זיין ווייב האט נישט געוואלט און דאפאר האבען זיי זיך ~~געג׳ט~~ געג׳ט.

[בכת״י השל:] בנו של התולדות נשא את נכדתו של ר׳ חיים.

י.פ) גדלי׳ שווארץ

ר׳ מאיר פרעמישלאנער האט געשריבען צום ריזשינער בשעת דער מעשה פון דעם לעוועד.

איר האט א בער – איך האב מורא עס וועט זיך
ארײנכאפען אין אים א מויל.

[בכת״י השל: (מויל = פארפוילטקייט
וואס כאפט זיך אריין אין אַ פעלץ)]

האט דער ריזשינער אים צוריקגעענטפערט.
דער בער האט א געזונטען פעל – אין דער מויל וועט זיך
נישט אין אים קענען האלטען.

י.פ) אײזיק בראנשטײן
(ישראל)

ביים מגיד איז געווען א מנהג אז נאך דעם טיש פלעגט די תלמידים מסביר זיין די דברי תורה און איבערזאגען איינער דעם אנדערען.

אמאל איז געווען א שפארעכס איבער א מאמר און מען איז געקומען צום באשלוס איבערצופרעגען דעם מגיד ~~דא~~ וואס ער האט געמיינט. על פי רוב ווען עס האט זיך געמאכט אזוי א פאל האט מען געבעטען ר׳ שלמה לוצקער דעם מגיד׳ס גבאי ער זאל איבער פרעגען ווייל אן אנדערער האט נישט געטורט אריין אן רשות.

ביי דער מעשה איז שוין געווען שפעט ביי נאכט און ר׳ שלמה לוצקער איז שוין {געווען} אהיימגעגאנגען.

האט מען באשלאסען אז דער תני״א זאל אריינגעען צום מגיד איבערצופרעגען. האט דער תני״א אנגעקלאפט אין דער טיר און דער מגיד האט געפרעגט ווער איז? ענטפערט דער תניא: ״איך״!

האט דער מגיד נאכאמאל געפרעגט און דער תני״א ווייטער געענטפערט ״איך״!

נאך עטלעכע מאל אזוי געפרעגט און געענטפערט ביז דער תני״א האט געענטפערט צום לעצטען מאל: זלמינו. (אזוי האט דער מגיד גערופען דעם תני״א) אז ער האט געענטפערט זלמיניו האט דער מגיד אליין געעפענט די ~~טור~~ טיר און אים אריינגעלאזט.

נאך איז געווען א מנהג אז ביים מגיד פלעגט זיך טרעפען אפט דאס פלוצלינג פלעגט דער מגיד זאגען צו איינעם פון זיינע תלמידים — ~~גע~~ דו זאלטס געען דארט — צו אין אן אנדערן ארט און פלעגט געבען אנווייזונגען וואו צו געען.

אז דער תני״א איז שוין געווען אים חדר פון דעם {תני״א} [מגיד] האט אים דער מגיד געזאגט: זלמינו — מארגען זאלסט דו פארען אין דעם און דעם דארף און זאלסטו אנטון פשוטע קליידער אז מען זאל דיך נישט דערקענען.

דער תני״א האט נאטירליך אויסגעפאלגט דעם מגיד׳ס באפעל און איז

געקומען אין דארף אריין פונקט ווי מען האט געזוכט א צענטען צו א מנין ביי א חופה וקדושין. דער נגיד פון דעם דארף האט חתונה געמאכט און עס האט געפעלט צום מנין. האט מען דעם תני״א {איינגערעכנעט} [אריינגערעכנט] צום מנין און זיך שטארק דערפרייט מיט אים. נאך דער חופה האט מען אים איינגעלאדען צו דער סעודת מצוה און מען האט אים געזעצט ביים עק ~~סוף~~ פון דעם טיש.

דער טיש איז געווען געדעקט זייער רייך און מען האט סערווירט מיט זילבערנע עס באשטעק.

נאך דער זופ קומט צו אים צו דער משרת און רוימט אים אן א סוד – ״פעטער לעבען – עס פעלט א לעפעל – גיבט אים זיישע מוחל אב!״ דער תני״א האט זיך געפילט שטארק באטראפען – און האט געטענעט נישט איך.

אזוי איז געווען 10 מאל – דער משרת האט אים געהייסען אבגעבען דעם לעפעל און דער תני״א האט געשריען נישט איך.

דער נגיד האט געזען וואס עס גייט אן – האט ער געזאגט אבער דער ייד איז אזוי שטארק ביי זיך זאל מען ~~באזו~~ באזוכען דעם משרת אליין. – און מען האט תאקי ~~אליין~~ געפונען ביי אים די גניבה. מען האט דעם תני״א מפייס געווען און דעם תני״א איז אהיימגעקומען.

דער מנהג איז געווען אז ווען מען איז צוריקגעקומען פון אזא שליחות האט מען זיך צום ערשטען געדארפט מעלדען ביים מגיד. דאפאר איז דער תניא זאפארט צוגעגאנגען צו דעם מגיד׳ס דירה און נאך עדער ער האט אנגעקלאפט אין דער טיר האט דער מגיד אויפגעמאכט די טיר – אויסגעשטעקט די האנד און אים געגעבען שלום. ״זלמינו – האט ער געזאגט – יעצט פאר-שטייסט דו שוין אז פאר איינמאל זאגען איך מוס מען 10 מאל האבענדיג יסורים שרייען נישט איך.

ר׳ מרדכי שלום יוסף פרידמאן – סאדאגארער רבי
געהערט י״ט כסליו ביים טיש פון זיין פאטער ר׳ אהרן

ר׳ אברהם סאכאטשאווער האט אמאל געפרעגט א באיאנער חסיד, ר׳ לעבעלע בענדינער, ער זאל אים נאכזאגען א תורה פון דעם באיאנער.

האט דער באיאנער חסיד נישט געוואלט פאלגען ווייל ער האט געזאגט דאס דער באיאנער רבי זאגט נישט אזאלעכע תורות וואס מען קען לייכט נאכזאגען.

אבער דער סאכאטשאווער האט אים צוגעדרוקט און האט געטענ׳עט — סטייטש א ייד פארט אזוי פיל יארען נאך באיאן — קען ער נישט נאכזאגען א דבר תורה פון זיין רבי׳ן?

האט ער אים געזאגט די תורה: פון וואנען איז געדרונגען דאס תשובה נבראת קודם העולם — ווייל אין דבר עומד לפני התשובה.

(י.פ.) ?

דער באהאשער האט נאכדערציילט דאס ווארט פון דעם ריזשינער.

א רבישע משפחה וועט צו געגלייכט צו אן עפּלבוים.

דער רבי איז דער בוים אליין – די קינדער זענען דעם בוים׳ס צווייגען און די ~~עפּעל~~ אייניקלעך זענען געגליכען צו די עפּעל.

תאמיר זענען די עפּעל נישט גוט – זאגט די וועלט אז דער בוים טויג נישט.

בעט איך אייך קינדער! פּירט זיך אב אז מען זאל נישט זאגען דאס דער עפּלבוים טויג נישט.

י.פּ) גדלי׳ שווארץ

דער בעשט האט אמאל געזאגט צו ר׳ בער דעם מעזריטשער מגיד אז עס וועט אראבקומען א נשמה וואס וועט ממליץ טוב זיין אויף יידן. איך {וויל} [וועל] שוין נישט זוכה זיין אים צו קענען אבער דו יא.

ווי אזוי וועסט דו אים דערקענען? אז ער וועט קומען מנחה דאווענען און א ייד וועט שטעען ביים עמוד און וועט אים נישט צולאזען צום עמוד.

שפעטער אסך יארען איז געקומען דער (שפעטערדיגער) בערדיטשעווער רב צום מגיד און ער האט געוואלט דאווענען מנחה און מען האט אים נישט {געלאז} [געלאזט].

האט דער מגיד זיך אנגערופען: דאס איז תאקי דער ~~יונ~~ יונגער מאן וואס דער בעש״ט האט געמיינט.

י.פ גדלי׳ שווארץ

~~ר׳ זיזשע אן איניקעל פון ר׳ יצחק מאיר איז געשאלפען~~
~~צוזאמען~~

ר׳ זיסשע דער זון פון ר׳ יצחק מאיר און אן אייניקעל פון דעם אבטער רב איז איינמאל געשלאפען אים זעלבען חדר מיט זיין זיידעם.

האט זיך דער אבטער רב אויפגעוואכט אין מיט׳ן דער נאכט און האט אונגעהויבען צו קרעכצען און צו שרייען: אוי ווער! איך בין א זינדיגער איך בין עובר עבירות וכדומה.

דאס יונגעל זיסשע – איז געווען דעמולט 12 יאר אלט – האט זיך אויך אויפגעכאפט פון דער שלאף און געהערט ווי דער זיידע דער אבטער רב האלט זיך אין איין באשולדיגן.

רופט ער זיך אן: זיידע איך קען עדות זאגען דאס דו ביסט נישט קיין זינדיגער.

פרעגט אים דער אבטער רב: עס שטייט דאך ״לא יקום עד אחד [באיש] לכל עון״?

ענטפערט אים זיזשע: יא, אמת, ~~אבל~~ אבער ~~נאך~~ נאר לכל עון דארף מען האבען 2 עדים – אבער אויף נישט קיין עון איז עד אחד אויך באגלעבט

י.פ) אלעזר זאהן

אין מעזשביזש איז געגאנגען דער טייך בוג און נעבען דעם טייך איז געווען א דאמבע וואס האט פעראורזאכט א גרעסערען שטילען טייך וואו יונגלעך האבען זיך געבאדען אים זומער.

האט ר׳ יצחק מאיר געזאגט – די קינדער שווימען זיך תאקי און טראכטען אפילו נישט ~~דאס דער ט~~ פון טובל׳ן זיך לשם מצוה – אבער דער טייך טוט זיך זיינס און איז זיי מטהר.

י.פ) אלעזר זאהן

א סטאלנער חסיד א גרויסער למדן איז געפארען קיין סטאלנע. אויף דען וועג איז ער אבגעטרעטין אין קאברין. אין קאברין איז געוועןן א רב – א גרויסער {מתנגיד} [מתנגד] – אבער א גרויסער למדן, און גדול בתורה.

איז דער חסיד געוועןן ביים רב און ~~געלערנט~~ גערעדט אין תורה – דער רב האט דערזען דאס דער ייד {אין} [איז] א גרויסער למדן. אז ער האט אבער געהערט דאס דער ייד פארט קיין סטאלנע – האט ער זיך אזש געריסען די האר – סטייטש – וואס וועט איר אויפטוען – ביטול תורה.

ענטפערט אים דער חסיד – דאס געען צו א רבין איז א מין עולה רגל זיין – מען לערנט אויף דער וועג – און ביים רבי׳ן לערנט מען זיך אויס מדות טובות – מוסר.

דער רב איז אבער נישט געוועןן צופרידען מיט דעם תירוץ.

זאגט אים דער חסיד – איך בין א שטיקעל יודע מחשבות אויב איר וועט מיר געבען רשות וועל איך פרווען טרעפען וואס איר טראכט. האט דער רב איינגעשטימט אויף דעם.

זאגט אים דער חסיד – איָא ! איר טראכט יעצט פון דעם פסוק ׳שויתי ד׳ לנגדי תמיד !

איז זיך מודה דער רב דאס ער האט אפילו נישט אנגעהויבען צו טראכטען יעצט פון דעם ענין.

ענטפערט אים דער חסיד – נו – דאפאר פאר איך תאקי צו מיין רבי׳ן – דעם סטאלנער. איך ווייס דאס ער טראכט יא <u>יעדער רגע</u> פון שויתי ד׳ לנגדי תמיד.״

י.פ)

פסח לעלטשיק

~~ר׳ אברהם שוחט~~

(סטאלנער חסיד)

ר׳ אשר סטאלנער איז געקומען אין א שטעדטעל און האט דארט געטראפען א מגיד וואס איז אויך אהינגעקומען צו זאגען א דרשה אויף שבת.

צום סטאלנער האט די גאנצע שטאדט געטראגען געלד אבער דער מגיד האט גאר קנאפ מצליח געווען.

שפעטער איז דער שטאדט מגיד און ר׳ אשר׳ל צוזאמען געקומען. האט דער מגיד געפרעגט דעם סטאלנער — גיבט מיר צו פארשטיין. איר האט גאר ~~וועג~~ ווייניג גערעדט — האט מען אזש צוגעטראגען דאס געלד און איך האב געזאגט א גרויסע, לאנגע דרשה האב איך קוים געזעען א צורת מטבע.

ענטפערט אים דער סטאלנער: פארשטייט! איך בין א שונא בצע — אז איך רעד גיב איך אריין דעם עולם דעם זעלבען חוש פיינד צו האבען געלד — גיבען זיי עס מיר אוועג.

איר ווייטער האט שטארק אים זינען געלד — קומט אויס אז דארך אייערע דרשות פלאנצט איר איין דאס זעלבע געפיל אין דעם עולם וואס הערט אייך אויס — באקומען זיי ליב זייער אייגען געלד און גיבען עס נישט אוועג.

פסח לעלטשיק

~~ר׳ אברהם הכהן~~

(סטאלנער חסיד)

י.פ)

א פרוי ~~וואס~~ איז געווען פארהייראטעט צו א סטאליער.
ער איז אפטמאל אוועגגעפארען צו זוכען ארבייט. איינמאל איז ער
פארשוואונדען געווארען און זי האט קיין שום אות פון אים געהאט.
איינמאל איז ר׳ אשר׳ל* סטאלנער דארכגעפארען דאס
דארף ווי די פרוי האט געוווינט. שוין ביים אוועגפארען
האט זיך די עגונה צוגעשלאגען און מיט א ביטער הארץ אים דער ציילט פון אירע צרות.
[*בגיליון: נישט 100% זעכער דאס דאס איז ר׳ אשר אבער זעכער פון סטאלנער גזע]
ער איז געשטאנען ביים וואגען בשעת זי האט אים דער ציילט
איר מעשה. האט ער געגעבען א קוק אויף דעם ראָד פון
דעם וואגען און געזאגט אז מען דארף רופען א סטאליער –
ווייל מען דארף עפעס פארעכטען דאס ראד.
אז דער סטאליער פון דארף איז געקומען האט דער
רבי מיט אים אנגעהויבען צו רעדען פון דער פארשוווּנדענעם
סטאליער – ביז ער האט געגעבען א שריי צו אים: זיי
זיך מודה!
און דער רבי האט געווירקט אויף אים דאס ער זאל זיך
מודה געווען – דאס בשעת א מחלוקת האט ער אים ~~געהרג~~
געהרג׳ט און אים באגראבען ביי זיך אין הויף.

י.פ)                                                       פסח לעלטשיק
(סטאלנער חסיד)

ביי ריזשינער חסידים איז געגאנגען דאס ווערטעל דאס וואס מען שלייפט דעם דימענט אלס ווערד ער שענער און וואס נענטער קומט מען צו משיח

מען האט דאס געזאגט דאס אפילו די אייניקלעך פון די גרויסע ריזשינער קינדער זענען הייליג.

זע אויך מעשה ~~פון~~ וואס דער סאדאגארער האט געזאגט וועגן מען האט צוגעקלאקט ~~דער~~ ר׳ ישראל׳נו סאדאגארער ~~וואס~~ פארוואס ער האט געזאגט איך וויל זיין א גרעסערע רבי ווי מיין טאטע

י. פ)

פנחס לאנדוי

די רעביצין גיטעלע, ר׳ ישראל׳נו (דערנאכדעם דער סאדאגארער [)] און ~~דער באיאנער~~ ר׳ יצחק (דערנאך דער באיאנער) האבען זיך געשפילט צוזאמען בשעת זיי זענען נאך געווען גאר קליינע קינדער.

געשפילט האבען זיי ״רבי און חסידים״ און מען האט זיך איינער דעם אנדערען געגעבען קוויטעלס.

בשעת די קליינע גיטעל האט געגעבען ר׳ ישראל׳נו א קוויטעל האט ער זיך אנגערופען (ער האט נאך אפילו נישט געקענט אויסרעדען דעם ג׳): איך בין א דרעסערער רבי ווי דער טאטי (דער אלטער סאדאגארער). גיטעלע איז געווען שטארק ברוגז און האט אים ~~געמא~~ געגעבען א פאטש — האט זי ישראל׳נו צוריק געשטופט און זי האט זיך צערבלוטיגט.

איז זי אריינגעלויפען צום טאטי׳ן דעם אלטען סאדאגארער און ר׳ דוד ארטענבערג (דער בארדיטשעווער רב) איז אויך געווען בשעת די מעשה איז פאר געקומען — און האט ~~אים צ~~ ר׳ ישראל׳נו צוגעקלאגט. ~~דעם~~

האט זיך דער סאדאגארער אנגערופען: ער איז דאך גערעכט — גאלד וואס מער עס לויטערט זיך אלס בעסער וועט עס.

י.פ.　　　　　　　　　　　　　　　　　　מתתי׳ שפעקטאר
(באיאנער חסיד)

ביים אלטען הוסיאטינער האט געדויערט די נענועים פון
הושענה רבה 4 שעה נאך איינאנדער.

איינמאל האט זיך א יונגער מאן געוואגט א בליק צו חאפען
אונטער זיינעם טלית האט ער געזען ווי בלוט גיסט זיך
ווי וואסער פון זיין נאז און ער האט גאר נישט מרגיש
געווען.

י.פ) יעקב טייטעלבוים

אז דער אלטער הוסיאטינער איז {נסתליק} [נסתלק] געווארן האט די רביצין דערציילט בשעת זי איז געזעסען ביי שבעה א מעשה.

איינמאל יום כפור ביי נאכט האט זי געהערט ווי מען קלאפט אן אין דעם פענסטער און א נשמה בעט: רבי גיט מיר א תיקון!

זי איז געווארען א דערשראקענע. דער הוסיאטינער האט צוגעזאגט דער נשמה אז מען וועט אים נישט קענען שאדען און איר האט אנגעזאגט דאס זי זאל קיינעם נישט דערציילען און אז דאס נישט דערציילען איז א סגולה צו אריכות ימים.

י.פ)                                                   יעקב טייטעלבוים

(געהערט פון זיין טאטען)

~~פּור~~ אפילו פּורים און שמחת תורה ביי די טישען
האט מען נישט געזען קיין שום תנועה פון א {לעבעדיגט } [לעבעדיגן]
מענשען פון דעם אלטען הוסיאטינער.

מען האט מורא געהאט פון התפשטות הנפש.

חסידים האבען פאר מורא אנגעהויבען צו זינגען און
קלאפען מיט די לעפעלן און גאבעלן.

איינמאל איז געווען אזא שרעק אז מען גערופען
די רביצין זי זאל אים געבען א שאקל און אים
אויף מונטערן.

י.פּ)                                                                   יעקב טייטעלבוים

איינמאלביים טיש האט דער אלטער הוסיאטינער דערזען אז ער האט נישט געהאט ביי זיך דאס זילבערנע טאבאק פושקעלע.

האט ער זיך אנגערופען צום גבאי ר' דוד. וואס איז אגב {איך} [אויך] געוועז זיין רבי: זאלס וויסען דאס דו האסט מיך ממש איינגעשטעלט.

י.פ) יעקב טייטעלבוים

דער {באשטוטשער} [בוטשאטשער] רב האט דער ציילט דאס דער ״כוחב מיעקב״
ר׳ יעקב׳ל רומילעווער רב דער בעל מחבר פון דעם ספר ״[כוחב {כוכב}
מיעקב״ – א גאון עולם – האט מען אמאל געברענגט נאך הוסיאטין
כל צו מכשיר זיין א מקוה וואס מען האט דארט געבויט.

איז ער געקומען צום אלטען הוסיאטינער און האט מיט אים
איבערגעשמוזט א טיפען ענין און סברא אין הלכות מקוואות.

האט דער רמילעווער רב דערנאך דערציילט דאס דער הוסיאטינער
האט געטראפען די סברא פון דעם ראב״ד און מכוון געווען
זיינע געדאנקען

(חסידים האבען אויך געהאלטען דאס דער הוסיאטינער
איז געווען א גדול בתורה חאטש מען האט קיינמאל
נישט געהערט פון אים אווארט תורה נישט ביי די טישן
און אזוי אויך נישט)

י.פ) יעקב טייטעלבוים

דער גרויסער גאון עולם, דער {באשטוטשער} [בוטשאטשער]  רב, וואס איז
געפארען קיין טשארטקאוו האט אויף דעם אלטען טשארטקאווער
מעיד געווען דאס חנוכה ווען ער זאגט ויהי נועם
איז ער ממש ~~לובש~~ פושט צורה און לובש צורה.

י.פ)                                                            יעקב טייטעלבוים

דער אלטער הוסיאטינער איז געווען א קפדן. איינמאל האט זיך
געטראפען דאס דער גבאי ר׳ דוד האט אים דערלאנגט א
כוס און דער כוס האט זיך איבערגעקערט. האט דער
הוסיאטינער זיך {אויסגערייעט} [אויסגעדרייט] צום אים און אים אנגעקוקט מיט
~~אזא~~ בליק וואס האט אים א שרעק באפאלען.

ר׳ דוד האט באלד באקומען אן אויסשלאג אויף דער האנד
און האט נישט געטארט אריינקומען צום רבין א שטיק
צייט ביז ער האט אים געקענט איבערבעטען.

י.פ) יעקב טייטלבוים

דער באטשאטשער רב האט דער ציילט פון דעם אלטען טשארטקאווער
די פאלגענדע מעשה
בײ א טיש איז א ייד צוגעגאנגען צום רבין און בשעת
לחיים טרינקען האט ער צערבראכען א פלאש וויין און דער וויין
האט זיך צוגאסען אויף דעם טשארטקאווער. דער ~~ייד~~ ייד איז
שעור נישט חלשות געבליבען אויף דעם ארט – {שטייטש} [סטייטש] דעם
הייליגן רבי׳ן באגאסען מיט וויין.
דער טשארטקאווער האט באלד תופס געווען וואס
דער ארמער ייד פילט – האט ער באלד זיך אנגערופען – דאס
אז מען {בערט} [ברעכט] א פלאש – איז א שמחה און סימן ברכה.
מיט דעם האט ער דעם יידן ממש מחייה געווען.
דערנאך האט דער רבי אים געשיקט מיט דעם גבאי א קאפאטע
א מתנה אים צו ווייזען דאס ער האט נישט חלישות דעת
געווען [בגליון: ?]

י.פ) יעקב טייטעלבוים

ר׳ יעקבל טייטעלבוים׳ס פאטער האט נאך געקענט א יידן וואס איז געווען א שמש ביים אבטער רב.

דער ייד איז געווען א זייער א פראסטער. אלס שמש איז אים אויסגעקומען צו שלאפען אין זעלבען חדר ווי דער אבטער רב.

איינמאל האט דער אפטער רב געפראוועט אזאלכע פירונגען וואס האבען אים נישט געלאזט שלאפען. האט ער זיך אויסגעשריען צום אפטער רב – לאזט מיך שלאפען.

האט אים דער אפטער בארואיגט און האט אים געזאזגט: שלאף, שלאף! עס וועט גאר נישט געשען.

י.פ) יעקב טייטלבוים

דער טארנער רב האט דער ציילט אז א ייד האט אים דערציילט
אז ער איז אמאל געוען אין סאנז. ~~דערמולט געראד איז דער~~
דברי חיים איז געווען שוואך און האט געדאווענט אין א סעפאראטען
חדר פאר זיך.

עס איז געווען ספירה און חסידים האבען אויף א הויכען
אופן ~~געש~~ שרייענדיג געזאגט לשם יחוד (דער נודע
ביהודה ~~פסקנ׳ט~~ אין א תשובה זאגט זיך ארויס אז מען
זאל נישט זאגען קיין לשם יחוד)

איז דער סאנזער רב ארויס פון זיין חֵדר און
האט אנגעהויבען צו שרייען אויף זיינע חסידים: ״חאסקעל
(דער נודע ביהודה) ~~פּס~~ זאגט אז מען זאל נישט גאר נישט
זאגען קיין לשם יחוד און ענק שרייטס נאך! [״]

י.פּ)　　　　　　　　　　　　יעקב טייטעלבוים

אלס[?] דער אלטער סאדאגארער איז נסתלק געווארען י״א אלול איז געווען ~~שמחת תורה~~ אז אלע יום טובדיגע טישען זענען די צוויי ברידער ר׳ יצחק (באיאנער) און ר׳ ישראל׳נו (דערנאך דער סאדא-גארער) געזעסען צוזאמען.

צו שמחת תורה ביי אתה הראת האבען חסידים שוין אנגעהויבען צו רודערן און זיך צו קריגען ווער עס זאל צוגעען צו אתה הראת – אבער צום סוף איז צוגעגאנגען דער שטענדיגער בעל התפילה.

אבער צו שבת בראשית ~~זענען~~ האבען שוין די ביידע ברידער געפראוועט סעפאראטע טישן.

ביי ר׳ יצחק׳ס טיש (ער איז געווען דער בכור) זענען געזעסען ר׳ דוד ארטענבערג און ר׳ יוסף ישראל׳ס – צוויי פון די שענסטע סאדאגארע חסידים וואס זענען נאך געווען ביים ריזשינער.

אז ר׳ יצחק האט אנגעהויבען צו זאגען תורה – דאס הייסט דאס ערשטע מאל וואס ער האט אנגעהויבען צו זאגען תורה אלס רבי – האט ער אנגעהויבען מיט די ווערטער: בראשית – זאג איך ש׳ בת – שבת (דאס זעלבע ווערד געבראכט אין זהר).

האט ר׳ יוסף ישראל׳ס אנגעהויבען צו ציטערן פון התפעלות

און האט זיין שכן ~~(דער פאטער פון~~ אזש צערקראצט דאס פלייש אזוי האט ער אים אנגעכאפט דעם פוס.

זענען חסידים פארחידוש׳ט געווארען – וואס איז דאס ווארט אזוי גאוניש? וואס דארף מען אזוי אריין אין התפעלות? עס {שטיין} [שטייט] דאך אין זהר!

האט ר׳ יוסף ישראל׳ס און אויך ר׳ דוד ארטענבערג (דער בארדיטשעווער רב) דער ציילט אז ווען ר׳ יצחק איז געווען א קינד פון א יאר ~~(ער איז געווען~~ האט מען אים אריינגעטראגען

צום ריזשינער און דעמאלט האט מען אים אויסגעלערנט צו זאגען דאס ערשטעווארט זיינ׳ס ״גוט שבת״. דעם שבת האט ער נישט גוט ארויסגערעדט — אז ער איז ארויסגעקומען ש׳ בת.

האט זיך דער ריזשינער אנגערופען — הערט — ער זאגט ש-בת — שבת.

און דערפאר זענען די אלטע ריזשינע חסידים אזוי נתפעל געווארען פון ר׳ יצחק׳ס ערשטע דברי תורה אלס רבי.

י.פ)

מתתי׳ שפעקטאר
(באיאנער חסיד)

װען דער אלטער טריסקער האט זיך משדך געװען מיט דעם הוסיאטינער זענען אלע רוזשינער קינדער געװען ביי דער חתונה.

ביים טריסקער איז געװען א מנהג איינגעפירט דאס ער פלעגט בענשען חתן כלה פאר דער חופה – האט ער געװאלט בענשען דעם הוסיאטינער.

האט דער הוסיאטינער אים געבעטען ער זאל פרעגען דעם עלטערן ברודער – דעם סאדאגארער.

אז דער טריסקער האט דעם סאדאגארער איבערגעפרעגט האט דער סאדאגארער געענטפערט:

יא איר מעגט בענשען אבער אן הענד! אז מען בענשט מיט הענד מוס מען זיך דאך אנבעגען.

אונזער טאטע האט זיך ~~פאר קיינעם~~ נישט איינגעבויגען פאר קיין מענשען – מיר אויך נישט און אפילו אונזערע קינדער אויך נישט.

י.פ) אלכסנדר ביסטריצקי

דער טארנער רב האט דער ציילט די פאלגענדע מעשה פון דעם ריזשינער.

דער ריזשינער איז געווען אמאל אין {סקארלאט} [סקאלע]. דארט האט געוווינט דער מחבר פון שו״ת בית שלמה – א וועלט גאון.

פרייטאג ביי נאכט קוים, קוים פאר ליכט בענשען האט דער ריזשינער גערעכערט זיין לולקע {ציבער} [ציבעק] און האט פלוצלינג גערופען דעם בית שלמה צוריק און אים געבעטען ער זאל זאפארט פסק׳נען צו אונס ממון הייסט אן אונס צו נישט.

האט דער בית שלמה באלד אויסגעמישט די גמרא כתובות יח: צו דער משנה: העדים שאמרו כתב ידנו הוא זה. און פון דעם רשב״א אויף דער סוגי׳ה קען מען פסק׳נען אז אונס ממון איז אן אונס.

אזוי ווי דער ריזשינער האט דאס דערהערט האט [ער] {אוועגגעוואפען} [אוועגגעווארפען] די לולקע און פונקט אין צייט ווייל מען האט שוין געדארפט בענשען ליכט.

דערנאך האט דער ריזשינער דער ציילט די מעשה.

עס איז געווען א ייד וואס האט געהאלטען א ברענעריי פון בראנפן. אויף צו מאכען פרנסה און נישט דארפען אלס אוועגגעבען אויף שטייערן – האט איינגעפירט א רערעל וואס האט אוועג-געפירט בראנפן אויף א זייט אזוי הערומעט דאס אויף דעם האט ער נישט געדארפט צאלען קיינע שטייערן.

אז ער איז געקומען אויף יענער וועלט צום בית דין – האט דער ייד געטענעט דאס ער האט קיינמאל אין זיין לעבען נישט מחלל שבת געווען נאר איינמאל. איינמאל זענען געקומען שטייער בעאמטע פונקט אין שבת צו קאנטראלירען זיין ברענעריי. האט דער ייד מורא געהאט דאס אויב מען וועט אויסגעפינען

[דאס] רערעל וועט ער בדיל הדל ווערען. האט ער אוועגגענעמען דאס רערעל און אזוי געמוסט מחלל שבת זיין. טענעט יעצט דער ייד דאס עס געווען אן אונס ממון און ער איז פטור. און מען האט אויבען דן געווען דאס דער ריזשינער זאל בעטען דעם פוסק הדור צו פסקענען צו אונס ממון איז אונס צו נישט.

דאפאר האט דער ריזשינער געבעטען דעם בית שלמה צו פסקנען דעם דין חאטש עס איז שוין געווען אזוי שפעט פאר ~~פרייט~~ ליכט בענשען.

י.פ)

יעקב טייטעלבוים

(די מעשה אליין געהערט פון
דעם טארנער רב
יעקב טייטעלבוים א תלמיד פון
דעם טארנער רב)]

ר׳ נחום בערי׳נו האט דער ציילט די פאלגענדע מעשה פאר דעם אלטען סאדאגארער.

צום אבטער רב איז געקומען א דארפס ייד זיך ראטען צו ער זאל דינגען אן ארענדא ביי א פריץ. האט אים דער אבטער רב אנגעזאגט 6 פונקטען וואס ער זאל איינשרייבען אין קאנטראקט.

אז דער ייד איז ארויסגעגאנגען פון דעם אבטער רב איז אים נאכגעלאפען דער סאווראנער רב און פרעגט אים איבער דאס 5 אופנים האט ער פארשטאנען אבער דעם טען אופן נישט. (דער סאווראנער רב האט אוודאי געמיינט דאס דער אפטער רב האט דא {אויסגערעכנעט} [אויסגערעכנעט] 6 אופנים פון עבודה). דער ייד אבער האט דעם סאווראנער רב נישט פארשטאנען ווייל ער האט נישט געוואוסט וואס דער חילוק איז צווישן פונקטען און אופנים.

אז ר׳ נחום בער האט געענדיגט די מעשה האט זיך דער אלטער סאדאגערער אנגערופען: אז א גרויסער מענש זאל רעדען און עפעס אנדערש ~~פארשטיין~~ מיינען, פארשטיי איך. אבער אז א מענש זאל רעדען און 2 מענשען זאלען אנדערש ~~פאט~~ פארשטיין — דאס פארשטיי איך נישט

י.פ) יעקב טייטעלבוים

דער באטשאטשער רב האט געהערט פון ר׳ דוד ארטענבערג
(דער בארדיטשעווער רב) וועגן דעם ספר ״בית רבי״ אדער
״{וויקוח} [ויכוח] רבי [רבה]״ וואס באשרייבט דעם {וויקוח} [ויכוח] צווישען דעם שפיטיוקער
רב און דעם נודע ביהודה.

ר׳ דוד האט נישט געוואלט אפילו האלטען דאס ספר ביי
זיך אין שטוב – האט עס הערויסגעווארפען ווייל ער האט געהאלטען
דאס דאס ספר׳ל איז געשריבען געווארען פון א לץ.

אמת איז אז דער שפיטיוקער רב איז געוועזן אין פראג
ביים נודע ביהודה וועגען אן ענין פונ׳ם תולדות –
אבער די אנדערע זאכען וואס ווערען באשריבען אין דעם ספר׳ל
זיינען אויסגעטראכטע שטותים.

י.פּ) יעקב טייטעלבוים
געהערט פון דעם באטשאטשער
רב. יעקב טייטעלבוים אויך
א תלמיד פון דעם באטשאטשער רב

אז דער שפּיטיווקער רב איז אהיימגעקומען פון דעם נודע ביהודה האט ער אנגעהויבען צו שרייבען השגות אויף דעם נודע ביהודה.

האט ער זיי געוויזען דעם מגיד ממעזריטש. האט דער מגיד זיי נישט געהייסען דרוקען און זיך אנגערופען:

השגות קען מען מאכען אויף יעדען מחבר. דער {ראבי״ד} [ראב״ד] האט געמאכט השגות אויף דעם רמב״ם {אבען} [אבער] אים הימעל האט מען אויסגערופען — דאס הכריזו מן שמים שהלכה כמשה.

{איז}[איך ?] זאג הלכה כנודע ביהודה.

י.פ) יעקב טייטעלבוים

דער טארנער רב האט דער ציילט אז עס איז ידוע
דאס דער בעש"ט האט זיך אנגערופען:
אויף דעם דארען חאזקעל (דער נודע ביהודה איז געווען
א הויכער א דארער) שטייט 3/4 וועלט.

י.פ) יעקב טייטעלבוים
(א תלמיד פון דעם
טארנער רב — געהערט פון
אים)

דער טארנער רב האט דער ציילט די מעשה:

דעם נודע ביהודה׳ס ווייב איז געווען א קרובה פון דעם בעש״ט. {איימאל} [איינמאל] זענען זיי אלע געווען צוזאמען אויף א ברית.

האט דער נודע ביהודה׳ס ווייב גענעמען איר זון יעקב׳סקא און אן דעם מאן׳ס וויסען אים געלאזט בענשען פון דעם בעש״ט.

דערנאך ביי דער סעודת מצוה פון דעם ברית — האט דער נודע ביהודה געבעטען דעם בעש״ט זאל זאגען תורה. האט דער בעש״ט נישט געוואלט זאגען ווייל ער האט געזאגט דאס עס וועט אייך (דעם נודע ביהודה) סיי ווי סיי נישט געפאלען.

אבער דער נודע ביהודה האט אים אזוי {מבציר} [מפציר] געווען דאס דער בעש״ט האט יא געזאגט תורה.

און דער סוף איז געווען דאס די תורה האט דעם נודע ביהודה תאקי נישט געפאלען.

י.פ)

יעקב טייטעלבוים
(א תלמיד פון דעם טארנער רב. אליין געהערט פון אים)

דער ריזשינער האט שטארק געהאלטען פון דעם בית שלמה.
אז ער האט חתונה געמאכט דעם טשארטקאווער האט ער דעם
בית שלמה געבעטען אז ער זאל אים בענשען.

ער האט אויף דעם בית שלמה געזאגט אז ער האט דעם
צלם אלקים.

י.פ) יעקב טייטעלבוים

ר׳ אשר סטאלנער (ר׳ ישראל׳ס סטאלנער פאטער) [[נפטר געווארען
אין תרל״ג]] איז אמאל געקומען אין א דארף און א
חסיד וואס האט ר״ל נישט געהאט קיין קינדער האט
אים פארבעטען צו זיך אין הויז אריין.

דער חסיד איז נעביך געווען א גרויסער קבצן און האט
נישט געהאט קיין שום פארצעליינע כלים מכבד צו זיין
דעם רבין — האט די בעל הבית׳טע אויסגעליען ביי א שכינה
א פארצעלייענען טעלער און א ~~שיסעל~~ טעפעל.

מען האט געדעקט אן ארעמען טיש אין דרויסען ביי א וואסער
און מען האט מכבד דעם רבין מיט פרות און קאווע.

בשעת דער סעודה {אין} [איז] ארונטער געפאלען דאס טעפעלע פונ׳ם
רבינ׳ס האנד און איז צערבראכען געווארען. די בעל בית׳טע
{איג} [איז] געווארען געוואלדיג אויפגערעגט אבער זי האט צופיעל
דרך ארץ געהאט צו וואגען צו זאגען דעם רבין, אמאי
דאס טעפעל איז {צערבאכען} [צעבראכען] געווארען.

שפעטער זעעט זי ווי דער רבי נעמט דאס שיסעלע
אוןווארפט עס אריין אין וואסער אריין — און עס האט אויסגעזעען
ווי דער רבי האט דאס געטון אום ויסטען.

זאגען דעם רבין האט זי מורא געהאט אבער געקאכט
האט אין דער פרוי — וואס פאר א תירוץ וועט זי האבען פאר
דער שכנה.

שפעטער האט זיך אבער אויסגעוויזען דאס דער סטאלנער
האט דאס געטון אומוסטען ווייל ער האט געוואוסט דאס עס וועט
אזוי אויפרעגען דער פרוי — און דאס וועט איז זיין {צור} [דער] רפואה.

די אויפרעגונג האט געווירקט אויף איר בלוט וואס האט
פארהאלטען איר פון האבען קינדער.

י.פ)

אברהם הכהן
סטאלנער חסיד

ר׳ פנחס קאריצער האט נישט געוואלט ארײנלאזען ר׳ מעכעלע זלאטשאווער צו אים, ווייל ר׳ מעכעלע איז געפארען צום מגיד, און נישט צום תולדות.

ר׳ פנחס האט געהאלטען דאס וואס דער מגיד איז געווארען רבי אויף דעם {בעשט} [בעשט׳ס] ארט הייסט הסגת גבול – ווייל אלס תלמיד מובהק פון דעם בעש״ט האט די רביסטווע געדארפט בלייבען ביי דעם תולדות.

נישט אז דער קאריצער האט ח״ו געהאט אויסצוזעצען שאלות אויף דעם מגיד אבער ער האט געהאלטען דאס בלייבען רבי קומט דעם תולדות

י.פ) פנחס לאנדוי

דער אבטער רב׳ס מנהג איז געווען צו האבען פארשידענע זשיפיצעס
צו פארשידענע געלעגענהייטען און ער האט געלעגט אסך געוויכט
אויף דעם.

איינמאל פאר שבת שקלים איז אים אויסגעקומען אז ער דארף
האבען א זשיפיצע אויף שבת. חאטש עס איז שוין געווען
דאנערשטאג האט ער גערופען א שניידער און אים געהייסען ער זאלט
תיכף ומיד אים מאכען א זשיפיצע און עס דארף פארטיג זיין אויף שבת.
דער שניידער האט געטענעט עס איז נישט ביכולת אזוי שנעל מאכען
א זשיפיצע – אבער דער אבטער רב האט געהייסען.

נו – א חסיד איז ער געווען – דער שניידער – האט ער אוועגגעווארפען
אלע אנדערע ארבייטען און האט זיך גענעמען צו דער ארבייט.

ער האט געארבעט יעדע מינוט פון דעם טאג און דער נאכט
און עס איז אים געלונגען אריינצוברענגען די זשיפיצע פונקט
פאר ליכט בענשען.

דער אבטער רב איז געווארען נתפעל פון דער שטיק ארבייט –
און האט {אנגעהובען} [אנגעהויבען] דעם שניידער מיט גרויסע שבחים: אז ער האט
זיך אזוי מקריב געווען – ער איז אים מקנא – {אלוואי} [הלואי] ער וואלט זיך
געקענט אזוי מקריב זיין לעבודת הבורא. א. א. וו.

דער שניידער איז ביי זיך געווארען שטארק גרויס פון
די אלע שבחים און האט געזאגט צום אבטער רב – אויב
תאקע יא אזוי – נו – איך האב א מעדעל און {איך} [איר] האט א יינגעל
אפשר וואלטען מיר זיך משדך געווען.

דער אבטער רב איז שטעען געבליבען און האט אים א פרעג
געטון – וואס ביסט דו געווען פאר דעם אז דו ביסט געווארען
א שניידער. ענט פערט אים דער שניידער: א שניידער יונג און ער
איז מודה געווען אז בשעת זיינע לערניארען איז געכאפט געווען
ביי צוגנבענע׳ן די איבערגעבליבענע שטיקווארע׳ס.

אט דאס האט דער אבטער רב זיך אונגערופען האט קאליע געמאכט
דעם שידוך – אויב נישט דאס וואלט ער אפשר עפעס געווארען דאפון.

י.פ)                                                        ניישטודט

ר׳ משה דער סלאוויטער רב האט נישט געוואלט דרוקען

ר׳ וועלוועל זשיטאמיר׳ס ספר דעם ״{מאור} [אור] המאיר״ ווייל ער האט געטענעט [בגליון: ?]

איך ווייס דאס איר האט ~~געירשינט~~ מקבל געוועזן מער פון מיין פאטער ווי פון דעם מגיד – אבער אין אייער ספר ברענגט איר שטענדיג דעם מגיד

י.פ) פנחס לאנדוי

דער דערציילער פון דעם ווארט האט עס געהערט פון זיין באבע די רעביצין רייזעלע – די טאכטער פון ר׳ יוסף דוד ארליקער (און די פרוי פון ר׳ מרדכי ווארשיליוּוקער) וואס האט עס אליין געהערט פון איר שוויגער די רביצין דינעלע (די עלטעסטע טאכטער פון דעם אבטער רב ( זי איז געווען די פרוי פון ר׳ ישראל לעטשיניצער.

טאכטער לעבען – האט זיך אמאל דער אבטער רב אנגערופען צו איר – איך האב מורא אז מיינע אייניקלעך לא די זיי וועלען אליין נישט זיין קיינע רביס [זיי] וועלען נאך זיין אפיקורסים.

זיי וועלען מיינען דאס פונקט אזוי ווי זיי זענען גארנישט – זענען מיר אויך געווען ב גאר נישט.

י.פ) ניישטודט

ר׳ נחום טשערנאבעלער פלעגט פארען קיין מעזשביזש נאך
דען ציון פון דעם בעשט – איז ער נאטירליך אויך געווען
ביי ר׳ ברוך.

איינמאל האט ער געדארפט אנקומען נאך מעזשביזש. און
די נסיעה האט לאנג געדויערט.

אז ער איס שוין אנגעקומען האט אים ר׳ ברוך געפרעגט
פארוואס עס האט ~~אל~~ אזוי לאנג גענומען. האט אים דער טשערנאבעלער
געענטפערט דאס אויף דעם וועג האט עפעס פאסירט א מעשה
דאס א נשמה פון יענעם עולם האט אים געטראפען אויף דעם
וועג און האט אים נישט געלאסט ווייטער פארען ביס ער וועט
אים נישט צוזאגען דאס ער וועט אים געבען א תיקון.

האט אים ר׳ נחום געפרעגט אויף וואס פאר א חטא ער בעט
א תיקון. האט ער אים געזאגט דאס ער האט געווינט אין
דער זעלבער שטאדט ווי ר׳ נחום און האט אים שטארק ~~גערודפ׳ן~~
גערודפ׳ט. האט אים ר׳ נחום געענטפערט דאס ער איז אים דעם חטא
מוחל. האט די נשמה ווייטער זיך אנגערופען – דאס איינמאל האט
ער געווארפען א שטיין אויף ר׳ נחום. ״דאס אויך מוחל געווען.[“]
די נשמה האט ווייטער זיך פארופען אויף חטאים און ר׳ נחום
האט אים אלס מוחל געווען.

דערנאך האט די נשמה געזאגט דאס איינמאל אנגערעדט
א קאזאק דאס ער זאל האבען צו טוען{״} מיט ר׳ נחום׳ס
טאכטער. האט ר׳ נחום אויסגעפירט: דעם חטא וועט איך אים נישט
מוחל זיין. איך האב אים פארווארפען אויף אלפי פעמים אין שאול
תחתיות.

האט ר׳ ברוך אויף דעם געענט פערט: אויף מיר זאגט
מען אז איך בין א בעזער רבי און אויך אייך
זאגט מען אז איר זענט א גוטער רבי. א יידישע נשמה

וואלגערט זיך {זיך} אזוי לאנג און דער בלאטע קען מען
האבען א הארץ אים לאזען זיך אזוי לאנג פלאגען?

באלד האט ר׳ ברוך אנגטון זיין תיליפ און ער און
ר׳ נחום זענעןביידע געגאנגען אין דרויסען און האבען
זיך פארזוימט א שטיק צייט. אז זיי זענען צוריקגעקומען
האבען זיי געזאגט דאס זיי האבען שוין געגעבען דער נשמה
א ריכטיגן תיקון.

די מעשה האט דער אלטער הוסיאטינער רבי דער ציילט חנוכה
נאך ליכט בענשען

י.פ) יעקב טייטעלבוים

צום אלטען באהאשער איז געקומען א פאר פאלק מיט א בת יחידה. דער ייד האט זיך באקלאגט ביים רבי׳ן אז זיין בת יחידה איז געווען א זייער גראטענע. ער האט זי גליקליך חתונה געמאכט אבער פון דער חתונה נאכט איז זי שטארק שלאף. זיי זענען שוין מיט איר אויס געווען די גאנצע וועלט, אבער די דאקטוירים זאגען דאס אזוי איס זי אים גאנצען געזונד אבער זי האט א שמערצען אין הארצען, וואס מאכט זי שלאף.

חאטש די פאמילע זענען קיינמאל נישט געפארען צו א רבי׳ן האט זיך דאס מיידעל איינגעשפארט דאס זי וועט קיינעם נישט אויסזאגען וואס איר ליגט אויף דעם הארצען נאר דעם רבי׳ן.

אז זי איז אריינגעקומען צום באהאשער האט ער איר געזאגט דאס ״מיר מעג מען אלעס אויסזאגען״

האט זי דער ציילט די פאלגענדע מעשה:

איידער זי האט חתונה געהאט מיט אירען איצטיגן מאן – איז זי שוין געווען א כלה. דער חתן אבער האט זיך געפעלט און זי האט חתונה געהאט מיט דעם איצטיגן מאן – וואס איז גוט אי צו ג-ט אי צו לייט. אבער אין דער חתונה צייט איס דער אמאליגער חתן איר געקומען צו חלום און פון דעמאלט איז זי שלאף.

האט דער רבי געזאגט: נו ער (דער ערשטער חתן) איז דאך גערעכט. פון שרעק זענען די עלטערן און דאס מיידעל חלשות געבליבען.

אז זיי האבען זיך אויפגעמינטערט האט דער רבי זיי געזאגט: עס איז א מנהג ישראל אז דער חתן קומט צו דער כלה – אזוי ווי דו האסט דיר נישט אבגעשניטען די האר האט ער זיך נישט דערקענט דאס דו ביסט אן אשת איש.

איך זאג דיר צו אז דו ועסט די אבשערען די {האט} [האר] ועט דער אמאליגער חתן דיר שוין נישט צו חלום קומען.

זי האט דאס צוגעזאגט און שוין אבגעשוירען די האר אין דער נאכט האט זי שוין דעם פריערדיגן חתן נישט געזען אין חלום.

דערנאך האט דער באהאשער געלאסט רופען דעם מאן. זיי זענען געזעסען אין באהאש 7 מאנאטען און נאך 7 מאנאטען האט זי ~~געש~~ געהאט א קינד.

י.פ) אייזיק בראנשטיין

(געהערט פון זיין פאטער)

צו ר׳ ישראל בוהושער איז אין 1917 בשעת דער מלחמה געקומען אן ארמע קאלאנעל. עס איז געווען אין שבת און דער רבי האט געהאלטען נאך אין מיטן דאווענען. דער אפיציר האט געוואלט אן אודיענץ. דער בוהושער האט אים אבער נישט געוואלט אויפנעמען ווייל עס איז געווען שבת. דער אפיציר האט זיך אבער איינגעעקשנ׳ט און געטענ׳עט אז זיין אודיענץ איז צוליב מלחמה צוועקען און ער מוס זעען דעם רבי׳ן. האט דער בוהושער ענדליך בעשטאנען דארויף און אים אריינגעלאסט צו זיך אים חדר, אבער נאר מיט דעם תנאי. אז דער גאנצער עולם זאל מיטגעען. האט דער אפיציר איינפעשטאנען און איז געגאנגען אריים צום רבין.

האט ער אים דער ציילט דאס ער איז געקומען צוליב אן ענין וואס {וואס} לאסט אים נישט רוהען. אזוי וויע ער אליין איס געבוירען געווארען א קריסט, איז ער לכתחילה געגאנגען צום מעטראפאל אבער אזוי ער האט אים נישט געקענט געבען קיין צו פרידענשטעלענדיגע ענטפער איז ער געקומען צום ראש פון דעם יידישן דת – אים דעם בוהושער.

אבער איידער ער געט ~~זיך פ~~ דערציילען פון דעם פראבלעם וועט ער זיך אליין פארשטעלען. ער איז א הויכער אפיציר אין דער ארמע – א דאקטער פילאזאפי, דאקטאר כעמי, דר. אינזשונער, דר. אדוואקאט, א צייטונגסשרייבער און א פריידענקער. אזוי ווי ער איס אן אדוואקאט איז זיין ~~אף~~ אויפגאבע אין דער ארמיי אז די זאלדאטען זאלען שווערען טרייהייט צום לאנד פאר אים אזוי ווי ער איז א גרויסער פאטריאט אבער אין דער זעלבער צייט א פריידענקער וויל ער וויסען צו די שבועה וואס די זאלדאטען שווערען לויט זיין נוסח איז א ריכטיגער אדער נישט.

הייסט אים דער רבי נאךאמאל אויס רעכענען זיינע טיטולים און דער

זאגט זיך נאכאמאל איבער.

שטעלט אים דער בוהושער א פראגע: וואס פאר א פארב {האט} [האר]
זענען פאראן ביי מענשען – ענט פערט דער אפיציר, ברוין, שווארץ,
בלאנד און גרוי. און ביי עופות? זאגט ער פארשידענע פארבען –
כמעט אלע פארבען פונ׳ם רעגנבויגען.

פרעגט אים דער רבי: פארוואס ביי מענשען זענען נאר די
פארבען און ביי עופות זענען פאראן אלע. ווייס דער אפיציר
אים נישט צו ענטפערן. פרעגט אים דער רבי נאכאמאל אפשר
קענט איר ענטפערן לויט דער תורה פון כעמי. ניין – זאגט אים
דער אפיציר. רעכענט ער אים אויס די אלע געביטע וואו ער האט
באקומען דעם טיטעל דאקטאר – אבער דער אפיציר
ווייס אלס נישט צו ענטפערן.

רופט זיך אב דער בוהושער: ווייסט דו פארוואס די פארבען
פון די עופות זענען אזוי קולירפיל ווייל ג-ט האט אזוי געהייסען
האסט דו שוין א ~~סימן~~ ראיה דאס עס איס דא א ג-ט אויף דער וועלט.

דאפאר דארפסט צו דיך נישט זארגען ווייל די זאלדאטען שווערען
צו ג-ט נישט צו דיר.

אז דער אפיציר האט דאס דערהערט איז ער געפאלען דעם
רבי׳ן צו די פיס און האט אים געקושט די פיס.

און האט זיך א קער געגעבען צום עולם און אויסגעשריען צו זיי: זייט
שטאלץ מיט דעם דאס איר האט אזא ראש פון אייער רעליגסן.
איין זאך ווינש איך אייך איר זאלט איינער אים אנדערען געזונד און אלס גוטס.

י.פ)

אייזק בראנשטיין
(ישראל)
געוועזן אליין ביי דער מעשה

בשעת ר׳ מרדכי שלום יוסף׳ס (סאדאגארע-פשעמישל) רביצין איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל אין 1939 (~~תשט~~ תרצ״ט) האט ער דער צעלט די מעשה פון דעם ריזשינער.

דאס יאר וואס דער ריזשינער איס נסתלק געווארען האט ער 62 מאל געזאגט ״והיא שעמדה ~~לאבונת~~ לאבותינו״. איינער פון זיינע קינדער האט אים געפרעגט דעם באדייט פון אזוי פיל מאל זאגען ״והיא שעמדה״.

האט ער געענטפערט: א זאך וואס מען וויל מגלה זיין דארף מען דארויף פרעגן. דאפאר האב איך אזוי פיל מאל דערמאנט דעם פסוק אז איר זאלט פרעגן.

איך וויל אייך געבען א סימן פון זמן גאולת ישראל. עס וועט קומען א זמן וואס מען וועט טרייבען יידען מארבע פינות העולם. אין קיין ארץ ישראל וועט מען זיי אויך נישט אריינלאזען – זאלט איר דערמאלט וויסען אז דאס וועט זיין זמן גאולת ישראל.

(דעמולט אין דער צייט האבען די ענגלענדער נישט אריינגעלאסט יידען קיין ארץ ישראל).

י.פ.

אייזק בראנשטיין
(ישראל)

ר׳ זיזשע זינקעווער ~~איז געזעסן קיין~~ האט געגעסן קעסט ביים סאווראנער רב וואס איז געווען דער זיידע פון זיין רביצין.

איינמאל יום הקדוש ביי נאכט זעט דער סאווראנער רב ווי ר׳ זיזשע זיצט אין שול און לערנט חושן משפט.

פרעגט אים דער סאווראנער רב — נו וואס זאגסט דו דא צו יום כפור ביי נאכט לערנט מען חושן משפט?

ענטפערט אים ר׳ זיזשע: אם יש דין למטה אין דין למעלה.

האט דער סאווראנער רב א לאך געטון און געזאגט:

ביסט תאקי א חכם.

י.פ) גדליה שווארץ

דער בעלזער רבי האט געגעסען קעסט ביי ר׳ אהרן טשערנאבעלער.

איינמאל דערנאך האט ער ביי דער תורה עטלעכע מאל איבערגעחזר׳ט ״דער זיידע דער ״מאור {העינים} [עינים]״ האט געזאגט, דער זיידע דער מאור {העינים} [עינים] האט געזאגט״.

דערנאך האט ער געזאגט: דער עיקר איז אז די מחשבה, דיבור ומעשה דארף זיין פאר השם יתברך הוא אליין — בלתי לשם לבדו.

גדליה שווארץ　　　　　　　　　　　　　　　　　　　　י.פ)

1) דער ריזשינער האט זיך נאכגעפרעגט וואס דער לובלינער האט געזאגט - בשעת דער פטירה פון ר׳ שלום פראהאבישטער.

2) וואס האט פאסירט מיט דעם ריזשינער בשעת ער איז געווען צוזאמען אין איין שענק מיט א בראדער סוחר.

3) דעם ריזשינער׳ס אווארט וועגען אריינגען אין הימעל אריין.

4) [דער] ריזשינער טייטש אויס דאס מחלוקת צווישען יעקב און לבן.

5) א ווארט פון דעם ריזשינער אז זיינע קינדער וועלען [זיין ?] די קויל (bullet) [[קול יעקב]] וואס וואט "נעמען" דעם קייזער (Czar?).

6) דריי ווערזיעס וועגען דעם ריזשינער׳ס א ווארט — ווען א חסיד האט זיך באקלאגט דאס זיין פאטער טוט אים אן יסורים ווייל ער פארט צום רבין.

7) וואס דער ריזשינער האט געזאגט צו א חסיד וואס האט זיך באקלאגט אויף זיינע קינדער.

8) דעם לאוועד רבין׳ס א טייטש אויף דעם פסוק "~~ופנית~~ ופנית בבוקר והלכת לאהלך".

9) פארוואס דער ריזשינער האט זיך נאכגעפרעגט אויף אן אלטען ײדען וואס איז געוועז ביי אים און דערנאך האט מען אים נישט געקענט געפונען.

10) דעם אלטען סאדאגארעס אווארט וועגען דער מלחמה צווישען ניקאלייען און דעם טערק (Crimean War ?).

11) א מעשה וואס דער ריזשינער פלעגט דערציילען פורים ווי אזוי זאכען פירען זיך נישט אזוי ווי דער מענש וויל נאר ווי דער רבונו של עולם וויל עס זאל זיך פירען (וועגען א שידוך צווישען א בן הרופא און א בת הרב).

12) א מעשה וואס דער ריזשינער האט אליין דערציילט ווי אזוי ער האט געפועלט דאס א גביר א קמצן זאל ווערען א מכניס אורח.

13) נאך א מעשה וואס דער ריזשינער (?) האט דערציילט וועגען א גביר וואס איז געווארען א מכניס אורח.

15) א מעשה פון א ייד וואס איז געווארען א ריזשינער חסיד נאכ- דעם א חבר זיינער האט אים געבראכט א גרוס פון דעם עולם האמת אז דארט גיט מען אב גרויס כבוד צו די יידען וואס זענען געפארען אדער אפילו האבען געגעבען געלט צו ר׳ אברהם פראהאבישטער אדער צו זיינע קינדער.

16) א מעשה וואס דער ריזשינער האט דערציילט פון אן אפיקורס
וואס איז געקומען צו אים און האט אים געפרעגט פארוואס
אמאליגע צדיקים האבען מוכיח געווען בעלי עבירה און
יעצט זענען די צדיקים גאר מקרב די בעלי עבירה –
און וואס דער ריזשינער האט אים דארויף געענטפערט.

17) ווי אזוי דער ריזשינער האט אויסגעטייטשט דעם מאמר
״אלמלא שמרו ישראל שתי שבתות מיד היו נגאלין״
ווען אן אפיקורס האט אים געפרעגט א שאלה דארויף.

18) ווי אזוי ר׳ שלום מקארלין און ר׳ מרדכי (נחום ?) מטשערנאביל
האבען נאך דען הסתלקות פון דעם מלאך זיך
צערטיילט מיט די יתומים ר׳ שלום שכנא און ר׳ ישראל
חיים און א מעשה וואס איז געשען מיט ר׳ שלום שכנא,
מיט א {מופס} [מופת].

19) א מעשה וואס דער אלטער טשארטקאווער האט דערציילט פון
דעם מגיד מקאזשניץ ווי אזוי ער האט געוואלט ברענגען
די גאולה שלמה – און וואס דער טשארטקאווער האט אליין
אויסגעלאסט
({ברעגט} [ברענגט] אויך פון דעם בעשט און דעם מגיד).

20) א פשט פון דעם אלטען סאדאגארער אויף דעם
פסוק ״התשכח אשה...ואני לא אשכחך״ און וואס דער
ריזשינער האט געזאגט אויף דעם פסוק.

21) דער שרייבער פון דעם כתב יד דערציילט ווי אזוי
דער אלטער סאדאגארער האט געפראוועט 3 אלטע זקנים
איינעם אן באהאשער חסיד און דער אנדערער א סאווראנער חסיד –
און וואס שפעטער דער באהאשער חסיד האט דערציילט וואס
דער באהאשער רבי האט דערציילט וועגען ר׳ משה לייב
מסאסאב.

22) מנהגים פון דעם ריזשינער און וואס ער האט געזאגט
צו חסידים וואס זענען געקומען זיך באקלוגען אויף נייע
גזירות אין רוסלאנד.

23) + 24) מאמרים פון דעם ריזשינער אויף אלטע צדיקים וואס
אויף דעם עולם האמת האבען זיי פארגעסען מזכה צו
זיין די וועלט.

25) א מאמר פון דעם (ריזשינער אדער סאדאגארער) ביי
בדיקת חמץ.

26) א מעשה וואס איז געשען בשעת דער ריזשינער איז געווען
אין {באדיטשוב} [בארדיטשוב] (?) מיט א סוחר וואס איז געווען
פארבונדען מיט שדים און ווי אזוי דער ריזשינער האט
אים געראטעוועט.

27) דער ריזשינער האט דערציילט א לאנגע מעשה פון
א סאווראנער חסיד וואס חאטש דער סאווראנער רב
האט אים נישט געקענט ראטעווען און דער ריזשינער האט
אים יא געהאלפען – איז ער פארט ווייטער געפארען צו
זיין אייגענעם רבין – דאס איז אמת'ע אמונה.

28) וואס דער סאדאגארער ר' האט געזאגט ביי
א רקוד פון חסידים אין דעם יאר ווען דער באיאנער – זיין ברודער
האט זיך ארויסגעצוגען קיין באיאן.

29) ווי אזוי דער אלטער סאדאגארער האט געהיילט א שטארק
קראנקען חסיד און וואס ער האט געזאגט וועגען דאקטוירים
בכלל.

30) דער ריזשינער האט דערציילט א מעשה וואס ווייזט אן דאס
אמת׳ע אמונה פון א חסיד אין דעם צדיק באשטייט דאס
ער האט אמונה אין דעם צדיק חאטש עס זעעט זיך אים
אויס אנדערש ווי דער צדיק זאגט אים.

31) וואס דער סאדאגארער _____ (?) האט געענטפערט
דעם אלטען סאדאגארער (?) בשעת ער איז געווארען בר מצוה.

32) וואס דער ריזשינער האט געענטפערט א גביר א [מתנגיד] {מתנגד}
— וואס האט זיך באקלאגט דאס זיין זון — א יונגער
מאן — האט זיך באזעצט אין ריזשין און איז געווארען
א חסיד.

33) ווי אזוי א ייד איז געהאלפען געווארען פון א סכנה׳דיגע
שלאפקייט פון דעם אלטען סאדאגארער חאטש ער האט אים
נאר איינמאל געגעבען שלום — און פון דעמולט אן איז ער
געווארען א סאדאגערער חסיד.

34) ווי אזוי דער סאדאגערער רבי האט לאנג ~~אויסגעשטרעקט~~
געמאכט זיין טיש ביז ער האט דערגרייכט נאך נאוואסעליץ
ווי יידען זענען געזעסען טרויערדיק ווייל זיי האבען נישט
דערספעהעט צו קומען צום רבין אויף שבת.

35) א מעשה ווי אזוי דער סאדאגארער האט געראטעוועט א שטארק שלאפען חסיד וואס מען האט אים שוין מייאש געווען.

36) דעם סאדאגארער׳ס ברכה — א רפואה שלמה האט געהאלפען

37) דער באלאכאווער האט דערציילט וואס איז געשען מיט א יידען מיט א קרענקען זון וואס איז געפארען צו זיין רבין נאך נישחיז.

אויף א תורה פון דעם רבין (?) אויף דעם פסוק ויהי הבל רועה צאן.

38) א מעשה ווי אזוי דער בעשט האט א טובה געטון א יונגען מאן א ירא שמים אויף יענער וועלט און ווי אזוי ארום איז ר׳ וואלף קיצעס — וואס איז פריער געווען א {מתנוגד}[מתנגד] פון דעם בעשט געווארען דעם בעשט׳ס א חסיד (געהערט פון דעם באלאכאווער).

39) דער באלאכאווער האט דערציילט א מעשה ווי אזוי דער מאיר נתיבים אין בראד האט געוואלט שמייסען דעם בעשט (~~וואס מ~~ וועמען מען האט גערופען ״ישראל דער באבעס״) ווייל ער האט אנגעהויבען צו דאווענען נוסח ספרד אבער דער בעשט האט באוויזען א {מופס} [מופת] און דער מאיר נתיבים האט געמוסט אים מפייס זיין און מודה זיין דאס דער בעשט איז א בעל {מופס} [מופת].

40) חאטש צווישען ר׳ מאיר פרעמישלאנער און דעם סטרעטינער איז געווען א מחלוקת ווען די טאכטער פון דעם סטרעטינער איז געווען שלאף איז מען געקומען צו ר׳ מאיר בעטען פאר א רפואה שלמה.

ר׳ מאיר האט דעם יידען וואס איז געקומען בעטען געגעבען צוויי שמאטעס און דאביי דערציילט א מעשה פון א גביר וואס ער איז געווען א קמצן און ר׳ מאיר האט אים געמאכט פאר א גרויסען מכניס אורח. (אויך געהערט פון׳ם באלאכאוואר).

41) א מעשה ווען דער סאדאגארער און זיין ברודער דער באיאנער האבען זיך געשפילט בשעת זיי זענען געווען גאר קליינע קינדער און דער סאדאגארער האט זיך אנגערופען דאס ער איז גרעסער ווי דער מגיד און וואס דער אלטער סאדאגארער האט דארויף געזאגט.

42) חסידים האבען אמאל שטארק געבעטען דער אלטען טשארט-קאווער צו זאגען תורה — האט ער זיי דערציילט א מעשה ווי אזוי דער מגיד האט געראטעוועט א חסיד זיינעם פון פערהאפט ווערען פון א חברה ~~שדים~~ שדים.

43) ווי אזוי דער ריזשינער האט געענטפערט אז מען האט אים געפרעגט פארוואס מען זעט אים נישט באווייזען {מופסים} [מופתים] ווי אנדערע רביס און א מעשה וואס ער האט דערציילט (א {מופס} [מופת]) ~~פון זיין פאטער - ר׳ שלום שכנא~~ דאס ער אליין האט באוויזען אז ער איז געווען א קינד (ער האט געהאלטען דאס נאר אלס קינד האט ער געוויזען {מופסים} [מופתים] — שפעטער איז ער ארויף אויף א העכערע מדריגה.)]

44) נאך א {מופס} [מופת] וואס דער ריזשינער האט באוויזען
בשעת ער איז געווען א קינד - (דערציילט פון אים
אליין).
45) רביצין גיטעלע - דעם סאדאגערעס שוועסטער דערציילט ווי איר
ברודער האט צו טאפען [?] אפילו אויף א מחשבה
46) רביצין גיטעלע האט אויך דערציילט ווי אבגעהיטען איר ברודער
איז געווען ווען ער איז נאך געווען א קינד אין וויגעלע.
47) א מעשה ווי אזוי דער קאפיטשיניצער רבי האט געהאנדעלט מיט
א בחור וואס האט זיך פארליבט אין א שיקסע.
48) דער באיאנער רבי דערציילט וואס ער האט געהערט פון דעם אלטען סאדאגארער
ווי אזוי ר' שלום שכנא האט אויסגעקליבען א נאמען פאר דעם ריזשינער
און פארוואס דער ריזשינער האט נישט געוואלט הייסען ר' פייוויש לויט ~~דעם~~
ר' פייוויש קרעמיניצער חותנו של המלאך. אויך דערציילט דער באיאנער
א מעשה ווי אזוי דער מגיד האט געשיקט דעם ר' שמעלקע און דעם בעל
הפלאה צו ר' פייוויש פאר א שידוך מיט דעם מלאך.
49) אן אלטער ריזשינער חסיד דערציילט וואס דער ריזשינער האט דערציילט
וואס מיט אים איז געשען ווען ער איז נאך געווען א קליין
קינד - און פארוואס ער האט ~~געזע~~ געטענעט "וואס האב איך צו טוען
מיט דער נידריגער וועלט".
50) ווי אזוי דער ריזשינער האט געטראפען וואס א ווינער פראפעסאר
וואס איז געקומען צו אים האט געהאט במחשבה.

51) ווי אזוי ר׳ אהרן (?) סאדאגארער האט אויסגעטייטש דעם מאמר
״מי שמתו מוטל לפניו״.

52) ווי אזוי ר׳ ישראל סאדאגארער האט געהיילט א שטומען בחור.

53) וואס דער שטעפענעשטער האט דערציילט ווי אזוי צדיקים פון
רשב״י האבען געוואלט די גאולה ברענגען און נאר דער רבינו של עולם
און דער ס״מ האבען געוואוסט ווער דער יחיד וואס קען ברענגען
די גאולה איז. דעם כח איז איבערגעגעגען פון צדיק צו
צדיק און דער לעצטער דער ריזשינער האט עס איבערגעגעבען צו זיינע קינדער
וואס זענען זיך מוסר נפש פאר כלל ישראל.

54) א מעשה וואס דער רימינאווער האט דערציילט פון זיין פאטער
ר׳ הירש {משרש} [משרת] וואס ער האט געהאט אסך קינדער וואס זענען אוועק
בחייו און ער האט געשריבען ר׳ שלום מקאמינקע וואס ביי אים איז
אוועקגעגאנגען א קינד דאס ער האט זיך אויסגעלערנט די מדה
פון מקבל יסורים באהבה פון א דארפס יידינע און האט
דערציילט א מעשה פון דער יידינע.

55) א לאנגע מעשה וואס דער ריזשינער האט דערציילט פון דעם
בעש״ט ווי אזוי זיינער א חסיד וואס איז געווען א יורד האט אנגענומען
א שליחות פון דעם בעש״ט און אזוי ארום האט שפעטער געהאלפען
דאס דער בעשט זאל אויסגעפונען וועגען א מקוה וואס איס
פסול ~~און דאפאר~~ {אן} [און] וועגן שדים א. א. וו. (דער ריזשינער איז שפעטער
געפארען קיין לובלין אויף א חתונה ?).

56) ווי אזוי דער טשארטקאווער בשעת ער איז געווען א קינד פון 6 יאר האט איינגעטייטש השי"ת מאמר "וקרח שפיקח היה" .

57) ווי אזוי דער טשארטקאווער האט געהאלפען א ייד א {מתנגיד} [מתנגד]
וואס זיינע שונאים האבען אוף אים אויסגעטראכט א בלבול.

58) דער סאדאגארער (וועלכער?) דערקלערט פארוואס ער האט איינער? פון זיינע קינדער ליבער פון די אנדערע ?.

59) א לאנגע מעשה וועגען א ייד א סוחר וואס איז געווארען אן עני
ואביון און דער סאדאגערער – ר' ישראל – האט אים געהאלפען צוריק
ווערען אן עושר.
(אינטערעסאנט וועגען די באשרייבונג פון עקאנאמישע מעטאדען ביי
ארענדא'ס און געשעפטען).

60) ווי אזוי דער אלטער סאדאגארער האט געלערנט פשט אין דעם
מאמר אין דער גמרא "וחזקי' גנז ספר הרפואות" – ווען
ער האט געהאלפען א חולה ווערען געזונד

61) ווי אזוי דער ריזשינער האט גערוטען דעם גרויסען ליפעראנט
פאר דעם צאר יעקב יוסף היילפערין ווי אזוי זיך ארויסדרייען
פון א קרימינאל אויספארשונג
(אינטערעסאנט פאר א בילד וועגען געשעפטליכע "מאראל" ביי יידען
אין רוסלאנד).

62) א מעשה ווי אזוי דער ריזשינער בשעת ער איז געווען אין א דארף
צווישען קיטוב און קאסאף – דארט ווי דער בעשט האט געוווינט
איידער ער איס נתגלה געווארען – האט געשעמוסט מיט אן ערל – א גאר אלטען –
וואס האט ~~גע~~ געהאט אן אויפטראג פון דעם בעשט איבערצוגעבען
א ~~זא~~ פעלענעם זאך צו ר׳ ישראלינו (דעם ריזשינער).

63) בשעת דער ריזשינער איז געזעסען אין געפענגעניש האט א גביר א חסיד
געפועלט מען זאל אים ארייּנלאזען און ווי אזוי ער האט געבראכט
גריס צווישען דעם ריזשינער און זיין מוטער און די סימנים וואס
זענען אנגעגאנגען צווישען דעם ריזשינער און זיין מוטער.

64) וואס דער טשארטקאווער האט געזאגט דעם רימינאווער וועגען
נישט אברעכענען חצות און האט {זי} [אים?] דערציילט א מעשה פון
דעם בעשט ווי אזוי ער האט געדינט דעם רבונו של עולם ״במחשבה
לבד״.

65) וואס דער טשארטקאווער האט געזאגט פשט אויף א מאמר בזהר
וועגען ״מאן דרחים לי׳ הקוב״ה...

66) דעם אלטען סאדאגארע׳ס אויסטייטש פון דעם פסוק ״וימת
מלך מצרים ויאנחו בני ישראל מהעבודה״.

67) אן אנדערען טייטש אויף דעם זעלבען פסוק פון דעם אלטען סאדאגארער.

68) ווי אזוי א לובלינער חסיד האט אויסגעקליבען דעם ריזשינער
פאר זיין רבין — צוליב דעם ווייל דער ריזשינער איז געווען
דער איינציגער צדיק וואס האט דערקענט פון וועמען דער לובלינער
חסיד האט געלערנט תורה.

אין ריזשין האט געוווינט א ייד מיט דען נאמען מאשקע
וואס איז געווען א גרויסער גדול בתורה.

ער איז אין אנהייב געפארען קיין אבט אבער שפעטער האט
ער זיך באהעפט  אין דעם ריזשינער.

ר׳ מאשקע האט זיך דערוואוסט דאס דער אבטער רב ווייס
דאס ער פארט שוין נישט קיין אבט נאר צום ריזשינער.
ער האט {מורה}[מורא] געהאט דאס צוליב {פחיסת} [פחיתות] הכבוד קען עס נאך
שאדען דעם ריזשינער.

האט ער געוואלט פועל׳ען ביים ריזשינער דאס ער זאל פארען
קיין אבט איבערבעטען {אלמאי}[הלמאי] ער האט ביי אים צוגענעמען
אזא געהויבענען מענשען. ער האט זיך אבער געשעמט דירעקט צו
רעדען מיט דעם ריזשינער וועגען דעם ענין. איז ער געגאנגען
צו דעם ריזשינער׳ס מוטער און זי איז געגאנגען צום
ריזשינער ביי אים פועל׳ען. לכתחילה האט ער נישט געוואלט
פארען אבער אז די מוטער האט גוזר געווען בגזירת כבוד
אם איז דער ריזשינער געפארען קיין אבט. מאשקע איז
מיטגעפארען.

געקומען קיין אבט איז דער ריזשינער געקומען צום אבטער
און האט אים געוואלט איבערבעטען. האט אים דעם אבטער נישט
געלאזט: ״עצט זענד גרויס אין דעם היכל און אין דעם
היכל (ער האט אויסגערעכענט עטלעכע היכל׳ס)
איר דארפט מיך נישט איבערבעטען! אבער דעם מאשקע בין איך
נישט מוחל – ער וועט נישט מוצא שנתו זיין.[״]

דער ריזשינער מיט זיין עולם און מאשקע [זיינען] צוריקגעפארען
קיין ריזשין. אויף דעם וועג זענען זיי איינגעשטאנען
אין א קרעטשמע. מען האט געדאווענט מנחה, געטרונגען
לחיים. דערנאך הייסט דער ריזשינער ברענגען א טהרה

ברעט און געהייסען ר׳ מאשקע זיך אויסשטרעקן דארויף. מען האט אים צוגעדעקט און דערנאך האט דער ריזשינער געהייסען מאכען הקפות און דאן אהיימגעפארען. ר׳ מאשקע איז געבליבען לעבען.

אין א צוויי יאר ארום איז געווען א חתונה אין אבט. דער ריזשינער איז געפארען קיין אבט אויף דער חתונה און ר׳ מאשקע איז מיטגעפארען.

אז מען האט געזען ר׳ מאשקע אין אבט איז געווארען א גרויסער רעש — סטייטש דער אבטער האט דאך אויף אים געזאגט דאס ער וועט נישט מוצא שנתו זיין.

האט דער אבטער רב זיך אנגערופען: איך האב נישט געוואוסט דאס דער ריזשינער קען מיך אזוי בעארבייטען.

י.פ)  אייזיק בראנשטיין

ווען דער ריזשינער איז נאך געזעסען אין ריזשין האט דארט
געוווינט א ייד מיטן נאמען ~~מאשקע~~ מאשקע. דער מאשקע איז
געווען א גדול בישראל – געפראוועט האט ער א פייערדיקע תיקון חצות.

איינמאל האט ער געפראוועט א חצות אזוי מיט התלהבות אז
עס אים אזש געגאנגען עד {חלות} [כלות] הנפש.

צופאליג איז דער ריזשינער פארבייגעגאנגען זיין הויז ווען
ער האט געפראוועט דעם חצות. האט זיך דער ריזשינער צו
אים אנגערופען: זייט רוהיקער – נישט אזא האסטיק – איז דער
ייד געקומען צו זיך.

י.פ) אייזיק בראנשטיין

דער ריזשינער׳ס צווייטע פרוי איז געווען ר׳ הירשעלע רימינאווער׳ס אלמנה.

נאך דער חתונה האט זי דעם ריזשינער געפרעגט וואס האט דער רימינאווער געזאגט אויף מיר?

האט זי געענטפערט: מיין ערשטער מאן האט געזאגט דעם ריזשינער קלעקט נישט קיין געלד און כבוד פון דער גאנצער וועלט און טראצדעם האט ער נישט נהנה געווען דאפון.

האט זיך דער ריזשינער אנגערופען: אוודאי – אוודאי! איך האב נישט דערווארטעט ער זאל אזוי ווייט וויסען.

י.פ) חיים באראד

געהערט פון פאשקאנער רבי

ביי א סעודה האט דער אבטער רב דערפילט אז א ייד וואס זיצט ביים טיש ארט עס אים וואס דער אבטער רב עסט אזוי פיל.

רופט זיך צו דעם ייד אן דער אבטער רב: נעמט עפעס אין מויל אריין – זייט עפעס טועם. ענטפערט דער ייד – איך קען נישט – איך קום ערשט פון דעם עסען – איך קען נישט עסען נאכאמאל.

זאגט דער אבטער: ווי אזוי קען זיך א ייד אזוי פיל אנעסען דאס עס קען שוין בּ מער נישט אריין. מען דארף תמיד איבערלאזען א ביסעל.

די וועלט האלט איינעם פאר א גרויסער עסער וואס ער עסט אסך – איך זאג דאס איינער וואס קען נישט מער עסען ווייל עס גיט שוין נישט מער אריין הייסט א פרעסער.

י.פ) יעקב טייטעלבוים

דער אבטער רב איז געזעסען ביי דער פרייטיגדיגע סעודה
און האט געטרונקען און געגעסען לויט זיין שטייגער.
איז א ייד אויך געזעסען און האט געוויינט אויף זיינע צרות.

רופט זיך אב דער אבטער רב: יידן ליידען אזוי
פיל דחקות און איך זיץ מיט אזוי פיל רחבה מיט
כל טוב וטוב. בין איך דאך אוודאי פון די וואס
דער רבונו של עולם באצאלט דעם {סחר} [שכר] אויף דער וועלט אזוי
ווי עס שטייט: משלם לשונאיו על פניו!
אפשר האב איך אמאל געטון א זאך וואס דער רבונו
של עולם באצאלט מיר דעם גאנצער {סחר} [שכר] בעולם הזה.
בעט איך דיך רבונו של עולם! ביי מיר איז נישט
קיין עולם הזה אז איך עס און דער ייד וויינט מיר
אין קאפ אריין. בעט איך דיך ~~אריבערשטער~~ רבונו של עולם
גיב דעם יידען וואס ער וויל כדי ער זאל מיר נישט שטערען מיין
עולם הזה.

י.פ) יעקב טייטעלבוים
געהערט פון זיין טאטען

איידער דער מגיד איז געווארען א מפורסם איז ער געווען א מלמד אין א דארף און האט זיך פארדינגען אויף צו לערנען מיט קינדער.

דארט ווי ער האט געלערנט מיט קינדער איז די בעל בית׳טע געווען אנגעטאן זייער פרוצעדיג.

דאס האט אים שטארק געהארט – האט ער געבעטען: רבונו של {העולם} [עולם] – איך קען שוין נישט מער אויסהאלטען דעם צער און דעם דוחק.

דערנאך איז ער געווארען א מפורסם.

י.פ) יעקב טייטעלבוים

א ייד איז געקומען צום אבטער רב און האט אים דערציילט
אז ער איז אן ארענדאר ביי א פריץ און דער פריץ סטראשעט
אים דאס אויב ער צאלט אים נישט תיכף
אלע חובות ווארפט אים ארויס פון דער ארענדא. איז ער בפחד
נפש געקומען צום אבטער רב צו בעטען רחמים.

דער ציילט אים דער אבטער רב אזא מעשה: ער איז געווען
אמאל ביי א חתונה ביי א גרויסען גביר. איז געווען דארט
~~א~~ בדחנים – האבען זיך די בדחנים פארשטעלט אלס א פריץ
און אלס א ייד און האבען געשפילט א דין תורה ווייי א
ייד ~~מאנט~~ קען נישט באצאלען חובות און דער פריץ מאנט. האט
דארט געפסק׳ענט אז דער פריץ אזוי ווי ער האט אויף הוצאות
זאל ער אנטלויפען און דער ייד אזוי ווי ער איז אן עני ואביון
און האט נישט אויף הוצאות זאל ער בלייבען אויף דער ארענדא.
דער עולם האט נאטורליך שטארק געלאכט.

זאגט ווייטער דער אבטער רב: איך האב אבער געהאט גרויס
צער. כל ימי האב איך מיך געהיט פון הערען דברים בטלים –
ווי קומט אז מיינע אויערען זאלען הערען אזא לצנות. אפשר
בין איך גאר נכשל געווארען - האב איך געהאט גרויס ~~צו~~ עגמת
נפש.

דערנאך האב איך מיך אבער בארוהיגט. איך האב פארשטאנען
דאס אפשר וועט עס אמאל צונוץ קומען צו עבודת הבורא.
יעצט קומט עס צום נוצען – און איך פסק׳ען אזוי ווי דער
בדחן: דער פריץ זאל אנטלויפען און דו זאלטס בלייבען ביי דער
ארענדא. דער ייד איז אהיימגעגאנגען – חאטש ער האט {נישט זיך} [זיך נישט]
געקענט גלויבען אין דעם רבינ׳ס הבטחות.

דעמאלט איז אויסגעבראכען א רעוואלוציע ביי דער פוילישע גויים.
אזוי ווי אסך פריצים זענען אויך געווען פוילישע. האט

די רוסישע פאליציי אסך פון זיי איינגעזעצט.

דער פריץ איז אויך געווען א פוילישער – האט ער מורא געהאט מען וועט אים אויך איינזעצען. האט ער געלאזט רופען דעם ייד׳ען און האט אים געזאגט: איך מוס שוין אנטלויפען – אזוי ווי איך האלט דיך פאר אן איש נאמן מאך איך דיך פאר דעם פארוואלטער פון מיין גוטער 50% רוח נעם דיר און די אנדערע 50% שיק מיר קיין פאריס.

אזוי איז תאקי געבליבען. דער פריץ איז אנטלויפען און דער ייד איז געבליבען.

י.פ) יעקב טייטעלבוים

~~איינמאל האט זיך ר׳ מאטעלע געמאכט אויף דעם וועג~~

איינמאל איז ר׳ מאטעלע טשערנאבעלער געווען {אים} [אין] וועג – האט זיך געמאכט דאס ער האט זיך אומגערעכט געדארפט שטעלען אין א קליין שטעדטעל. האט מען געמאכט פאר אים א סעודה – אבער פיש זענען נישט געווען.

האט זיך ר׳ מאטעלע אנגערופען: צוליב וואס פאר א טעם ~~איז~~ ~~אז מען~~ עסט מען פיש ביי א סעודה – ווייל אזוי ווי די פיש זענען כשר אזוי איז די גאנצע סעודה כשר.

אבער ווי אזוי עס איס נישט דא קיין פיש ~~מוס~~ איז דאך נישט דא קיין סימן מוס מען בודק זיין דעם שוחט. איז דער שוחט געקומען מיט זיין חליף. דער טשערנאבעלער פלעגט בודק זיין דעם חליף אויף דער נישט-שארפער זייט און לסוף האט ער האט דעם שוחט געוואלדיג געלויבט.

די יידען וואס זענען מיטגעפארען מיט ר׳ מאטעלע האבען צערפויקט די מעשה מיט דעם שוחט – און אז אגרעסערע שטאדט אין דער סביבה האט געהערט אז דער שוחט איז אזוי געלויבט געווארען פון ר׳ מאטעלע האבען זיי אים אויפגענומען אלז שוחט.

נישט לאנג דערנאך האט זיך געטראפען א זייער מאוסע מעשה מיט דעם שוחט און די בעלי בתים זענען געלויפען צו ר׳ מאטעלע צו פרעגען וואס מען זאל מיט אים טוען.

האט מען נישט געקענט צוקומען צו ר׳ מאטעלע – האבען זיי געטראפען ר׳ דודו׳ל טאלנער האבען זיי אים דערציילט.

האט ר׳ דוד׳ל געזאגט: איך בין אויך געווען מיט ר׳ מאטעלע אין דעם שטעדטעל ווי עס האט זיך געטראפען דאס ער איז אזוי געלויבט געווארען. אמתדיק זאגענדיג בין

איך נישט אזוי נתפעל געווארען פון דעם שוחט אבער איך האב זיך דאך נישט געקענט אנטקעגען שטעלען.

דערנאך דעם האט ר׳ מאטעלע יא געענטפערט די טענות פון די בעלי בתים.

דער שוחט איז געווען מטופל מיט קינדער — תאקע ער האט מיר נישט איבעריג געפעלין אבער אין א קליין שטעדטעל איז דאך נישט די געפאר מיט דעם יצר הרע נישט אזוי גרויס האב איך מורא געהאט צו שטעלען אויף זיך אים ארויס צו-ווארפען פון א פרנסה.

האב איך אים שטארק געלויבט אז ער זאל קומען אין א גרויסער שטאדט דער זכות פון דער גרויסער שטאדט וועט איר שוין ביישטייען אים און זיין אמת׳ע קאלירען צו ווייזען.

י.פ) אלעזר זאהן

ר׳ יצחק מאיר פלעגט צו באזוכען מעדזשביזש. אין מעזשביזש איז געווען א ייד, א גאר פראסטער – נישט אין גאנצען ביים פארשטאנד – און ער פלעגט נעמען נדבות. ר׳ יצחק מאיר פלעגט אים {איך} [אויך] געבען א נדבה.

נעבען מעזשביזש זענען געווען ליים גרובען וואו מען האט געמאכט ציגעל – זענען דארט געווען טיפע גרובען.

איינמאל האט ר׳ יצחק מאיר געפרעגט דעם פארשוין – וואס וואלטסו געטאן ווען דו פאלסט אריין אין אזא טיפער גרוב.

ענטפערט דער ייד – וואס הייסט איך וועל ארויסגעין צו מיין פרוי טשארנע און נעמען די לייטער און דאן ארויסקריכען.

חסידים האבען זיך געוואונדערט וואס ר׳ יצחק מאיר פארברענגט אזוי פיל צייט מיט דעם פראסטען פארשוין.

ענטפערט זיי ר׳ יצחק מאיר:

עס שטייט אז משיח וועט קומען וועלען אלע מלכים ברענגען מתנות צום מלך המשיח. לאמיר פארשטייען !
וואס פאר א מתנות וועלען זיי ברענגען ? גאלד און סילוווער ?
וואס {דארפ} [דארף] דאס דער מלך המשיח. וואס איז חשוב ביי מלך המשיח ? א ייד – אבער וואס פאר א ייד וועט ווארטען ביז מען וועט אים <u>ברענגען</u> – אוואדי יעדער ייד וועט דאך לויפען מיט אן אימפעט אז ער וועט נאר הערען ~~אז~~ בביאת המשיח. ווער דען וועט איבערבלייבען ? נאר אזא מין פארשוין !

און עס שטייט אז משיח וועט זיין צופרידען מיט דער מתנה.
נו – אויב המלך המשיח וועט ~~זיין~~ האבען הנאה פון אזא יידען – איז כדאי צו ארויס צו ווארפען א פאר ווערטער מיט אים.

י.פ) אלעזר זאהן

דער אלטער שטעפאנעשטער איז אמול אריינגעקומען און האט געזען
ווי יידן {שטפלען} [שפילען] דאמע (Checkers) אין חנוכה. האט ער זיך
אנגערופען: פון שפילען דאמע קען מען זיך אויסלערנען
מדות.

קודם דארף מען גען גלייך און שפרינגען טאר מען
נישט. און אויב שלעגען איז נאר אין דער צייט. אבער אויב
מען קומט שוין א ארויף אובען אן מעג מען שוין גען אויף אלע זייטען. [בגליון:] ?

י.פ) אייזיק בראנשטיין

מען האט געזען דעם באַרדיטשעווער רב נוצען א סך פעפער.
האט מען אים געפרעגט צו ער האט ליב פעפער?

האט ער געענטפערט: פעפער האב איך ליב? דעם
דער שעפער האב איך ליב.

דאַפאר רופט מען פעפער — דער שעפער.

י.פ) קאַפיטשיניצער רבי

ר׳ נפתלי חיים הורוויץ דער איידים פונ׳ם סאנצער רב האט
אבגערעכט גלות — איז ער ארומגעפארען איבער דער וועלט — אן
אבגעריסענער — אבגעשליסענער.

איינמאל איז ער געקומען קיין סאדאגארא צום אלטען סאדאגארער.
ער איז אריינגעקומען צום סאדאדגארער און האט אים געגעבען
א קוויטעל. אויף דעם קוויטעל האט ער אבער נישט אנגעגעבען
זיין נאמען — נאר האט סתם געשריבען נח בן שרה.

ווען ער האט זיך געפראוועט האט אים דער סאדאגארער עטלעכע
מאל איבערגעפרעגט: דאס איז דיין נאמען?

אז ר׳ נפתלי חיים האט דערזען אז דער סאדאגארער
דערקענט אים איז ער ארויסגעלויפען פון שטוב און ~~אנט~~
פארשוואנדען.

דער סאדאגארער האט אים געלאזט זוכען ווייל ער איז
געווען א גרויסער חשוב ביי אים.

י.פ) גאליציאנער רב

דער אלעקסאנדער רבי האט אמאל דערקלערט פארוואס

מען טאר נישט שפילען קיין קארטען.

קארטען זענען אזוי ווי נאכגעמאכטער מענשען און

"נאכגעמאכטע" מענשען זענען אסור.

י.פ) ר' יצחק מאיר העשל

מעזשביזשער רבי

ר׳ אשר יהושע אלעזר חאדאראף איז געווען דעם גרויסען [ר׳] ליבער׳ס א שוועסטער׳ס א זון און איז געווען אויסגעצויגען ביי דעם גרויסען ר׳ ליבער אין הויף.

ער איז געווען א גרויסער גביר און געלעבט אין באַרדיטשעוו און געשם׳ט אלס געוואלדיגער מכניס אורח.

[בגליון:] *ער איז געווען {אזוי} [אזא] גרויסער גביר אז ער האט איבערגעלאזט 13000 קארבעל בשעת ער איז געשטארבען – אין דעמולדיגע יארען האט עס געהייסען א גרויס רייכטום

איינמאל האט ער געהאט א גרויסען עולם ביי א סעודה. עס איז געווען פון כל טוב וטוב – נאר שנאפס האט געפעלט. האט מען אים געבעטען – עס קאסט אזוי פיל די סעודה – וואס פאר א ממשות מאכט א ביסעל שנאפס – וועט קאסטען א רובעל – צוויי.

ענטפערט ר׳ אשר: איך האב געגוג געהארעוועט מיט דעם יצר הרע עס זאל מיך נישט הארען אז א ייד וויל עסען זאל איך געבען. שנאפס מאכט אפעטיט צום עסען – נאך געבען שנאפס צו א סעודה אז מען זאל מאכען אפעטיט צום עסען בין איך נישט {מחיוב} [מחויב].

י.פ) פנחס לאנדוי

פון ר׳ אשר יהושע אלעזר חאדאראף דער ציילט מען אויך די מעשה.

איינמאל האט זיך א ייד עטשולדיג דאס ער איז נישט געקומען צו זיינער א סעודה.

האט אים ר׳ אשר געענטפערט: גענוג געהארעוועט מיט דעם יצר הרע אז עס זאל מיך נישט הארען אז א ייד עסט ביי מיר – אבער עס זאל מיך הארען אז א ייד עסט נישט ביי מיר – דאס נישט!

י.פ) פנחס לאנדוי

ר׳ נחום טשערנאבעלער האט געהאט א זון ר׳ משה וואס
איז נאך בחייו של ר׳ נחום נפטר געווארען.
ביי דער לויה איז ר׳ נחום געגאנגען און מיט זיין
שטעקן אהין און צוריק געמאכט.

האט אים זיין זון ר׳ מאטעלע געפרעגט וואס ער
מאכט אזוי מיט זיין שטעקען. האט ר׳ נחום אים געענטפערט:
אין דעם זעלבען טאג איז ר׳ אשר יהושע אלעזר חאדאראף (געוועזן
דעם גרויסען ר׳ ליבער׳ס א שוועסטער׳ס א זון) נפטר געווארען. ער איז
געוועזן א גרויסער גביר און מכניס אורח און זינד אברהם
אבינו׳ס צייטען איז נישט געוועזן אזא גרויסער מכניס אורח.

דאפאר גייט אים אברהם אבינו אנטקעגען מאך אים א ווארע
(א וועג) פאר אים.

י.פ) פנחס לאנדוי

דער רב איז אמאל געקומען קיין מעזשביזש אויף דעם ציון
פון דעם בעל שם טוב.

האט ~~זיך~~ ר׳ ברוך מקפיד געווען אויף דעם {אלמאי} [הלמאי]
ער איז געקומען קיין מעזשביזש אן צו ~~נע~~ בעטען רשות
ביי אים.

האט אים דער רב געענטפערט — איר זענדט תאקי זיין
אייניגעל בגשמיות איך בין אבער אן אייניקעל ברוחניות — ווייל
א תלמיד איז כאלו ילדו און דאפאר האב איך דאס רעכט
צו קומען קיין מעזשביזש אויף דעם ציון.

אז ר׳ ברוך האט ווייטער שארף גערעדט אויף
דעם רב האט זיך דער רב אנגערופען: איר גייט דאך[1] פסולע תפילין!
אז מען האט נאכגעפארשט האט מען תאקע געפונען
אז די תפילין זענען פסול און אז עס פעלט א ייד.

איז ר׳ ברוך שטארק ברוגז געווארען און האט
געזאגט: איר האט מיר צוגענומען א ייד איך וועל אייך
אויך צונעמען א ייד.

ווי באוואוסט ~~האט איז אן איינ~~ האט זיך אן ~~טאכט~~ אייניקעל
פון דעם רב געשמד׳ט.

[בגליון:] (אדער געווארען
א כופר בעיקר?)

י.פ) הרב רייטער
פראהאבישטער רב

---

1 לכאורה צ״ל או ״איר לייגט דאך פסולע תפילין״ או ״איר גייט דאך אין פסולע תפילין.״

ר׳ שלום האט אמאל געזען דער שפאליער זיידען טאנצען
ביי א חתונה — איז ער שטארק נתפעל געווארען און
האט זיך אנגערופען — דאס זיין טאנצען איז לעילא לעילא;
מען זאגט דאס בכלל דאס טאנצען פונ׳עם שפאליער זיידען
איז געווען חוץ מדרך הטבע. אז ר׳ אליהו הנביא אליין
האט אים דאס טאנצען אויסגעלערנט.

י.פ) הרב וו. כץ

א חסיד פון ר׳ מענדעלע רימענאווער איז איינמאל געווען אין ווין. אין יענעם יאר זענען נישט געווען קיין אתרוגים אין גאליציען און אז דער חסיד האט געזען א זייער א שענעם אתרוג האט ער אים געקויפט פאר ר׳ מענדעלע. שפעטער זעט ער א גאר א שענערעם אתרוג — טראכט ער אזוי ער דארף אויך דארכפארען סאדיגארא וועט ער דעם ערשטען אתרוג וואס ער האט געקויפט פאר ~~דעם~~ ר׳ מענדעלע געבען דעם ריזשינער און דעם שענערען בעהאלטען פאר דעם רימינאווער.

אז ער איז געקומען צום ריזשינער און האט אים געגעבען דעם אתרוג האט ער געזען ווי דער ריזשינער איז שטארק צערטומעלט געווארען. נאך א שטיק צייט פרעגט אים דער ריזשינער — דאס איז תאקי מיין אתרוג?

האט דער חסיד שוין געדארפט זאגען דעם גאנצען אמת און האט אים דערציילט די גאנצע מעשה און האט אים געוויזען דעם אתרוג וואס ער האט געקויפט פאר ר׳ מענדעלע — האט זיך דער ריזשינער אנגער-ופען — דאס איז מיין אתרוג!

האט דער ריזשינער זיך אנגערופען: חמשה עשר בשבט ווייזט מען דעם צדיק וואס פאר אן אתרוג ער וועט האבען סוכות. אזוי ווי איך האב געזען דעם אתרוג האב איך אים נישט דערקענט. האב איך זיך זייער שטארק דערשראקען ווייל עס איז באוואוסט דאס דער צדיק אויב ער איז געווען מקלקל במעשיו איז ער נישט זוכה צו באקומען דעם אתרוג וואס ~~ער האט גע~~ מען האט אים געוויזען חמשה עשר בשבט. און אז איך האב אויך געזען דעם אנדערען אתרוג האב איך מורא געהאט דאס איך האב עפעס מקלקל געווען וואס איך געדענק נישט. אבער יעצט אז איך זע דאס דער אתרוג וואס דו האסט געקויפט צום לעצטען איז באמת געווען באשטימט פאר מיר בין איך שוין צו פרידען און בארוהיגט.

י.פ) ר׳ וועלוועל כץ

איינמאל איז דער ריזשינער געווען ביים אבטער רב –
האט דער עולם {באמעקט} [באמערקט] דאס אויסער וואס דער אבטער רב האט אזוי
ווי זיין שטייגער איז שטענדיג געווען אבגעבען געוואלדיג כבוד
האט ער זיך אויך אבגעזאגט צו עסען אזוי ווי זיין געווענליכער
דרך איז געווען.

דאן האט זיך דער אבטער אנגערופען: וואס פארשטייט
איר נישט. שבת איז בעל הבית פון דעם גאנצען יאר
אבער עס קומט א חשוב׳ער אורח אזוי ווי ראש חדש – גיט
דער שבת אוועק דעם אורח ~~דעם~~ די מוסף׳דיגע שמונה עשרה.

אויב עס קומט נאך א חשובערער גאסט למשל יום טוב – גיט
דער שבת דעם אורח אוועג דעם ~~גאנצענען~~ גאנצען דאווענען.

און אוודאי אז דער סאמע חשובסטער גאסט קומט – יום כפור
איז אזוי ווי דער אורח עסט נישט עסט דער בעל הבית אויך
נישט.

חאטש דעם ~~האבען זיך~~ האט זיך דער סאווראנער רב
געפרעגט ביי דעם אבטער רב: היתכן! ווי אזוי בעגט זיך
דער גרויסער אבטער רב פאר אזא יונגען מענשען וואס איז
נאך נישט קיין געלערנטער און שמ׳ט גאר נישט פאר א גאון?

ענטפערט אים דער אבטער: עס איז פאראן א מדרש: עתידין
להיות תמימים יושבים בגן עדן עם האבות העולם – מי שלא קרא ולא
{שנא} [שנה]:[בגליון:] ?.
אין אננעמענדיג זיין בארד האט דער אבטער רב אויסגע-
שריען – איך שווער אז דער מדרש מיינט דעם הייליגען ריזשינער.

י.פ) אייזיק בראנשטיין

ר׳ דודי ארטענבערג – רב אין בערדיטשעוו – איינער פון
די חשובסטע סאדאגארא און באיאנער חסידים האט
דערציילט דאס דער באיאנער רבי, ר׳ יצחק – האט
באטראכט אלס שקר די מעשיות דאס דער ריזשינער האט געזאגט אדער אנגעדייטעט דאס
ער איז משיח.

ער האט זיך אנגערופען דאס דער חתן רעדט נישט פון זיך.

י.פ) פנחס לאנדוי

אין שם הגדולים החדש שטייט אז דער שפיטיוקער רב אין ארץ ישראל האט דערפילט דארטען דאס ~~דער~~ ר׳ פנחס קאריצער איז נסתלק געווארען.

ר׳ פנחס לאנדוי ווייזט אן דאס דאס איז היסטאריש נישט ריכטיג.

ר׳ פנחס איז נסתלק געווארען אין תק״ן.

דער שפיטיוקער רב איז אנגעקומען אין ארץ ישראל אין תקנ״ח.

<u>(איז דאס ריכטיג?)</u>

מען זאגט אויך דאס דער שפיטיוקער רב און ר׳ חיים קראסנער האבען אויסגעמאכט דעם נוסח פון דער מצבה.

נאך א סימן איז דאס מען דערציילט די מעשה פון דעם קוויטעל [להלן עמ׳ 29] פון שבת קודש וואס אויב אפילו א {לייגען}[ליגען] וואס אנבעטראכט דעם שרייבין אין שבת קען דאך זיין א סימן דאס דער שפיטיוקער און ר׳ חיים קראסנער זענען געווען בשעת ר׳ פנחס {אין} [איז] געווען שלאף.

י.פ) פנחס לאנדוי

אז דער טשארטקאווער איז געווען אין לעמבערג – האט מען
אים געבעטען ער זאל דאווענען אין דעם טור הזהב׳ס
שול.[2] האט ער נישט געוואלט גיין. און האט דערציילט די
פאלגענדע מעשה.

דער בערדיטשעווער רב איז אויך געווען אמאל אין
לעמבערג און מען האט אים פארבעטען אין טור הזהב׳ס שול.
איז ער געגאנגען און האט {געדאווענעט} [געדאוונט] ספרד. אז דער
טור הזהב האט דאס דערהערט האט ער זיך שטארק
געחידושט און האט געפרעגט: היתכן – 50 יאר האב איך
געדאוונט מיין נוסח אשכנז וואס פאר א רעכט האט
דער בערדיטשעווער געהאט משנה זיין דעם נוסח.

און אויסגעפירט האט דער טשארטקאווער: דעם טור הזהב׳ס
נוסח טור מען נישט משנה זיין – אונדזער נוסח קען
מען נישט משנה זיין – דאפאר וויל איך נישט גיין דאווענען אין דער שול.

י.פ) פוילישער ייד

[2] אם הכוונה לר׳ דוד הלוי, מחבר טורי זהב על שו״ע, התאריכים אינם מתאימים כלל.

האדמו״ר הצמח צדק היה קוראו להריזשינער ״דער היילינער דער ריזשינער״.

שמעתי מכ״ק ... אדמו״ר ... נבג״ם זי״ע הכ״מ שהצ״צ שלח את ר׳ אייזיק האמלער זצ״ל (שהיה גאון וצדיק מגדולי החסידים אצל האדמו״ר הזקן ואצל האדמו״ר {האמצאי} [האמצעי] ואצל הצ״צ) בשליחות להצדיק מריזשין .. ובא אצלו ביום עש״ק; ומנהגו של אדמו״ר מריזשין היה לעשן תמיד מקטרת (ליולקע ציבוק) ובכל עש״ק קודם הדלקת הנרות המשרת בא לחצרו לאמור לו שזמן של ש״ק מגיע ואז היה מכבה את המקטרת; וסיפר ר׳ אייזיק שבעת שהמשרת בא להחדר לאמור שש״ק ממשמש ובא ראה {שבקש״ת} [שכבק״ת= כבוד קדושת] ר׳ ישראל ... נשאר למעלה והוא למטה והוסיף ר׳ אייזיק שמעולם לא היה סבל בושה וחרפה כזו.

י.פ)

נעתק ממכתב של
ר׳ שמריה גורארי׳ לאגודת
האדמורים לעת המלוה מלכה לכבוד
הריזשינער בג׳ חשון תשי״א

װען דער שפּיטיװקער רבּ איז געװען אין ארץ ישׂראל
האָט ער מיט זיך געהאַט אַ מײדיל אָן אײניקעל פֿון אַ זון
װאָס איז אַװעק בחײיו.

שפּעטער האָט ער געהאַט אַ חלום דאָס ר׳ פּנחס {קאָריצער}[קאָריצער׳ס]
אָן אײניקעל איז געבױרען געװאָרען און הײסט נאָך אים.
האָט ~~ער זײַן~~ דער שפּיטיװקער אָװעגגעשיקט זײַן אײניקעל –
דאָס מײדעל – צוריק נאָך רוסלאַנד חתונה צו האָבען
מיט ר׳ {פּנחס} [פּנחס׳ס] אײניקעל – װײַל ער האָט געהאַלטען דאָס ר׳ {פּנחס} [פּנחס׳ס]
אײניקעל װעט זײַן אַ בריליאַנט פֿאַר איר.

י.פּ)                                                    פּנחס לאַנדױ

מען דערציילט דאס בשעת ר׳ פנחס קאריצער האט געהאלטען ביים שטארבען האט ער געשריגען דאס ער דארף מים חיים. זיינע תלמידים האבען פארשטאנען דאס מיינט ער ר׳ חיים קראסנער.

דאס איז געווען שבת. האט דער שפיטיווקער רב אנגעשריבען א קוויטעל צו ר׳ חיים קראסנער און אויף דעם קוויטעל האט ער אנגערשריבען: ״היום שבת קודש״.

ר׳ יעקב שמשון דער באהאבאלער רב – רב פנחס לאנדוי׳ס זיידע האט בעהויפטעט דאס די מעשה איז שקר וכזב.

י.פ) פנחס לאנדוי

דער מעזשיביזשער רב האט דער ציילט וואס א ייד האט אים דער ציילט וואס איז געווען אין באיאן בשעת דער מעשה.

ביי חנוכה ליכט בענשען האט דער באיאנער רבי געבעטען מען זאל דערציילען א מעשה פון דעם באַרדיטשעווער רב וואס איז נאך נישט געדרוקט – עפעס נייעס וואס מען האט נאך נישט געהערט.

האבען עטלעכע יידען געפרואווט צו דערציילען מעשיות אבער אזוי ווי זיי האבען נאר אנגעהויבען צו דערציילען האט זיי דער באיאנער רבי אבגעשטעלט מיט א וואונק פון דער האנד – אדער ווייל די מעשה האט ער שוין געהערט אדער זי איז שוין געדרוקט.

לסוף האט זיך אנגערופען א ייד און דערציילט די פאלגענדע מעשה פון דעם באַרדיטשעווער רב.

דער באַרדיטשעווער רב פלעגט מאכען לאנגע הכנות פאר חנוכה ליכט בענשען. איינמאל חנוכה איז אויך געווען אזוי. אז עס שוין געווען אלעס גערייט און דער עולם איז שוין געווען אומגעדולדיג ווארטענדיג דרייט זיך דער רב אויס צום עולם און רופט זיך אפ צו איינעם אן ארענדאר – א גרויסער גראבער יונג – און פרעגט אים: וואס טוט דיין פריץ. ענטפערט דער ארענדאר: זייער גוט – {אלוואי} [הלואי] אויף אלע יידען געזאגט. דערנאך פרעגט אים אויס דער באַרדיטשעווער אויס גענויע פרטים וועגן דעם רייכטום פון דעם פריץ – וויפיל פעלדער וויפיל פארמעגען, וויפיל קנעכט און דינסט א.א.וו. [= און אזוי ווייטער]. דער עולם האט זיך שטארק געוואונדערט. איבער דעם, אבער דער ארענדאר ווייסט נישט קיין חכמות און ענטפערט דעם רבין אין זיין גראב לשון – דאס דער פריץ האט כל טוב וטוב און עס פעלט אים גאר נישט!

צום סוף פרעגט אים דער באַרדיטשעווער: זאג מיר דו ארענדאר – גלויבסט די תאקי דאס דעם פריץ

דיינעם געט אזוי גוט. ענטפערט דער ארענדאר שוין א ביסעל אומגעדולדיג – אוואדי אוואדי אויף אונז אלע געזאגט.

פרעגט אים דער בארדיטשעווער ווייטער: תאקי – געט אים אזוי גיט אבער חנוכה ליכט בענשט ער?

צערלאכט זיך דער ארענדאר: וואס הייסט חנוכה ליכט בענשען – א גוי!! אבער וואס האט דאס מיט גוט געז.

נו אויב אזוי – רופט זיך אן דער בארדיטשעווער אונז געט גוט ווייל מיר קענען חנוכה ליכט בענשען – אונז געט גוט אז מיר קענען זאגען ברוך אתה... און האט אנגעהויבען צו בענשען חנוכה ליכט.

י.פ) הרב חיים ביק

מעזשביזשער רב

דער אבריטשער רב איז געווען אין ארץ ישראל בשעת דעם גרויסען רעש. עס איז באוואוסט דאס בשעת דעם רעש איז כמעט קיין הויז נישט געבליבען אומגעשעדיגט.

דער רעש האט געטראפין בשעת דער אבריטשער האט געהאלטען אין מיטן דאוועגען. אלע הייזער ארום דער שול וואו דער אבריטשער רב האט געדאווענט זענען געשעדיגט געווארען – אבער אלע יידען וואס זענען געווען אין שול האט נישט געשאדט אויף א האָר.

איין ייד איז געשטאנען אויף דער שוועל פון דער שול – האלב אין דרויסען. פונקט אויף דעם האלבען קערפער וואס איז געווען אויסער דער שול האט דערלאנגט א שטיין.

די מעשה דער ציילען אלטע חסידים אין ארץ ישראל.

י.פ) דוד פישמאן

ר׳ הירש ליב ארליקער איז געווען אמאל אין מעזשביזש – האט מען אים דערציילט דאס ר׳ ברוך מעזשביזשער איז קראנק. האט ער געוואלט מבקר חולה זיין. אזוי ווי ער האט געוואוסט דאס ר׳ ברוך איז א ברוגזער און איז מבטל אלע צדיקים פון זיין דור האט ער געהייסען זיין גבאי ער זאל מיטנעמען א בענקעל ווייל ער האט פארשטאנען דאס ר׳ ברוך וועט אים אוודאי נישט הייסען זיצען.

אזוי ווי דער ארליקער איז אריינגעקומען אין שטוב און ר׳ ברוך האט אים דערקענט האט זיך ר׳ ברוך אלס ביטול אויסגעדרייט צו דער וואנד. דער ארליקער דאווייל האט זיך גענעמען דאס בענקעל וואס דער גבאי האט מיטגענומען און האט זיך אוועקגעזעצט.

ר׳ ברוך האט געשפירט דאס דער ארליקער האט זיך אוועגגעזעצט האט ער זיך אנגערופען – אלס נאך אויסגע-דרייט מיט דעם פנים צו דער וואנד – ווי נעמט זיך אזא שטאלץ צו א יידן – ער קומט אריין צו דעם חד בדרא און זעצט זיך אן רשות.

ענטפערט אים דער ארליקער ווי נעמט זיך אזא שטאלץ צו א יידן – אז א חד בדרא קומט אריין צו אים און ער הייסט אים נישט זעצען.

פרעגט אים ר׳ ברוך: ווי קען זיין צוויי חד בדרא׳ת.

ענטפערט אים דער ארליקער: איר זענט א חד בדרא אין יראה, איך בין א חד בדרא בחכמה און ר׳ שלום פראהאבישטער איז א חד בדרא בעניני זיווג.

פרעגט ר׳ ברוך: אויב איר זענד תאקי א חד בדרא אין חכמה – נו זאגט מיר וואס פאר א קיטרוג איז געווען דעם ימים נוראים אין הימעל און וואס האט איר געענטפערט?

ענטפערט אים דער ארליקער: אין הימעל איז געווען א קיטרוג אז די יידען טוען תאקי תשובה און קלאגען אבער נאר פאר זיך און זיי האבען נישט אין זינען שכינתא בגלותא.

נו – וואס האט איר דארויף געענטפערט – פרעגט ר׳ ברוך. איך האב געזאגט – האט זיך אנגערופען דער ארליקער – אויב די יידען האבען נאר זיך אין זינען – נו רבונו של עולם טו אויך אזוי האב נאר זיך אין זינען – עשה למענך אם לא למעננו!

האט ר׳ ברוך צוגעגעבען – תאקי א קלוגע תשובה!

י.פ) דוד פישמאן

אז דער אבריטשער רב האט אנגעהויבען צו פלאנעווען
צו פארען קיין ארץ ישראל האט ער געטראפען אן
ארץ ישראלדיקען ייד ביי זיך אין שטעדטעל. האט ער אים
אויסגעפרעגט איבער ארץ ישראל. ענטפערט אים דער ייד
דאס די שטיינער אין ארץ ישראל זענען ממש דיאמאנטען.

דערציילט דער אבריטשער רב די נייעס צו זיין רביצין
און הייסט שוין אנגערייטען צו דער נסיעה.
אז ער איז אנגעקומען קיין א.י. האט ער געזען דאס
שטיינער זענען שטיינער און נישט אזוי ווי דער ייד האט
אים אויסגעמאלט. האט ער געמיינט דאס דער ייד האט אים
אבגענארט.

טרעפט דער אבריטשער דעם זעלבען יידן נאך עטלעכע
וואכען אין צפת און האלט אים פאר אמאי ער
האט אים נישט געזאגט דעם אמת. ענטפערט אים דער
ייד דאס דאפאר זעט איר נישט ווייל ער האט "פארשמירטע
אויגען".

האט דער אבריטשער רב געוואלט אויס פרואווען צו דאס
איז אמת — האט ער אנגעהויבען צו פאסטען סיגופים און
אזוי אבגעפאסט 40 טעג.

צום 40 טען טאג האט ער געמאכט א סעודה א גרויסע
און דער ציילט די חסידים די גאנצע מעשה. דער נאך רופט
ער זיך אן צו זיי:

גלויבט מיר דאס מיינע אויגען זענען יעצט שוין
געלויטערט און יעצט זע איך דאס דער ייד האט
מיר דעמולט געזאגט דעם אמת, אין נישט אבגענארט
די שטיינער זענען תאקע דיאמאנטען אין ארץ ישראל.

י.פ) דוד פישמאן

דער ריזשינער איז איינמאל געווען ביים אבטער רב בשעת
ער איז אלט געווען 16 יאר אלט. האט אים דער אבטער רב
שטארק מכבד געווען. אין דער זעלבער צייט זענען געווען
אסך חשובע רבנים און רביס דארט.

האט מען דער אבטער רב געפרעגט – היתכן – ווי קומט
עס דאס איר דער אבטער רב {הגדוש}[הגדול] {שבחברותא} [שבחבורה] זאל
זיך אזוי בויגען פאר אזא יונגען מאן?

האט דער אבטער רב געענטפערט: שלמה המלך
האט מחבר געווען משלי, קהלת און שיר השירים. זיי זענען
אלע הייליגע ספרים אבער משלי און קהלת זענען
תאקי קדוש אבער שיר השירים ווייסט מען איס דאך
קדשי קדשים.

איך שווער אייך יידען! די אלע מסובים דא זענען
תאקי קדוש אבער דער ריזשינער איז קדשי קדשים.

י.פ) אייזיק בראנשטיין

דער טאטע פון ר׳ יעקב טייטעלבוים, ר׳ ישראל מרדכי האט נאך געקענט די יידינע טשארנע פון {וועמן}[וועמען] מען דערציילט די מעשה:

טשארנע איז געווען א געוואלדיגע זקנה – זי האט נאך גע=טראגען דעם אלטען קאפיטשיניצער אויף די הענד.

דער פאטער פון טשארנע איז געווען א גרויסער גביר און אן אבטער חסיד. ער האט אראבגעבראכט דער אבטער רב נאך יאס און האט אים אבגעצולט אלע חובות. טשארנע איז געווען זיין בת יחידה.

איינמאל איז זי געווארען שטארק שלאף און דער פאטער איז געקומען צום אבטער פאר א רפואה. האט אים דער אבטער רב מבטיח געווען דאס דער השם יתברך וועט העלפען. אבער זי איז אלס געווארען קראנקער און עס האט שוין געהאלטען ביים לעצטען. מען איז אלס געלאפען צום אבטער ער זאל זעען העלפען. האט דער אבטער געזאגט דאס נאר איין זאך קען העלפען: דאס מען זאל געבען על ר׳ מאיר בעל הנס אזוי פיל רענדלעך וויפיל דער נאמען טשארנע באטרעפט – ווייל צדקה תציל ממות.

דער גביר האט שוין נישט געהאט אזוי פיל געלד – האט זיין יידינע פארזעצט א טייערען דיאמאנטענען שטערנטיכעל און דעם סכום אוועגגעלעגט דעם רבי׳ן אויף דען טיש.

אבער עס האט נישט געפועלט – טשארנע איז געשטארבען. איז די יידינע געקומען מיט א געשריי צום אבטער – סטייטש! איר האט דאך צוגעזאגט אז צדקה תציל ממות!

דער אבטער רב האט זיך שטארק אויפגערעגט און האט זיך אנגערופען: מיין כבוד בין איך מוחל אבער די תורה צו מאכען א פלאסטער [=פלסתר] (פאלשונג) קען איך נישט דער לאזען!

האט דער אבטער רב גענעמען זיין שטעקען און איז געגאנגען צום הויז ווי טשארנע איז געלעגען. ער האט געלאזט מאכען הקפות און האט זיך פארשלאסען אין דעם חדר מיט טשארנע אליין. נו — פארשטייט זיך איז דער סוף איז געווען דאס טשארנע איז געווארען א לעבעדיגע.

אין דעם יאר איז דער אבטער רב נפטר געווארען. איידער יציאת נשמתו האט ער געזאגט: איך ווייס דאס דאס איז דאפאר ווייל מען טור נישט צופיל איינרייסען די וועלט!

י.פ) יעקב טייטעלבוים

דער שפאליע זיידע האט זיך אנגערופען:

וועני איך וואלט געווען בכח וואלט איך אויסגעשטעלט בוטען (barrels) בראנפן אויף די גאסן אז עדה יידען זאלן קענען זיך אנטרינקען אין חאטש א ביסעל פארגעסען די צרות פון דעם אורך הגלות.

י.פ) **הרב רייטער**

**פראהאבישטער רב**

צאר ניקאליי איז געבוירען געווארען א פאר שעה פריער פון דעם ריזשינער.

דער ריזשינער פלעגט זיך אנרופען ווען איך וואלט געבוירען געווארען פאר אים וואלט איך אים אוודאי מכניע געווען — אזוי ווי עס איז געווען פארקערט האב איך אים נישט געקענט אין גאנצען איינהאלטען.

י.פ) הרב רייטער

פראהאבישטער רב

געהערט פון דעם טארנער רב

דער באר מים חיים – רב אין טשערנאוויטץ – בשעת ער איז געווען 33 יאר אלט איז געווען א חולה מסוכן און מען האט שוין גערופען די חברא קדישא און מען האט שוין געהאט אנעצונדען לעכט.

פלוצלינג האט ער זיך אויפגעכאפט און געבעטען מען זאל אים געבען וואסער אויף צו וואשען די הענד און האט דער= ציילט די מעשה:

מען האט מיך שוין אים בית דין של מעלה דן געווען צו מיתה. דער באר מים חיים האט זיך אבער געווייגערט ~~צו שטח~~ אוועגצוגען פון דעם עולם. אין בית דין של מעלה איז געזעסען ר׳ מעכעלע זלאטשאווער דער רבי פון דעם באר מים חיים אבער ר׳ מעכעלע האט אים געזאגט דאס ער קען פאר אים גאר נישט טוען – איך וועל די אבער צייגען א וועג צום בעש״ט.

אז ער ~~איך~~ איז געקומען צום בעש״ט בעטען רחמים פרעגט אים דער בעש״ט: וואס פאר א שייכות האסט דו צו מיר.

האט דער באר מים חיים דערציילט דעם בעשט דאס ר׳ מעכעלע פלעגט שלש סעודות זיצען ביס שפעט אין דער נאכט אין גרויס דביקות אין גרויס פארטראכטעניש. איינמאל האט ער זיך אזוי פארדבקעט און פארטראכט אז ער איז געבליבען זיצען ביז עס האט געטאגט. פלוצלינג איז ר׳ מעכעלע געקומען צו זיך און דערזעענדיג דאס עס טאגט שוין האט ער זיך אנגערופען צום עולם: לאמיר גען בענשען. דער באר מים חיים האט אבער ר׳ מעכעלע דערמאנט דאס ער האט נישט נאכגעפאלגט זיין שטענדיגן מנהג אויף

יעדען שלש סעודות נאכזאגען א תורה פון דעם בעשט.
האט ר׳ מעכעלע אים נאכגעגעבען דאס ער איז גערעכט אין האט
נאכגעזאגט א ווארט פון דעם בעש״ט.

ווענדעט זיך דער באר מים חיים צום בעשט: אזוי האב
איך דאך גורם געווען דאס ר׳ מעכעלע זאל דערמאנען אייערע
א תורה האב איך דאך שוין א שייכות מיט אייך און
דאפאר פאר מיר פועלען א טובה.

האט זיך דער בעשט אנגערופען: עס איז כבר נגזרה
הגזרה אבער בייג אָן דיין קאפ וועל איך דיך בענשען
אפשר וועט מיין ברכה העלפען.

און אין דער רגע וואס דער בעש״ט האט איים געבענשט
האט ער זיך אויפגעכאפט און געזאגט:

איך וואלט שוין די מינוט געקענט אויפשטיין פון דעם
בעט אבער צוליב איין עין הרע וועל איך נאך בלייבען
א ווילע אין בעט.

י.פ) יעקב טייטעלבוים

ר׳ ברוך מעזשביזשער איז איינמאל געווען ביי ר׳ שלום פראהאבישטער.

דער ריזשינער איז געווען נאך א קינד און האט זיך געשפילט מיט א ריטשעקעלע. מיט דעם ריטשעקעלע האט ער איינמאל, צוויי מאל געגעבען א פאטש ר׳ ברוך אויף דער קאפאטע אז ער האט געוואלט דאס טוען דאס דריטע מאל האט אים ר׳ שלום פארווערט און אנגעכאפט ביי דער האנד.

דערנאך האט ~~מען~~ אים ר׳ שלום געפרעגט פאר וואס ער האט געפאטשט דעם ר׳ ברוך.

האט דער ריזשינער געענטפערט:

1) דאס ערשטער מאל דאס ער זאל נישט זיין העכער פון יענעם

2) ~~דאס~~ צווייטע מאל ווייל איך וויל זיין גלייך מיט אים

3) דאס דריטע מאל האב איך געוואלט דאס ער זאל שטייען נידריגער פון יענעם.

האט זיך ר׳ שלום אנגערופען – דאפאר האב איך אבגע=
האלטען דאס דריטע מאל – לפני כבודו של בעשט –
ער איז דאך פארט אן אייניקעל פון דעם בעש״ט.

י.פ)

הרב רייטער
פראהאבישטער רב

א ייד וואס איז יעצט א גרויסער זקן און לעבט יעצט
אין ניו-יארק האט דערציילט די מעשה פון זיך
אליין.

בשעת ער איז געווען 55 יאר אלט האט ער אנגע=
הויבען ליידען פון א קרעבס ר״ל און מען האט
אים שוין אויפגעגעבען — ער איז שוין געווען הויט מיט ביינער.

פסח זענען די קינדער זיינע זיך צונויפגעקומען — מען
האט ערוואַרטעט דאס אָט אָט ! מען האט געהאלטען א
שומר פון דער חברא קדישא ווייל מען האט געזען דאס
עס זענען שוין די {לעצט} [לעצטע] ~~שעון~~ שעה׳ן.

אין מיטן נאכט חאפט זיך דער שומר אויף און
זאגט צו דעם זון פון דעם קראנקען ייד : עס האט
זיך מיר געחלומט דאס דער אלטער בלאזשאווער איז
מיר געקומען צו חלום און האט מיר געהייסען דעם חולה
געבען א טרינק פון דעם כוס של אליהו.

דער זון האט לכתחילה נישט געוואלט הערען דאפון ווייל
וואס הייסט געבען א קראנקען ווין צו טרינקען. אבער
דערנאך האט ער זיך בארעכענט — וואס פאר א חילוק מאכט
עס — מען האט דאך דעם טאטען סיי ווי סיי אויפגעגעבען —
האט ער געגעבען זיין רשות.

האט מען דעם ייד׳ן געגעבען צו טרינקען פון דעם
כוס של אליהו און ער איז באלד געזונד געווארען.

ער איז ביי די שמונים און לעבט אין ניו-יארק.

(סיי דער ייד און דער שומר זענען געווען בלאזשאווער
חסידים)

י.פ)           יעקב טייטעלבוים

דער שפאליער זיידע איז געווען ביי ר׳ שלום פראהאבישטער צוויי מאל.

י.פ) **הרב רייטער**

**פראהאבישטער רב**

ר׳ יחיאל לוניקער איינער פון די חשובסטע סאדאגארער חסידים (ער איז נאך געוועןביים ריזשינער רבין) האט דערציילט:

ר׳ אברהם, דעם ריזשינער׳ס ברודער, איז איינמאל געפארען מיט א חברה חסידים – האט ער זיך אבגעשטעלט אין א קרעטשמא דאווענען מנחה. נאך דעם דאווענען האט ער זיך אנגערופען – איך גיי מאכען א סעודת {הודעה} [הודאה]. פארוואס?

ער איז אמאל געפארען אין וועג און עס איז אויסגעקומען אים אנצורירען א ספר פון דעם <u>בראסלאווער</u>.

עס איז באוואוסט האט ר׳ אברהם ווייטער געזאגט דאס נגזירה גזרה דאס דער וואס רירט אן א בראסלאווער ספר ווערען זיינע תפילות נישט אנגענומען פאר פערציג טעג.

דעם טאג זענען פארביי די 40 טעג – דאפאר מאכט ער א סעודת {הודעה}[הודאה].

די זעלבע
ענלעכע מעשה
ווערד דערציילט
פון דעם
בערדיטשעווער –
נאר דארט
שמוסט מען
דאס ער האט
אנגערירט
דעססויער׳ס
איבערזעצונג
פון תנ״ך.

י.פ)

הרב רייטער
פראהאבישטער רב

ר׳ ישראל מרדכי טייטעלבוים האט דערציילט דאס ער האט די מעשה געהערט פון ר׳ נחום בער סאדיגורער:

דער אבטער רב האט געהאט א ברודער וואס איז געהרגעט געווארען פון גוים.

עס איז געווען פרייטאג ~~ביי נא~~ ווען מען האט ~~אים~~ דעם מת הערייגעבראכט צום אבטער אין בית המדרש און מען האט אים געלעגט אין דער ווייבערישער שול.

בשעת דער אבטער האט געמאכט קידוש פרייטאג צו נאכט האט זיך דער מת אויפגעשטעלט מלא קומתו און נאך קידוש ווידער געבליבען ליגען.

די מעשה האט מען דער ציילט דעם אלטען סאדאגארער רבי׳ן. האט ער געפרעגט: עס וואלט געווען אינטערעסאנט צו וויסען ווי אזוי די מעשה איז געווען און מען זאל פרעגען אלטע חסידים צו איז דער מת נאך קידוש זיך אנידערגעלעגט אדער ער איז געפאלען.

האט מען דעם סאדעגארער געפרעגט למאי נפקא מינה? האט ער געענטפערט: מיר איז דאס א גרויסער נפקא מינה.

י.פ)　　　　　　　　　　　　יעקב טייטעלבוים

ר׳ יוסף משה (____________) איז געבליבען אין מעזשבוזש – ער איז נישט געווען קיין רבי.

נאך זיין פטירה האט מען {געעפנעט} [געעפענט] זיין צוואה. האט מען געפונען דאס עס שטייט אז מען זאל אים לעגען ביים אבטער רב.

די רעגירונג האט דעמאלט אבגעשלאסען דעם ציון און מען האט נישט געלאזט אים מקבר זיין.

זענען די ראשי העיר געקומען צום בירגערמייסטער פון שטאט און אים געבעטען רשות. האט ער זיך געווייגערט. איז דער מת געמוסט איבערנעכטיגן.

אין דער נאכט איז דעם בירגערמייסטער געשען א מיתה משונה און מען האט אים דעם נעקסטען טאג שוין מקבר געווען נעבען דעם אבטער רב.

י.פ) ?

ר׳ דודי ארטענבערג – בערדיטשעווער רב – האט דער ציילט אין באיאן
אז דער ריזשינער האט אמאל גערעדט פון דער גאולה און
האט זיך אנגערופען:
~~דער עס וואט געקענט זיין די גאולה אבער אין היינטיקען דור דער היינטיגער דור~~

עס {וואט} [וואלט] געקענט זיין די גאולה אין היינטיגען דור
אבער די יידען זענען עס נישט ווערט.

האט זיך ר׳ יצחק דער באיאנער רבי אנגערופען:
איך גלויב נישט דאס דער זיידע וועט זאגען אזאלכע
ווערטער (וועגען יידען נישט זייענדיג ווערד פאר דער גאולה).
אבער אויב ער האט עס יא געזאגט האב איך {מורה} [מורא]
דאס דאפאר איז ער אזוי יונג אוועג פון דעם עולם.

י.פ) ר׳ מרדכי שלמה פרידמאן
באיאנער רב

ר׳ אברהם אשר איז געווען ר׳ נחום טשערנאבעלער׳ס
איידעם (ר׳ נחום׳ס טאכטער מלכה איז געווען זיין פרוי).

ר׳ נחום האט געטון שידוכים פאר ר׳ אברהם אשר׳ס
טאכטער איז ער געווען ביי ר׳ שלום שלמה דעם סאווראנער
מגיד און האט געוואלט זיך מיט אים משדך זיין.

דער סאווראנער מגיד האט געהאט צוויי זין —
דער שפעטערדיקן {באדערער} [באנדערער? =בנדר, מולדובה] רב וואס איז דעמולט געווען צוויי יאר
אלט און דעם שפעטערדיקן סאווראנער רב וואס איז געווען
יונגער — איין יאר אלט.
[בגליון:] ?
ר׳ נחום האט געוואלט דעם סאווראנער פאר איין
איידעם ווייל ער האט געזאגט ואולם אחיו הקטון יגדל ממנו.

ביי דעם שידוך האט ר׳ נחום געוואלט אויסרעכענען יחוס.
דער סאווראנער מגיד האט געשטאמט פון קאנסטאנטינאפעל.
האט ער זיך בארימט דאס זיין יחוס ציעט זיך פון ר׳
דניאל רופא — זייענדיק זיין אייניקעל.
האט זיך ר׳ נחום אנגערופען: מער דארף איך נישט.

י.פ)　　　　　　　　　　פנחס לאנדוי

ר׳ פנחס קאריצער איז נסתלק געווארען ערב שבת. פרייטיק ביי נאכט האט ר׳ חיים קראסנער געזאגט צו ר׳ פנחס׳ס קינדער:

מען איז מכבד דעם טאטען אויבען מיט קבלת
שבת – דאפאר זאלט איר אנטוען די שטריימעל
צו ווייזען אייער דרך ארץ.

אבער ר׳ יעקב שמשון האט נישט געוואלט אנטוען זיין שטריימעל ווייל ער האט געמיינט: וואס אין הימעל טוט זיך ווייס איך נישט אבער דא ~~דארפט~~ דארף מען פראוועו אבלות.

י.פ)                                                  פנחס לאנדוי

ר׳ נחום טשערנאבעלער איז געווען אן עני ואביון. ער איז געווען א מגיד אין פראהאבישט. זיין וואכענטליכער געהאלט איז געווען 5 גולדען – וואס האט באטראפען 75 קאפעקעס.

איינמאל איז ער געפארען קיין טשערנאביל און ער האט שטארק אויסגעמאכט ביי די בעלי בתים פון דער שטאדט. מען האט אים געגעבען א קאפאטע און אן איבערמאנטעל און צוגעזאגט 2 רובעל א וואך.

אז ר׳ נחום איז צוריקגעפארען קיין פראהאבישט האט ער געבעטען ביי זיינע בעלי בתים מען זאל אים לאזען אננעמען די נייע שטעלע אין טשערנאביל. די בעלי בתים האבען מסכים געווען.

ער האט ~~געבעטען~~ אויך געבעטען מען זאל אין זין האבען זיינע קינדער.

י.פ.      פנחס לאנדוי

דער תולדות איז אמאל געקומען צום בעשט.

איידער ער איז אריינגעקומען צום בעש"ט האט ער געזען ווי עס דרייט זיך ארום אין שול א שיינער יונגער מאן – מיט אן אויסער= געוועגליכער הדרת פנים. וואס עס איז אים שטארק געפעלען.

איז ער צוגעגאנגען צו אים און גיט אים שלום און פרעגט אים: יונגער מאן פון וואנעט ביסטו?

ענטפערט דער יונגער מאן: אז איר וועט מיר זאגען וואס איז אייך געלעגען פון וואנעט ~~איר זענד~~ איך בין {וויל} [וועל] איך אייך זאגען.

דער תולדות האט אים נאכאמאל געפרעגט און ער ענטפערט דאס זעלבע.

לסוף זאגט אים דער תולדות:

אז מען נעמט אויף א שוחט פרעגט מען אים: אויף וויפיל זיצט איר.

דאס זעלבע ביי א רב – אויף וויפיל זיצט דער רב?

אויף וואס פאר א פרנסה זיצט דער רבונו של עולם.

עס איז דאך דא א פסוק דארויף "אתה קדוש יושב תהילות ישראל".

וואס מיינט דער פסוק?

אז צוויי יידען קומען זיך צוזאמען – פרייגט איינער דעם אנדערען: ווי אזוי געט אייך? ענטפערט דער אנדערער: געלויבט דעם השם יתברך!

דאס מיינט דער פסוק – דער רבונו של עולם <u>זיצט</u> אויף די תהילות פון כלל ישראל.

אז דער תולדות איז שפעטער געקומען צום בעש"ט דער ציילט ער אים וואס עס האט זיך איסגעטראפען.

רופט זיך אן דער בעש״ט – בעט דעם יונגען מאן
ער זאל צו אונז קומען.

אז ער איז אים געגאנגען זוכען האט מען קיינעם
נישט געטראפען.

האט זיך דער בעש״ט אנגערופען: דאס איז געווען
אוודאי אליהו הנביא – ~~ער האט געוואלט הערען אייערער תורה~~
דאפאר האט ער נישט געוואלט אייך זאגען פון וואנעט ער איז
ביז איר וועט אים זאגען אייערע תורה.

י.פ)                                        אייזיק בראנשטיין

1.

דער דברי חיים האט אמול געפרעגט: וואס א חשיבות האבין
זיינע ספרים אויף דער וועלט. זענען זיי אזוי חשוב
ווי דער אוהב ישראל. ווען מען האט אים געענפערט אז יא
איס ער געווען צופרידען.

2.

יעדען שבת האט ער העריינגעקוקט
אין אוהב ישראל.

3.

ר׳ חיים (דברי חיים) סאנצער׳[ס] זיידע ר׳ ישעיה ליסקער (בעל
מחבר פון וחרב פיפיות) איס געווען אן איידעם פון דעם
גרויסען ר׳ חיים סאנצער מבראד. זאגט די וועלט
אז ר׳ חיים האט נאכאמול געמוסט קומען אויף דער
וועלט צו ווערען א חסיד.

4.

נאך די מעשה מיט די פערד איס ר׳ מאיר מאוסטרהא
(דער בעל מחבר פון מאיר נתיבים) וואס איס געווען א תלמיד
פונ׳ם בעש״ט חאטש ער איז געווען עלטער פון אים,
[בגליון:] (אין אמול איס געווען א מתנגיד)
געקומען נאך בראד צו ר׳ חיים וועלכער איז געווען
זיינ׳ס א חבר.
איינמול האט ר׳ מאיר געזוגט א פשט אין עץ חיים על
פי ~~פשט~~ דרך הבעש״ט. האט ר׳ חיים נישט
פערשטאנען. האט ר׳ מאיר געזאגט: דבר זה
קבלתי מרבי הבעש״ט. האט ר׳ חיים געענטפעט:
פון א רבין וואס פאטשט פערד וויל ער נישט
האבען צו טוען.

5.

[חסר]

דער סאנדזער רבי האט געהערט איש מפי איש
דאס דער אלטער בעלצער רבי ר׳ שלום זצ״ל האט דער-

צעלט פון א יידן וואס וואס איס געוועזן דאביי.

1.

בשעת ר׳ חיים סאנץ איז געלעגען אויף דעם

טויטען בעט האט ער הערייינגערופען אלע זיינע

תלמידים בראשם ר׳ זינדעל דעם בעלצער רבי׳ס

זיידע. האט ער ר׳ זינדעל געבענשט: וועסט נאך

זוכה צו זיין צו האבען א זון אזוי ווי איך.

ר׳ זינדעל האט זיך ערשטוינט. רבי – אין מיין

עלטער? זיין טאכטער די רביצין {רבכה רענה} [רבקה הענא] האט

דעמולס אויסגעשריען – טאטע איך נעם אויף

זיך די ברכה.

2.

אזוי ווי דער ר׳ חיים סאנץ איס געוועזן דער גרויסער

גאון {אן} [און] צדיק איס דעם בעשט שטארק געגאנגען

דאריין ער זאל אים מאכען פאר {זיינען} [זיינעם] א תלמיד.

ער האט געזען

ברוח הקודש

דאס אויב ער וועט

אים מאכען פאר א חסיד וועט

זיין ביאת משיח.

איס ער געקומען מיט 10 תלמידים מובהקים קיין בראד

זיך צו זען מיט ר׳ חיים. האט ער אים געטראפען

~~ביי~~ {זי} מוטשען ביי א הארבען עץ חיים. ר׳ חיים

האט אים געוויזען וואס עס ארט אים. האט דער

בעשט אים געזאגט: דו לערנסט די חיצוניות – מען

דארף הערייינקוקען אינ׳ם פנימיות און האט אים

אנטפלעקט די כוונה פונם {הר״י} [אר״י] הקדוש ״וממלא כל

הבית אורה״. אזוי ווי ר׳ חיים האט דאס ~~דערזען~~

דערזען האט ער אויסגעשריען: יחי אדוני ומורי ורבי!

און איז געווארען זיינער א חסיד. דערנאך
האט ער אים מיט זיינער {חברותה} [חברותא] ארויסגעפירט פון דער
שטוב.
דער בעשט האט זיך אבער התבונן געווען וואס א
גרויסער מעשה ער האט דא אויפגעטון — אזא גרויסען
צדיק און גאון געמאכט פאר א תלמיד. אבער ער האט
מורא געהאט דאס ער וועט באקומען גדלות פון דעם
און ח״ו וועט ער אין אלע תלמידים ח״ו פערפאלען ווערען.
האט ער געזוכט אן עצה ווי אזוי ר׳ חיים סאנצער צוריק
מאכען פאר א מתנגד.
אין מארק זענען געווען פערד. איס דער בעשט
צוגעגאנגען צו די פערד און האט זי געגלעט און
געפאטשט. ווען ר׳ חיים זצ״ל האט דאס דערזען
האט ער אויסגערופען: איך פערשטיי נישט — עס איס
נישט פאר מיר און איס געווארען אויס חסיד.

3.
נאך האט דער בעלצער דערציילט. דער בעשט ~~איסט~~ איס
אפט געקומען נאך בראד. עס איס אפילו נאך
יעצט בנמצא אין בראד א ווינקעלער ווי דער בעש״ט
האט ~~ג~~ שטענדיק געטרינקען {מעט} [מעד] מיט זיינע תלמידים.
און שטענדיק ווען דער בעש״ט איס דארט געקומען
האט ער געטון א מעשה נהנה צו זיין ר׳ חיים.
ער האט געוויסט דאס ר׳ חיים האט הנאה ווען עס
~~דערוואוסט~~ דערווייסט זיך עפעס אב צולאכען פון דעם
בעשט. האט דער בעשט אין מיסטען שטענדיק עפעס
געטון אזא א זאך דאס ר׳ חיים זאל קענען לאכען דאפון.

ר׳ מעכעלע זלאטשאווער האט איינמאל געהייסען איינעם
פון זיינע חסידים פוהרען צו ר׳ פנחס קאריצער און
זאל אים פרעגען פאר וואס ער זעט נישט דאס זיינע (דעם קאריצער׳ס)
תפילות זאלן ~~אלה~~ עולה לשמים זיין.

האט ר׳ פנחס געפרעגט דעם חסיד: פון וואנעט ~~ווייס~~ קען
ר׳ מעכעלע ~~דאס מיינע~~ וויסען וואו מיינע תפילות גען. מיינע תפילות גען
העכער, ~~אין א פלאץ~~ למקום שהוא למעלה ממלאכים ושרפים.

אז דער חסיד איז צוריקגעקומען מיט דער תשובה
איז ר׳ מעכעלע געבליבען א צערמישטער . איז געלעגען
דאס ספר ״עשרה מאמרות״ אויף דען טיש. האט ער עס
אויפגעמישט און פונקט אויף דעם מאמר: ״ויעמד פנחס
ויפלל — שהעלים והסתיר תפלתו למעלה ממלאכים ושרפים.״

האט זיך ר׳ מעכעלע בערוהיגט און האט געזאגט —
דארט ווי עס איז דא איינער וואס קען דאס טון —
קען זיין נאך א צווייטער

י.פ) דוד פישמאן

ביים אפטער רב איז געווען א דיוק עס זאל הענגען
א שפיגעל ער זאל קענען זען ווי דער של ראש
ליגט.

ביי ר׳ מאטעלע טשערנאבעלער – פארקערט איז נישט געהאנגען קיין שפיגעל.

האט דער אפטער געזאגט: פארשטייט זיך – עס זענען נישט דא מער ווי איין ר׳ מאטעלע וויל ער נישט זען מער ווי איין ר׳ מאטעלע.

~~מיר ווי~~ מיר ווייסען דאס עס זענען דא אסך אפטער ארט אונז נישט דאס מיר זען נאך איינעם.

י.פ)　　　　　　　　　　דוד פישמאן

ביי דער עבודה האט דער אפטער געזאגט: כך הייתי אומר און מען זאגט ער האט הערויסגעזאגט דעם שם.

ער האט געהאט דערציילט דאס ער געדענקט גענוי דעם פלאץ אים בית המקדש וואו ער האט געטון די עבודה.

י.פ) ר׳ חיים ביק

נאר אז דער דגל איז נפטר געווארען איז ר׳ ברוך געקומען קיין מעזשביזש.

**י.פ) ביים מעזשביזשער רבי**

אדעל דעם בעש״ט טאכטער ליגט באגראבען אויסער מעזשביזש על פרשת דרכים – אבער מען ווייס נישט גענוי דעם פלאץ.

י.פ) ביים מעזשביזשער רבי

אין די לעצטע יארען זענען דער מגיד און דער מלאך געווען צערגריגט איינער מיט דעם אנדערען. די סיבה איז געווען דאס דער מלאך האט נישט געוואלט ווינען מיט זיין רביצין און נישט געוואלט האבען קיינע קינדער.
דער מגיד האט עטלעכע יארען נישט גערעדט מיט דעם מלאך.

י.פ)                                                    פנחס לאנדוי

ר׳ נחום בער האט אמאל געזאגט דאס עס זענען דא
פיר מדרגות יידען 1) יא און יא, 2) יא און ניין
3) ניין און ניין און 4) ניין און יא.

1) יא און יא איז א מענש וואס האט פיינע מידות, אן איש {השלום} [השלם] אבער וואס ווייס דאס ער איז אן אויסגעארבעטער ייד און לאסט דאס דער וועלט וויסען

2) יא און ניין – א ייד מיט די זעלבע פיינע מידות אבער וואס איז אן {ענוב}[עניו] און ביי זיך גאר נישט

3) ניין און ניין – א מענש אלעדיגער א גאר נישט שבגארנישט אבער וואס ווייס חאטש דאס ער איז א גאר נישט און בלאזט נישט פון זיך

4) ניין און יא – א מענש א גאר נישט אבער פון דעסטוועגען מאכט ער פון זיך א גאנצען צימעס.

האט ער חסידים געפרעגט וואס איז ביי אייך די ערגסטע מידה. האבען אלע בפה אחד גענטפערט דאס די ערגסטע מידה איז אז איינער מאכט זיך גרויס אבער ער איז א מענש מיט קליינע מידות.

האט זיי ר׳ נחום בער געענטפערט. ניין איך האלט נישט אזוי. ביי מיר איז דער יא און יא דער ערגסטע. איינער וואס האט יא שענע מידות, איז אמדרגה מענש – טור זיך נישט בלאזען. ער באדארף וויסען דאס מען טור זיך נישט גרויס האלטען.

י.פ) דוד פישמאן

אזוי ווי דער מגיד איז געווען א קראנקער אויף א פוס ער איז געווען א לאָמער
און איז געגאנגען אויף קוליעס crutches האט ער אים שטארק
מקרב געווען. אין מעזשביזש איז געווען א ספעציעל
צימער אנגעגרייט פאר דעם מגיד נעבען דעם
בית מדרש פון דעם בעש״ט.

י.פ) פנחס לאנדוי

ר׳ חיים סאנצער איז געווען 2 מאלביים אפטער רב.
מען זאגט דאס דער אפטער רב האט נישט צו שטארק געהאלטען פון ר׳ חיים.
[בגליון: די מעשה ווערד דערציילט פון סאדאגאר חסידים]

איינמאל האט דער סאנצער געגעבען דעם אפטער א קוויטעל און הערייינגעשריבען אין קוויטעל דאס ער בייט אויף אהבת תורה.

פרייגט אים דער אפטער: און יראת שמים? ענטפערט אים ר׳ חיים: הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים.

זאגט ווייטער דער אפטער: מען דארף אבער וועלען קומען צו דער מדרגה. מיינט ר׳ חיים: דארך תורה קומט מען צו {יראה} [יראת] שמים.

פרייגט אים דער אפטער: עס שטייט דאך נישט אזוי.

כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו חכמתו מתקימת, וכל שחכמתו ~~מרד~~ קודמת ליראת חטאו אין חכמתו מתקיימת.

און נאך האט אים דער אפטער געזאגט: אז מען טרינקט אויס א גלאס ספיריט אויף א ניכטערען מאגען ווערט מען שיכור.

זאגען טאקי סאדאגארער חסידים דאס אין די עלטערע יארען האט ר׳ חיים ליב געהאט צו טרינקען

י.פ) פנחס לאנדוי

דער סקווערער האט קיינמאל נישט געלאזט אנקוקען
דעם צורף איידער מען איז געגאנגען אין מקוה.
מען האט געדארפט גען אין מקוה לשמה — פאר דעם
צוועק אנצוקוקן דעם צורף.

פנחס לאנדוי (י.פ)

דעם צורף פון ווארשא האט {צוזאמענגעשטעל} [צוזאמענגעשטעלט] א גאלד-
שמידט פון ווארשא און דארטען ווערד באשריבען
תבנית המנורה.

דער בעש״ט האט אבער געזאגט — חאטש דאס דער
צורף האט געהאט די נשמה פון בצלאל און בצלאל
האט מען דאך געוויזען פונ׳ם הימעל. זאגען מיר: תורה
לא בשמים היא. מיר ווייסען דאס די תבנית פון דער
מנורה איז נישט אזוי געוועז.

י.פ) פנחס לאנדוי

~~דער מגיד האט געפרעגט ר׳ ייב״י פארוואס ער רופט~~
~~די לאנדסרבנים ירבעם בן נבט~~

צו ר׳ ייב״י איז מען געקומען פון יאמפאלע ער זאל
זיי געבען א מגיד. האט ער זיי רעקאמענדירט ר׳ מעכעלע
זלאטשאווער. האבען זיי אים אויפגענומען אבער זיי האבען
אבגערעדט דאס ער טור נישט מאכען קיין אייגענעם מנין.

שפעטער האט ער זיך יא געמאכט אן אייגענעם מנין
און די בעלי בתים זענען געקומען זיך בעקלאגען צו
ר׳ ייב״י.
האט ר׳ ייב״י אים געלאסט רופען און ר׳ מעכעלע האט
אים געזאגט דאס ער קען נאר דאווענען מיט נוטרי ברית.
איז ר׳ ייב״י מיט ר׳ מעכעלע צוריקגעפוהרען קיין יאמפאלע
און געקומען אין שוהל.
האט דער חזן פון שוהל ר״ל רואה קרי געווען.
האט ר׳ ייבי געזאגט ר׳ מעכעלע: איך זע ~~נאך~~ נאר
ביז פאר דער מקוה — איר זעט אפילו נאך דער מקוה.

י.פּ)                                                                                    קיניוואר רבי

ר׳ ייב״י איז געווארען אמאל שטארק שלאף. איז יענטע זיין טאכטער געלאפען צו ר׳ פנחס קאריצער בעטען מען זאל מאכען א פדיון נפש פון שמות.

האט ר׳ פנחס געענטפערט: ר׳ ייב״י נשמה איז העכער פון די אלע נשמות – ער דארף נישט האבען אזאלכע סגולות.

ער האט אבער געגעבען אן עצה ער זאל עסען א געקעכץ פון רעטשקעס וועט ער ווערען געזונד.

ר׳ ייב״י האט נישט ליב געהאט קיין רעטשקעס. האבען זיי אים מקטרג געוועזן למעלה דאס ער עסט זיי נישט.

האט מען ר׳ ייבי׳ן אבגעקאכט א מאכל פון די רעטשקעס און ער איז געזונד געווארען.

י.פ) קיניווער רבי

בשעת ר׳ ייב״י איז געווען אין אוסטרהא איז ער געווען מגיד פון דער שטאדט. ר׳ פנחס קאריצער איז געווען דער רבי און דער מחבר פון דעם ספר מעין החכמה ר׳ אשר צבי בר׳ דוד איז געווען דער רב.

פ.י) קיניווער רבי

נאך ר׳ {ייב״י} [ייב״י׳ס] הסתלקות איז זיין זון ר׳ פנחס געווארען רבי און איז הערויסגעפוהרען אויף דער וועלט.

אז ער איז צוריקגעקומען האט ער געזאגט דאס ער ~~קענ~~ קען נישט פערליידען דעם שקר פון דער וועלט און איז באלד נפטר געווארען.

י.פ) קיניווער רבי

ר׳ ייב״י האט געהאט 3 זין. 1) ר׳ געציל געווינט אין אוסטרהא
ניט געהאט קיינע קינדער אבער
געהאט א טאכטער.
2) ר׳ לייב — איז געווען א גביר (אין באדיטשעוו?)
3) ר׳ פנחס איז נפטר געווארען בשעת [ער איז] נאך געווען גאר
יונג 37 יאר אלט.

ר׳ פנחס האט געהאט צוויי זין 1) ר׳ יעקב יוסף פון
אוסטרהא
און 2) ר׳ משה ראזיטשיווער — געווען דעם שפאליער׳ס
זיידענ׳ס א תלמיד.

ר׳ יעקב יוסף בן ר׳ פנחס האט ר׳ ברוך מעזשביזשער
מסמיך געווען, און האט אים שטארק מקרב געווען.

פ.) י׳ קיניווער רבי

אזוי ווי דער מגיד איז געווען א שלאפער און איז אסך געלעגען אין בעט האבען אסך תלמידים מורא געהאט אריינצוקומען צו אים אין חדר מוראדיק האבען פאר זיין הקפדה.

אז ר׳ ייב״י איז געקומען צום מגיד האט ער געזאגט דאס ער האט נישט מורא און איז הערייגעקומען אין חדר העריין און האט געגעבען שלום.

ער האט זיך פארגעשטעלט פאר׳ן מגיד ~~דאס~~ אז ער איז אן ארמער מאן, און ער רעכט אפ חצות. פאר חצות געט ער אין מקוה. איינמאל איז געווען אזוי קאלט דאס די מקוה איז געווען איבערגעפרוירען. האט ער גענעמען אן האק און האט געוואלט אויפרייסען דאס אייס אום זיך צו טובל׳ן.

איז געקומען דער ס״מ און האט געפרווט אים אבצורעדן זיך צו טובל׳ן. אין אזא קעלט – האט ער געזאגט – הייסט עס מאביד עצמו לדעת. ר׳ ייב״י האט אבער נישט געפאלגט – האט מנצח געווען דעם ס״מ און איז הערייגעשפרונגען אין מקוה.

י.פ. קיניווער רבי

ר׳ ייב״א איז געווען א תלמיד פונ׳ם מגיד. זיין פאטער
האט געהייסען ר׳ לייב. ער איז אויך געווען א מגיד אין
אוסטרהא.

[בגליון: אין ספר ר׳ ייבי שטייט דאס די ר״ת זענען יעקב יוסף בן יהודה]

~~איינ~~ איינמאל האט דער מגיד באגעגענט ר׳ לייב. האט
ער אים געזאגט דאס ער זאל אים שיקן זיין זון ר׳ יעקב
יוסף. האט אים ר׳ לייב געענטפערט דאס ער איז ביי מיר
א בן זקונים און ביי דער רעביצין א בן יחיד – דאפאר
וויל ער אים נישט אוועגלאזען פון זיך.

האט דער מגיד געזאגט: ער וועט שוין זיין ביי מיר.

שפעטער האט ר׳ ייב״י שטארק געקריגט אויף די לאנדס רבנים.
ער האט געדרשנט קעגען זיי און האט זיי גערופען
ירבעם בן נבט. האבען זיי אים שטארק גערודפט און
ער האט געמוסט אנטלויפען. איז ער דעמולט געקומען צום
מגיד. אזוי הערום איז מקוים געווארען דעם מגיד׳ס נבואה

(אגב האט ר׳ ייב״י געשריבען א ספר נאמען? קעגען די לאנדסרבנים)

י.פ)

קיניווער רבי
(ר׳ ייבי׳ס אן אייניקעל)

(1)

אין אוסטרהא איז געווען א אלטע שטאדט און א נייעם
טייל. ר׳ ייב״י האט געווינט אין דער אלטער שטאדט.

אין דער נייער שטאדט האט געווינט א גביר,
ר׳ פנחס ~~ס~~ קאריצער׳ס א חסיד. ער האט נישט געהאט
קיינע קינדער. סיי ער און סיי זיינע פרוי האבען גע-
מוטשעט ר׳ פנחס קאריצער ער זאל אויסבעטען פאר זיי אן
קינד. ר׳ פנחס האט אבער זיי געזאגט : עס טויג נישט פאר
אייך צו האבען ~~קיין~~ קינדער.

אז ר׳ פנחס איז אוועק קיין קאריץ זענען זיי אים
נאכגעפוהרען און האבען ווייטער געיאמערט : עד מתי, מיר
זענען שוין אויף די עלטערע יארען — עס איס שוין צייט
מיר זאלען בעגליקט ווערען מיט קינדער. אבער ר׳ פנחס האט
זיך געהאלטען ביי זיינען — עס טויג נישט פאר אייך צו
האבען קינדער.

דער גביר האט זיך שוין מיאש געווען און האט אנגעהויבען
צו געבען גרויסע נדבות — איבער זיינע כחות.

ר׳ ייב״י האט זיך שטארק {מעשק} [מתעסק] געווען אין פדיון ~~שבויים~~
שבויים. אז ער האט געהערט דאס דער גביר גיט אזאלכע
גרויסע צדקות האט ער זיך מיישב געווען ער וועט אים
בעזוכען און בעטען פאר א גרעסערע נדבה. ער האט
באדארפט א גרויסע סומע און עס האט אים אויסגעפעלט
300 רענדלעך.

ר׳ ייב״י איז געקומען אין דער נייער שטאדט וואו דער גביר האט
געווינט. פונקט דעמולט איז דער גביר געשלאפען און דער
משרת וואס האט נישט דערקענט ר׳ ייב״י האט אים נישט
געוואלט הערייינלאסען. ער האט געגלעבט דאס דער ייד איז גלאט
אבי ווער און האט אים געוואלט אבקומען מיט א רובעל
צוויי ווייל דער גביר האט אים שוין אנגעזאגט דאס א ייד
א קבצן זאל מען אים געבען א סומע פון א רובעל ביז 5

אבער ר׳ ייב״י האט דוקא געוואלט זען דעם גביר. דער משרת האט אים שוין געוואלט געבען 5 רובעל אבי אים פטור צו ווערען – אבער ר׳ ייבי האט נישט געוואלט. איז דער משרת געווארען אין כעס און האט ר׳ ייב״י מכבד געווען מיט א גוטען קלאפ. האט ר׳ ייב״י אנגענעמען דעם בזיון און איז צוריקגעפוהרען צו זיך אין דער אלטער שטאדט.

באלד אויף דען אנדערן טאג איז דער גביר שטארק שלאף געווארען און די דאקטוירים האבען נישט געהאט קיין רפואה. האט זיך דער משרת דערמאנט דאס ער האט א יידן א פאטש געטון, און אז ער האט אנגעהויבען צו באשרייבען דעם יידן האט מען זיך דערוויסט דאס דאס דארף זיין ר׳ ייב״י. איז מען שנעל געלאפען אים מפייס צו זיין האט אים ר׳ ייב״י מוחל געווען און דער גביר איז געווארען געזונד. אלס דאנק האט אים דער גביר געשענקט די גאנצע 300 רענדלעך וואס האבען אויסגעפעלט פאר דעם פדיון שבויים.

ר׳ ייב״י איז געווען גליקליך אז ער [האט] בעקומען אזא געוואלדיגע נדבה און האט געפרעגט דעם גביר צו ער האט עפעס א בקשה. האט ער אים דערציילט דאס ער איז א מחוסר בנים. האט ר׳ ייב״י אים צוגעזאגט דאס אי״ה אין א יאר צייט וועט ער האבען א בן זכר, ער האט נאר אויסגענומען דאס ווען זי וועט געלעגען ווערען זאל מען אים מודיע זיין.

די צייט איס פערגאנגען – די פרוי איז געווארען שוואנגער און זי האט אנגעהויבען צו האבען {חבלה}[חבלי] לידה. אבער מען האט פארגעסען צו מודיע זיין ר׳ ייב״י אפשר דאפאר וואס ער האט נישט געפיהרט קיין רביסטווא.

זי איז געווארען שווער שלאף און די{חבלה}[חבלי] לידה אבען געדויערט 2 – 3 טעג. זי איז שוין געווען כמעט טויט – האט מען

דערמאנט אין ר׳ ייב״י און שנעל געלאפען צו אים בעטען רחמים. האט ער געזאגט: מזל טוב א יינגעל איז ~~געווארען~~ געבוירען געווארען.

אז ~~מען האט~~ די יידינע האט זיך דערמינטערס האט זי דערציילט דאס זי איס שוין געוועז אויף דעם עולם האמת און  האט געטראפען ר׳ פנחס קאריצער האט זי אים געבעטען רחמים. האט ער איר געזאגט: איך האב דיר דאך געזאגט דאס עס טויג דיר נישט צו האבען קינדער.

האט זי דערזען ר׳ ייבי – האט ער איר געזאגט: וואס טוסט דו דא – צוריק! און האט {ער} [איר] צוריקגעגעבען די נשמה.

י.פ)                                                  קיניוּוער רבי

ווי אזוי דער תולדות איז געווארען א חסיד.

בשעת דער תולדות האט געווינט אין שאריגראד איז געוועז דער מנהג דאס אזוי באלד מען האט געזען דעם רב גען אין שוהל האבען אלע בעלי בתים זאפארט אויפגעהערט צו רעדען ~~און ערשק במעשה~~ און אים אלע נאכגעגאנגען אין שוהל, און יעדער האט אים געפאלגט ווייל מען האט געוואוסט דאס ער איז א גרויסע ~~מקפיד אויף~~ ~~מקפ~~ מקפיד אויף זיין כבוד.

איינמאל איז דער בעשט געקומען קיין שאריגראד, האט זיך פארשטעלט און אין מיטען מארקס פלאץ פאר מנחה מעריב האט ער צוגעצויגען אן עולם און האט אנגעהויבען צו דער ציילען {מעשות} [מעשיות]. די {מעשות} [מעשיות] האבען זיך לאנג געצויגען. דער תולדות איז פארבייגעגאנגען אבער קיינער איז אים נישט נאכגעגאנגען – אזוי פארטון זענען זיי געוועזן אין צו הערען זיך צו דעם {בעש"ט} [בעש"ט] דערצעלונגען.

דער תולדות האט געזען דאס קיינער איז נישט דא אין שוהל. איז ער געווארען שטארק אין כעס און האט געלאזט רופען דעם בעש"ט און האט אים {צארניג} [צארנדיג] געפרעגט: ווי אזוי ערלויבט זיך א ייד {אויצוהאלטען} [אויפצוהאלטען] א מנין – און מבטל מאכען זמן תפילה.

האט דער בעש"ט געענטפערט: און {החנסת} [הכנסת] אורחים, וואו איז? איך וועל אייך דערציילען א קורצע מעשה. נאכדעם האט ער אים דער ציילט נאך א מעשה. נאך דער דריטער מעשה האט אים דער תולדות שוין געגרופען: שלום עליכם, רבי ומורי, און האט אנגעהויבען צו ווערען זיין חסיד.

ער האט שפעטער דערציילט דאס אין די {מעשות} [מעשיות] האט אים דער בעש"ט ממש מרמז געווען כל חייו מימי הולדתו עד היום הזה.

ר׳ ייב״י איז געווען א גרויסער ארמער מאן און האט
קוים געהאט אויף פרנסה. איינמאל פאר פורים –
אין תענית אסתר האט ער נישט געהאט על מזון
סעודה אחת.

זיין בת יחידה יענטע האט געטענעט מיט
ר׳ ייבי ער זאל צוגרייטען עפעס אויף סעודת
פורים אבער ער האט זיך נישט געמאכט וויסענדיג.
געגאנגען אין שוהל הערייין פריילין און מיט פול
בטחון.

איז געקומען אין ~~שוהל~~ הויז הערייין אן ארמער מאן און
האט געבעטען מען זאל אים לאסען זיין אויף סעודת
פורים. יענטע האט אנגעהויבען צו וויינען – זי האט
נישט אליין אויף פורים, זאל זי נאך בעטען אן אורח.
נעמט הערויס דער קבצן א גולדען און זאגט: נא, נעם
דעם גולדען און קויף איין כל טוב פאר פורים.
איז געווארען יענטע פריילין אויף דען הארצען און האט
איינגעקויפט עסען, טרינקען – פיש פלייש, וויין א.ז.וו.

ר׳ ייב״י איז צוריקגעקומען פון שוהל. מען האט געגעסען
די סעודה און ר׳ ייבי איז געווען שטארק גליגליך.
ער האט געזינגען און געטאנצט מיט דעם ארמען מאן.
אז דער ארמער מאן איז שוין אהיים געגאנגען האט זיך ר׳
ייב״י אנגערופען: ווייסט ווער דאס איז געווען. דאס איז
מרדכי היהודי פון דער מגילה וואס איז געקומען אונז
משמח צו זיין.

י.פ) קיניווער רבי

ר׳ וואלף קיצית האט מגדל געווען א יתום און דער
בעש״ט א יתומה. האט דער בעש״ט צוגעזאגט נדן — 200
צו 300 רובעל. עס איס געקומען די צייט צו מאכען חתונה
און דער בעש״ט האט נישט געהאט דען נדן. האט
ר׳ וואלף געשריבען דעם בעש״ט א בריף אז מען וועט
נישט קענען גען צו דער חופה ביז מען וועט אנגרייטען
דען נדן. אבער עס האט נישט געהאלפען — עס איס נישט דא קיין
געלד.

אינצווישען האט זיך געטראפען א מעשה מיט א
פדיון שבויים און דער בעש״ט {האג} [האט] געגעבען א
גאראנטי אויף 200 רובעלן, און דער פרנס האט
דאס געלד געליען פון דעם פריץ.

איינמאל האט דער ~~פרץ~~ פריץ פערלאנגט דאס געלד
און אויב ער וועט עס נישט האבען אין 2 וואכען וועט
ער סיי דעם פרנס און דעם בעש״ט שמייסען אין
קייטען.

האט דער בעשט געזאגט דעם פרנס: נא
דיר געלט אויף הוצאות און פאר צום פריץ און
זע אויב די קענסט נעמען פונ׳ם פריץ ~~ביי~~
פאר מיר אויף נדן.

דער פרנס האט אים אנגעקוקט ווי א משוגענער —
דא מוהנט דער פריץ די חובות און דער בעשט
וויל נאך אן עודף אויף נדן.

אבער עס איס דאך פארט דער בעש״ט האט ער אים געפאלגט.

איז דער פרנס געקומען צום פריץ – האט ער אים געטראפען עסען און מען האט אים נאטירליך נישט צוגעלאסט.

אזוי ווי ער האט געווארט איז ער געפאלען אויף דער המצאה – זאל ער בעטען דעם פריץ פאר א חשבון צו וואס ער מוהנט איז טאקי ריכטיג.

אז דער פריץ איס פארטיג געווארען מיט דען עסען איז ער העררויסגעקומען און אז מען האט געמאכט דעם חשבון האט מען געפונען דאס דער פריץ איז גאר שולדיג געוועזן 200 רובעל. דער פריץ האט געגעבען די סומע געלד.

האט דער בעש״ט געהאט דאס נייטיגע געלד אויף נדן און די חתונה איז געוועזן בשעה טובה.

י.פ) קיניוועור רבי

דער רב איז נישט געקומען צום מגיד צום לערנען
תורה נאר צו זוכען אויסגעארבעטעטע מידות.
ער האט געוואלט זען ווי ער בינדט זיך צו די שיך.

י.פ)                                                  קיניווער רבי

ר׳ עקיבא עגער האט אין זיין גאנצ לעבען
נישט געקעמט זיין בארד. ער האט מורא געהאט
אז ער וועט אויסרייסען ח״ו א האר פון זיין
בארד. ער האט דאפאר געטראגען א זילבערען שייטעל[?]
אויף דער בארד.

דער קאצקער רבי האט אויך נישט זיך געקעמט די בארד.

י.פ) סאנצער רבי

צו ר׳ פייוועל לובענקער, א תלמיד פונ׳ם ~~לובלין~~ בעש״ט
זענען אייגענד געפוהרען דער חוזה פון לובלין
און דער ~~זכיזשער~~ נעסכיזשער רב ר׳ מרדכי, צו נעמען שלום.

ר׳ פייוועל האט ~~ער~~ געהאט א שניטווארען געשעפט.
האבען זיי געטראפען אז ר׳ פייוועל מעסט אן אן
~~גריעטע~~ אלטע גויישע {בבא} [באבע] א קלייד. איז דעם
חוזה עפעס אויסגעקומען מאדנע און האט אנגעהויבען
צו לאכען. דער {זכיזשער} [נעסכיזשער] האט אויך א פרעג
געטון ווער איז די ~~בבא~~ אלטע גויה? האט זיך אויסגעוויזען
אז זיי האבען געהאט דעמולט {גליו} [גילוי] אליהו.

י.פ)

סאנדצער רבי

פון ר׳ מענדעל קאסאווער דערציילט מען אז מען האט אים געפרעגט: פון וואנען נעמט זיך דאס אז חסידים טרינקען {משכה}[משקה] און וואונשען זיך איינער דעם אנדערען אדער פאר א ~~א יש~~ ישועה אדער א רפואה ווערען זיי אפט געהאלפען.

האט ר׳ מענדעל געענטפערט: אין מס׳ סוטה שטייט: כשם שהמים בודקין אותה כך המים בודקין אותו – געפינט מען אז ווען זי טרינקט טרעפט זיך אז אמאל שאדט עס גאר אים.

אז אוודאי און אוודאי במדה טובה שמרובה ממדת פורענות. איינער טרינקט און אן אנדערער איז פון דעם מקבל א ישועה און א רפואה.

(י.פ)

דער ריזשינער איז אמאל געזעסען ביי א סעודת ראש
חודש מיט דעם אפטער רב. דער ראש חדש
איז געווען תמוז.
מען האט געשמוסט וויפיל צו שטעלען{משכה}[משקה]. ביים
ריזשינער איז געווען א מנהג צו שטעלען {משכה}[משקה]
מיט א געוויסער {גמטריה}[גימטריא] 72, 36, א.ד.ג. [=און דאס גלייכן]

האט דער ריזשינער געזאגט ער וועט שטעלען 6 אדער
7 פלעשער {משכה}[משקה]. האט דער אפטער אים געפרעגט
וואס עפעס אזא ~~צאל~~ מנין.
האט ער אים געענטפערט תמוז — איז תם ו און ז
דאס הייסט עס איז גאנצ געווארען 6 אדער 7.

עס שטייט אז משה איז נישט הערונטער מן ההר "וירא
העם כי בושש משה לרדת מן ההר". זאגט רש"י עס ווענדט
זיך צו משה רבנו אי הערויף אין 6 טען אדער 7 טען
טאג פון סיון.
און אזוי איז אין 16 טאג פון תמוז איז
הערונטער פון דעם הר {ההר} איז דעמולט באשטימט
ווען ער איז הערויף אויף דען 6טען אדער זיבענטען
טאג פון סיון.
אזוי קומט אויס דאס אין דער ~~ראש~~ חודש תמוז איז
דער תיקון פון 6 אדער 7.

(י.פ)

בשעת מען האט באשטראפט די אייניקלעך פון ר׳ פנחס קאריצער – ר׳ שמואל אבא און ר׳ פנחס – צום שמייסען, האט מען זיי דארכגעיאגט א רייע פון קאזאקען און יעדער פון די גויים האט זיי געשמיסען.

דער גאבערנאטאר איז אויך געשטאנען דארט און האט צוגעקוקט דאס זיין באפעל זאל אויסגעפאלגט ווערדען.

פלוצלינג האט זיך דער גובערנאטאר שרעקליך דערשראקען. עס קומט אים פאר דעם ~~ארוג~~ געדאנק א ייד מיט גרייסע בארד און פאות און ער קען אים נישט פונ׳ם געדאנק אוועגטרייבען.

איז געפאלען אויף אים א גרויס פחד. ער האט אויסגעמולט דאס פנים פון דעם ייד און מען האט אים געזאגט דאס דאס איז ר׳ פנחס דער זיידע פון די יידן וואס מען שמייסט זיי דא. האט ~~ער זיי אויפגעהערט~~ ער באלד געהייסען מען זאל זיי אויפהערען צו שמייסען.

י.פ. סאנצער רבי

בשעת דער בעש״ט איז געלעגען אויף דעם טויטעבעט האט מען זיך צוגעבויגען און געהערט ווי ער מורמעלט. די לעצטע ווערטער זיינע זענען געווען

אל תבואני רגל גאוה (תהלים ל״ו, יב).

י.פ) סאנצער רבי

א גרויסער גביר איז געפוהרען צום בעש״ט. ער האט געהאט
א בן יחיד און ער האט געבעטען דעם בעש״ט דאס ער
זאל אים האלטען פאר דריי יאר צייט ער זאל זיך
אויסלערנען חסידות און מדות טובות.

איינמאל ~~איז~~ האט דער בעשט פלוצלינג איינגעשפארט דעם וואגען און איז געפוהרען ערגעץ וואו און
האט מיטגענומען דעם בחור. זיי זענען
איינגעשטאנען אין א קרעטשמע. דעם בעשט האט מען געגעבען א
צימער פאר זיך אבער דער בחור ~~איז~~ האט געמוסט
שלאפען אין דער קרעטשמא. עדער ער האט זיך שלאפען געלעגט
האט ער אנגעהויבען צו זינגען א ניגון, א זייער שענעם.
דארט איז געווען א גוי און דער נגון איז אים אזוי
געפעלען דאס ער האט געבעטען דעם ארענדאר דאס
דער בחור זאל זינגען און ער וועט קויפען שנאפס פאר דעם גאנצען עולם.

האט דער ארענדער געבעטען אז דער בחור׳ל זאל זינגען.
ער האט אבער געוואלט נעמען רשות ביים בעשט און דער
בעשט האט אים געגעבען ערלויבעניש צו זינגען.

דער גוי איז גאר נתפעל געווארען פונ׳ם זינגען — האט אים
געפרעגט ווי ער הייסט און ער האט אים געזאגט דאס ער
הייסט מאשקע. דער גוי האט געטרינגען און געטאנצט די גאנצע
נאכט און משה׳לה האט אים צוגעזונגען.

דערנאכדעם האט דער בעש״ט געהייסען צוריקפוהרען אהיים
און דעם בחור האט ער מיטגענומען.

משה איז צוריגגעפוהרען צו זיין פאטער. ער איז
אויפגעוואקסען און איז געווארען א סוחר א גרויסער.

איינמאל איז ער געווען אויף דען וועג. האבען אים
געכאפט גזלנים און האבען אים געוואלט הרגענען.
האט ער קאם אויסגעבעטען מען זאל אים ברענגען

צום ראש פון די גזלנים. און אז מען האט אים
געבראכט פאר דעם ראש פון די גזלנים. דער האט
אים באלד דערקענט און האט אים אבגעגעבען דאס
געלד וואס די גזלנים האבען צוגערויבט ביי אים
און האט אים אפילו געגעבען א מתנה און האט
אים געשיקט אויף זיין וועג.

זאגט די וועלט דאס דער בעשט האט דאס
פארויסגעזען {בנביאה} [בנבואה] און דאפאר ~~האט~~ איז ער פלוצלינג
געפוהרען מיט דעם בחור צו דער קרעטשמא.

י.פ) דוד פישמאן

א גרויסער גביר – א ייד א חסיד – ~~מיט דעם נאמען~~ האט ר״ל נישט געהאט קיינע קינדער. איז ער געקומען צום שפאליער זיידע צו בעטען רחמים. דער שפאליער זיידע איז בא נאטור געווען א שארפער און האט זיך הערויסגעכאפט מיט דעם ווארט: איך שווער דאס דו וועסט נישט האבען קיינע קינדער.

דער גביר האט אבער נישט געלאסט רוהען. איז ער געקומען צו ר׳ פנחס קאריצער ״מאכען אן אפיל״.

ווען ער איז אנגעקומען אין ר׳ פנחס׳ שטוב איז געווען פאר פסח און ר׳ פנחס איז געווען אין בית המדרש.

האט ער געזען דאס שרעקליכע ארימקייט. און עס איז ממש נישט געווען קיין זאך אויף פסח. – נישט קיין מצות, וויין אדער עסען. די רביצין האט געיאמערט דאס דער רבי האט נישט קיין חוש פון ~~עולם~~ עולם הזה – ער פארדינט און עס פאלט אים אפילו נישט איין דאס מען דארף איינקויפען אויף פסח.

דער גביר האט באלד גענומען און אלץ איינגעקויפט אויף פסח – כל טוב וטוב. מאכלים, כלים און זייד אויף א קאפאטע. ער האט אפילו געהייסען אויס ווייסען די שטוב.

ר׳ פנחס איז אהיים געקומען האט ער אפילו נישט באמערקט ~~אויף~~ די נייע מלבושים, האט נישט געפרעגט פון וואנען די נייע כלים און אלצ גוט קומט. ער האט עס אנגענומען מיט אהבה.

מיט התלהבות האט ער געמאכט קידוש און ער האט ממש געברענט[?] וואען[?]ביים סדר, ביז׳ן האלבען סדר האט ער אפילו

נישט א פרעג געטון פון וואנען דאס אלץ קומט, און אפילו
נישט געקוקט אויף דעם אורח. דער גביר.

אין מיטן סדר דערזעט ער דעם אורח און גיט אים שלום.
און די רעביצין דער ציילט אים דעמולט וואס דער גביר
האט געטון פאר זיי און וואס זיין בקשה איז.

האט אים צוגעזאגט: איך שווער אז די וועסט האבען א
קינד. צדיקים האבען געזאגט דאס מען האט קיינמאל
נישט געהערט ר׳ פנחס שווערען.

דער סוף איז געווען דאס דער ייד איז צוריקגעפוהרען
און צום סוף יאר איז א קינד געבוירען געווארען.

ווען דער שפאליער זיידע האט געהערט דאס א קינד
איז געבוירען געווארען האט ער אויסגערופען: איר וועט
נאך זען אז צו 13 יאר וועט אים [בגיליון: מיינענדיג ר׳ פנחס] דער בן
זכר שוין אבצוהלען.

און אזוי איס געוועזן. צו 13 יאר האט זיך דער בן
זכר ~~געשמדט~~ געשמד׳ט און האט געמסר׳ט ר׳ פנחס׳ס
קינדער צו דער רעגירונג דאס זיי האבען מגייר
געוועזן א גוי, און מען האט זיי איינגעזעצט און צוגעמאכט
די דרוקעריי

י.פ)          סאנצער רבי

ר׳ מענדעל קאסאווער האט געהאט דריי חברים איינעם ר׳ אליעזר וואלף און צוויי אנדערע. האט ער אויף זיי געזאגט דאס איינער וועט זיין א גרויסער גביר, דער צווייטער א שכור און דער דריטער א רבי. כך {הוי} [הוה] .

ר׳ אליעזר וואלף איז געווען א גרויסער מקובל און געווארען א רבי אין בעטשעטשו — (נעבען בייטַאשַאן אין רומעניע) און ער האט געקלונגען אין גאנץ רומעניע.

אויף ר׳ אליעזר וואלף האט ~~דער~~ ר׳ מאיר פרעמישלאנער געזאגט צו חסידים וואס זענען געקומן צו אים פון יענער געגענד: וואס דארפט איר קומען צו מיר אז איר האט אזא צדיק און בעל מקובל ביי אייך. און ער האט זי הערויסגעטריבען.

י.פ) הרב גאלד

א תלמיד פונ׳ם בעש״ט האט געפרעגט דעם בעש״ט: אויב
איך וועל טרעפען פוהרענדיג אין וואלד א ייד א
קאליקע – יא אז איך זאל אים נעמען אויף מיין וועגעלע.
ניין, האט דער בעש״ט געענטפערט: דו זאלסט א שמיץ
געבען מיט דיין בייטש דעם פערד און שנעל אוועגפוהרען

איינמאל איז דער תלמיד געפוהרען אין מיטן וואלד
און פלוצלינג טרעפט ער אויף דען וועג א ייד וואס
זעט אויס צו זיין א הינקעדיגער – א קאליקע און שרייט
האט רחמנות – יידן – {אין} [איך] בין א האלב פארפרוירענער – ראטעוועט
מיך – ~~נעמסט~~ נעמט׳ס מיך מיט אויף אייער וואגען. האט דער
תלמיד שוין געהאט בדעה אים צו בעטען מיטצופוהרען.
אין דער לעצטער מיניט האט ער זיך אבער דערמאנט אין
די ווערטער פונ׳ם בעשט און שנעל איז ער אוועגגעלאפען –
און שנעל פוהרענדיג הערט ער ווי דער קאליקער נעמט הערויס
א רעוואלווער און גיט א שאס מיט א קויל.
אז ער איז צוריקגעקומען צום בעשט האט ער אים
דער ציילט די מעשה.
האט דער בעש״ט אים געענטפערט: פארשטייסט נישט
אליין – ווי קומט א ייד א קאליקער אין מיטן וואלד – ווי אזוי
האט ער זיך קענט ~~דעך~~ דערגייען אזוי ווייט. איז א
סימן אז ער איז א גזלן און מען דארף זיך
היטן פאר אים

[בעט כחול, בכתב ידו של השל: (די מעשה ווערט אויך דערציילט וועגן ריזשענער א. ה.)]

י.פ)		דוד פישמאן

פארוואס האט מען אים גערופען מלאך?

1. ער האט געלעבט ווי א מלאך – פון שבת צו שבת האט ער געפאסט און זיין גאנץ עסען האט באשטאנען פון א הייטעל פון א טויב. אזוי האט ער פארביסען זיינע תעניתים. האבען צדיקים געזאגט דאס קען נישט זיין קיין מענשליכער כח.

2. ער האט נישט געלעבט מיט זיין פרוי.

3. תשעה באב בשעת דער חזן האט אנגעהויבען צו זאגען ברכו האט דער מלאך איינגעלעגט {ראשו בברכו} [ראשו בין ברכיו] און דער גאנצען מעת לעת זיך נישט גערירט פונ׳ם פלאץ. און דער גאנצען טאג אן אויפהאלט האבען זיך געגאסען טרענען.

אויף אזא מין דרך האבען אויך צדיקים געזאגט דאס קיין מענשליכער כח וואלט דאס נישט געקענט אויסהאלטען.

י.פ) הרב גאלד

נאך דער פטירה פון דעם מלאך איז די רעביצין פריידע אוועגעפוהרען קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט אין טבריה.

זי האט נעבעך נישט געהאט פון וואס צו לעבען האט זי געוואשען פרעמדע וועש אום צו האבען חיונה.

אין טבריה איז דעמולט געווען ר׳ מענדעל וויטעבסקער. אז ער האט געהערט די מעשה מיט דעם מלאך׳ס אלמנה איז ער שטארק איבעראשט געווארען און איז געקומען צו איהר זיך איבערצוצייגען צו די {די} מעשה איז תאקי אמת. האט ער זי געטראפען ביי דער ארבייט. האט ער איר א פרעג געטון: איר מוסט תאקי וואשען וועש. ער האט געמיינט דאס זי מוס וואשען איר ~~איינ~~אייגענע וועש ווייל זי איז צו ארם צו דינגען א שיקסע.

זי האט אבער געענטפערט: ניין רבי! דאס איז נישט מיין וועש – עס איז פרעמדע וועס.

{בעט כחול בכתב ידו של השל: (אייגענע וועש וואלט[?] געווען[?] אַ בזיון[?] פאר חיונה איז עפעס אנדערש ?)}

י.פ) הרב גאלד

אז דעם ריזשינער׳ס ערשטע פרוי איז געשטארבען (זי איז געווען ר׳ משה׳לע ראש {הישובה} [הישיבה] פון בארדיטשעוו׳ס טאכטער) האט ער חתונה געהאט מיט רחל לאה די אלמנה פון ר׳ הירשעל׳ע רימינאוווער.

ביי דער חופה איז געווען א געוואלדיג שטופעניש. יעדער האט געוואלט זיין ביי דער חופה.

האט דער ריזשינער אויסגעשריען: ווער עס וויל זען מיין עלבון זאל הערייננקומען.

הערענדיג דאס האט קיינער נישט געוואגט הערייננצוקומען און עס איז אפילו נישט געבליבען קיין מנין.

נאר ר׳ אברהם שלמה איז געבליבען. האט אים דער ריזשינער א וואונק געטון: שלמה׳קע קום אריין און האט אים מכבד געווען מיט זיין דער אונטערפירער.

י.פ) הרב גאלד

{אוראייניקער} [אוראייניקעל] פון ר׳ אברהם שלמה

ווען דער ריזשינער איז געווען נאך זייער יונג
האט אים זיינע מוטער די רעביצען חווה'לה געבעטען ער זאל
פוהרען צום אבטער רב צו נעמען סמיכה.

איז ער געווען איינפארשטאנען און האט מיטגענומען ר' אברהם
שלמה. אויף דען וועג האט ר' אברהם שלמה שטענדיג חוזק געמאכט
פון רבישאפט.

ביי נאכט זענען זיי ביידע איינגעשטאנדען אין דער
זעלבער שטאנציע און האבען זיך געשטעלט דאווענען.

האט ר' אברהם שלמה שטארק מאריך געווען די שמנה עשרה.
האט אים דער ריזשינער געגעבען אזא שטופּ דאס ער זאל
שוין אויסגען און ער האט עוקר {רגלו} [רגליו] געווען.

און דערנאך האט ער אים געפרעגט די דריי פראגעס

1) פאר וואס האט ער עוקר {רגלו} [רגליו] געווען
2) פאר וואס האט ער אזוי מאריך געווען
3) ער האט אים געפרעגט פשט פון דעם פסוק: הסובל
ומעלים עין מסוררים. אויב ער איז ~~ער~~ א סובל איז ער
דאך נישט מעלים עין? [בגליון: ?].

האט אים ר' אברהם שלמה געענטפערט אויף די 3 פראגען.
1. עס שטייט: אפילו המלך שואל בשלומו לא ~~יפסק~~ ישיבנו
און אפילו נחש כרוך על עקבו לא יפסק
אבל עקרב פוסק

און עס וועט געזאגט דאס: הוי זהיר בגחלתן של תלמידי
חכמים {שנחישתן} [שנשיכתן] נחישת עקרב.[3]
דאפאר האב איך עוקר {רגלו} [רגליו] געווען ווען איר האט
מיר א שטופּ געטון

[3] ציטוט שגוי. הנה הציטוט המדויק: "הוי זהיר בגחלתן שלא תכוה, שנשיכתן נשיכת שועל, ועקיצתן עקיצת עקרב." אבות פרק י, משנה ב.

2. איר זענט שוין אן אויסגעדינטער זאלדאט
קענט איר דינען שנעל – איך נישט. איך גע
פאוואליע. מיין פולווער אנלאדען געט זייער לאנגזאם,
און עס געדויערט לענגער

3. מעלים עין מסוררים איז דער קדוש ברוך הוא
פון מיר – א סובל איז ער אבער פון אייך, ווייל
עס שטייט דאך הקדוש ברוך הוא גוזר וצדיק מבטל

י.פ)

הרב גאלד
אן ~~אור~~ עניקעל פון מלאך

דעמ מלאך׳ס צווייטער זון ר׳ ישראל חיים איז געווען ר׳ שלמה קארלינער׳ס איידעם. ער האט געהאט א זון ר׳ ~~שלמה~~ אברהם שלמה[4] ~~חיים~~ וואס די וועלט האט אים געהאלטען פאר א וועלט חכם. ער האט אבער נישט געוואלט זיין קיין רבי.

דעם ריזשינער ~~איז~~ האט אבער שטארק געוואלט דאס ר׳ {שלמה חיים} [אברהם שלמה] זאל ווערען א רבי. ער האט אים געזאגט:
טוט אייך אן א ווייסע זשיפיצע און א האלבע וועלט
וועט אייך נאכלויפען. ר׳ שלמה חיים [אברהם שלמה] האט אבער געענטפערט
פאר וואס נישט קיין גאנצע וועלט? אויב נישט די ~~ק~~ גאנצע
וועלט וויל איך נישט!

י.פ)

הרב גאלד
ר׳ שלמה חיים׳ס אן אורעניקעל
און אן עניקעל פון מלאך

---

4 זה השם הנכון ולא שלמה חיים.

דער פאטער פון ר׳ פנחס קאריצער – ר׳ אברהם איז געווען
א גרויסער {מתנגיד} [מתנגד].
אז ר׳ פנחס איז געווארען א תלמיד פונ׳ם בעשט האט
עס שטארק געארט דעם פאטער זיינעם ר׳ אברהם. איז
ער אים נאכגעפוהרען און האט אים געוואלט ״ראטעווען״ פונ׳ם
השפעה ~~אינפלוענץ~~ פונ׳ם בעש״ט.
~~ר׳ אברהם האט דעם בעש״ט געטראפען אין קאמינקא~~
ווען ר׳ אברהם איז אנגעקומען קיין מיראפאלע האט מען אים
געזאגט דאס דער בעשט איז אט ערשט אוועגגעפוהרען
קיין קאמינקא ~~מיראפאלע~~. איז ער שוין געבליבען אין מיראפאלע. ר׳ אברהם
איז געווען א גרויסער גדול און זיין שבתדיקע דרשה
האט שטארק אויסגענעמען ביים עולם.
דער בעש״ט איז דאווייל געווען אין קאמינקא אין
האט דארט געהאלטן שבת. שלש סעודות איז ער געזעסען
שטארק שפעט אין דער נאכט. עס איז שוין געווען שפעט
ביינאכט און פינסטער און דער עולם איז געשטאנדען קאפ
אויף קאפ און דער בעשט האט געזאגט תורה
ער איז געזעסען אזוי שפעט דאס ר׳ אברהם האט
נאך געשפעהעט אנצוקומען פון מיראפאלי און אים טרעפען
צו שלש סעודות.
אז ר׳ אברהם איז העריינגעקומען האט ר׳ אברהם
דער ציילט אז עס אים קשה א תוספות און ער קען
נישט געפינען א תירץ.
רופט זיך אן דער בעש״ט: מען לויפט גאר נאך
דעם זון צו ראטעווען און מען קען גאר נישט קיין פשט אין תוספות.
האט ר׳ אברהם אים געזאגט: אויב איר וועלט

מיר מתרץ זיין דעם תוספות גיב איך אייך אוועג
מיין קינד. מיין זון ר׳ פנחס.

האט דער בעש״ט {אין} [אים] ~~געז~~ געזאגט פשט און ר׳ (פנסח) [פנחס]
איז שוין געבליבען ביי דעם בעש״ט אלס תלמיד.

י.פ) ליאוועיר רבי
~~הרב גא~~

דער שפאליער זיידע האט אמאל א יידן געגעבען
א ברכה און האט אים געגעבען א פאטש און האט
זיך אנגערופען: 120 יאר זאלסט דו לעבן.

דעם ייד האט דער ליאוּוער רבי געזען בשעת
ער איז געווען 103 יאר אלט און ער האט דערנאך
געלעבט נאך 17 יאר.

י.פ)                    ליאוּוער רבי

דער ריזשינער איז געווען אמאל אויף דעם ציון פונ׳ם מגיד ממעזריטש.
האט ער געזאגט: די וועלט זאגט אז ~~דער~~ א בער קען טאנצען – איך האב עס קיינמאל נישט געזען.
אבער אצינד זע איך אז א בער קען יא טאנצען!
אוי קען ער טאנצען!!

י.פ) ליאווער רבי
אליין געהערט פון א יידן וואס איז געווען דאביי

ביי ר׳ אהרן טשערנאבעלער האט זיך געפיהרט דאס מען איז הערומגעפוהרען מוהנען מעמד. מען האט געשיקט חשובע בעלי בתים – חסידים – מיט קוויטלעך. אויף די קוויטעלעך איז געשטאנען דער מעמד וואס מען האט יעדעם אבגעשאצט.

איין מאל איז א חסיד געקומען קיין ליאווע און צווישען די מעמד קוויטלאך איז געווען איינער אויף וועמען איז געשטאנען געשריבען: הנגיד ר׳ מאיר ברב גבריאל 4 מאל ח״י. דאס איז געווען די גרעסטע סומע וואס מען האט געטאקסט אין שטעדטעל.

קיינער ~~ווייס~~ ווייס אבער נישט ווער דער ר׳ מאיר בן גבריאל איז? נישט דא אזא נאמען אין ליאווע.

דערמאנט מען זיך דאס עס געפינט זיך עפעס א מאיר א משרת ביים קצב. אבער מען ווייס נישט זיין פאטער׳ס נאמען ווייל מען האט אים קיינמאל אויפגערופען. אבער אז מען פרעגט אים ווער ער רופט זיך אויף זאגט ער מאיר בן גבריאל. דער ציילט מען אים דאס ער איז דא צו אים א בריוועל פון ר׳ אהרן טשערנאבעלער און מען מוהנט אים מעמד 72 רובעל. זאגט ער מיט גרויס בטחון: מסתמא אז דער רבי האט אזוי באשטימט וועל איך האבען אויף צו באצוהלען.

אבער אין דער סאמער וואך האט ער נישט געהאט וואס צו {צו} עסען. איז ער ארויס אין דארף צו א גוי זוכען עפעס איין צו האנדלען. אויף דען וועג האט ער געפונען א בייטעל מיט געלד און אז מען האט איבערגעציילט דאס געלד האט מען געפונען פונקט 72 רובעל.

נאך דער מעשה איז דער מאיר געווארען א גרויסער בטוח – מען האט אים {געליגען} [געליען] געלד און ער איז געווארען

א סוחר פון בהמות אין געווארען א גרויסער גביר און
נדבן.

י.פ) ליאווער רבי

איין מאל איז דער חפץ חיים געזעצען מיט בחורים און זיי האבען געשמוזט פון חשבון הנפש. האט ער זיי דערציילט ווען ביי אים האט זיך געטראפען זיין ערשטער חשבון הנפש.

ווען ער איז געווען א יתום פון 12 יאר איז ער געפוהרען אין אן אנדערע שטאדט און האט דארט געלערנט אין א קלויז. דער חבר מיט וועמען ער האט געלערנט איז געווען א שענער הויכער בחור וואס האב ביי יעדעם שען אויסגענומען.

איינמאל ~~אין~~ איז געקומען א ייד אין שטעדטעל זוכען א חתן און האט ממילא אויסגעקליבען דעם חבר פון׳ם חפץ חיים, און האט אים אוועגגעפיהרט צו זיך נאך ווארשא.

דער נאכדעם שרייבט דער חפץ חיים, איינער אן אלמן, דאס ער האט געהערט דאס ער האט א מוטער אן אלמנה און וויל מיט איר חתונה האבען – אבער מיט דעם תנאי דאס – ער דער חפץ חיים זאל חתונה האבען מיט זיין טאכטער. וואס טוט מען נישט צוליב א מאמען? איז ער איינגעגאנגען דארויף און ער איז אהיים געפוהרען און מען האט געשריבען דאפעלטע תנאים.

צוריקגעקומען איז דער חפץ חיים גלייך ווי ער איז אוועגגעפוהרען מיט דער זעלבער צערקראכענע קאפאטע און צעריסענע שטיוולעך – ווייל דער מחותן נעבעך איז געווען א גרויסער קבצן – אן עני ואביון.

אין א האלב יאר איז צוריקגעקומען זיין חבר פון ווארשא אויסגעפוצט אין א נייער זיידענע קאפאטע און שענע שטיוועלען. אבער דער עיקר מיט וואס ער האט זיך בארוהמט איז געווען זיין גאלדענער שווערער זייגער.

דער חפץ חיים האט זיך מודה געווען דאס דאס גאלדענע זייגער האט אים – חאטש נאך א קינד – שטארק אימפאנירט.

דער חבר האט אים איינגערעדט: דו דארפסט אויך פארלאנגען וואס עס קומט דיר. דער מחותן וועט שוין מוסען נאכגעבען. איך גיב דיר אן עצה! פוהר צום ~~מחותן~~ שווער אויף שבת און רעדט ווערטער: אדער איר גיט מיר אן גאלדענען זייגער אדער {אוית} [אויס] שידוך.

דער חפץ חיים האט זיך געלאסט איינרעדען. ער האט געהאט א פאר גראשען – האט ער געדונגען א דראשקע און זיך גענעמען אין וועג אריין – נאך ראדין.

בשעת ער איז אזוי געפוהרען טרעפט ער אויף דען וועג א שענען פרעכטיגן פיאקער וואס האט בעלאנגט צו א גרויסען גביר.

און פונקט ווי זיי טרעפען זיך פאסירט דאס {ער} [עס] איז געווען א גרויסע בלאטע און אזוי ווי דער פיאקער האט זיך עפעס א גליטש געטון און דער גביר איז אריינגעפאלען אין דער בלאטע – און זיין שווערער גאלדענער זייגער פאלט ארויס פון זיין קעשענע און פאלט אויך אריין אין דער בלאטע.

האט זיך דער חפץ חיים אונגערופען – דעמולט האב איך געהאט דעם אמת׳ן חשבון הנפש – אט אזא גאלדענע זייגער וואס איך פוהר נאך אים קען אויך פאלען אין דער בלאטע אריין – וואס דארף איך עס – וואס טויג עס מיר?

י.פ)

אברהם ~~פעל~~ פערלאוו
אליין געהערט פונ׳ם חפץ חיים

אז פאזנאנסקי דער גרויסער פוילישער גביר איז געשטארבן האט מען דער ציילט דעם חפץ חיים וויפיל געלט ער האט איבערגעלאסט.

האט זיך דער חפץ חיים אנגערופען: וואס רעדט איר וועגען איבערלאסען — פרייגט׳ס בעסער וואס ער האט {מינגענומען} [מיטגענומען].

י.פ) אברהם פערלאוו

פונ׳ם קאצקער דער ציילט מען:

אז {אלעזר} [אליעזר] איז געקומען אנקוקען {רבכה}[רבקה] זאגט רש״י
אז {אלעזר} [אליעזר] האט געזען ״שראה שעלו המים לקראתה״.

האט דער קאצקער געפרעגט אז {עלעזר} [אליעזר] האט געזען אזא
מופת אין {רבכה׳ס}[רבקה׳ס] זכות וואס האט ער נאך געדארפט זיך
נאכפרעגען אויף איר.

האט דער קאצקער געענטפערט: פון א מופת
ברענגט מען נישט קיין ראיה מען דארף אויך
זען א מדה טובה. דאפאר האט ער געפרעגט ״הגמיאיני
נא מעט מים״.

י.פ) אברהם פערלאוו

בשעת דער דגל מחנה אפרים איז אנגעקומן קיין
מעזשביזש זיך דארט צו באזעצען איז דאס
מחלוקת צווישען די חסידים און מתנגדים געווען שטארק
גרויס.
[ דער מתנגדישער רב איז געווען אגב א עלטער זיידע פון
ר׳ חיים ביק]

די חסידים האבען אבער צוגערעדט דעם דגל דאס
אזוי ווי ער איז דאך דער גרויסער צדיק מיט מידות זאל
ער נעמען דעם ערשטען טריט און צוגיין צום רב.
האט ער איינגעשטימט און מען האט באשלאסען צוגייען צום
רב שבת אויף קידוש.

אזוי ווי דער דגל איז איבערגעטראטען די שוועל
פונ׳ם רב׳ס הויס הערט ער ווי ער ~~מאכט דעמולט~~
~~פונקט קידוש~~ גירייט זיך מאכען קידוש און זאגט
דעם פסוק [אין ״אם תשיב ... ] והאכלתיך נחלת יעקב
אביך, כי פי ד׳ דבר.

אזוי ווי דער דגל האט דאס דערהערט איז ער
שוין נישט הערייגעגאנגען אין שטוב אריין. ער האט זיך אנגערופען:
״הערט נאר, הערט נאר ווי ער איז אליין מודה דאס
די רבנות בעלאנגט צו אונז, און נישט צו אים.
ער האט נאר וואס דערמאנט נחלת יעקב – און
ווער איז נחלת יעקב ווען נישט די קינדער פון ר׳ ישראל
בעש״ט.

י.פ) מעזשביזשער רבי

בשעת דער בעש״ט איז געווען אין מעזשביזש האט
ער תאקי געהאט גרויסע רדיפות {אבען} [אבער] זיין שם איז
שטענדיג געווארען גרעסער און מעכטיגער.

ביי א {מתנגיד} [מתנגד] אין א שטעטעל ווייט פון מעזשביזש איז געווארען שטארק שלאף א טאכטער.
די דאקטוירים האבען זי שוין אויפגעגעבען — האבען יידן
אים געראטען ער זאל זיך זען מיט דעם בעשט.
באין ברירה {האר} [האט] ער אנגעקומען די עצה, און האט זיך
גענעמען אין וועג אריין. נישט ווייט פון מעזשביזש האט
זיך געמאכט א שרעקליכער {זוועריעכערע} [זוועריעכע] און שטורם.
האט ער קוים אנגעטראפען אין א דארף ביי א יידן וואס ער איז געזעצען און האט געלערנט.
ער איז געווען שעור נישט א דערפרוירענער און דער
ייד האט אים אויפגענומען מיט גרויס גאסטפריינדליכקייט און
האט אים געגעבען צו עסען און טרינקען און א טרוקענעם
מלבוש.
דער נאכדעם פרעגט אים דער ייד — וואס איז אויך
געווען א שטארקער {מתנגיד} [מתנגד] — אבער א גרויסער תלמיד חכם:
אוואו פוהרט א ייד אין אזא דרויסען? ענטפערט אים
דער ייד וואס האט געהאט די שלאפע טאכטער: צום
בעשט. צו ראטעווען מיין קראנקע טאכטער.

אזוי ווי דער בעל אכסניה האט דאס געהערט איז [ער]
געווארען א צערקאכטער — אויפגערעגט און האט אים

{געוואל} [געוואלט] הערויסטרייבען אין דעם שטורמישען דרויסען.
דער ייד האט זיך געבעטען רחמים און ער האט
אים געמוסט צוזאגען דאס ער וועט זיך צוריק אהיים קערען
און נישט פוהרען צום בעש״ט.

האט מען די מעשה דערציילט דעם בעש״ט. האט ער
געזאגט: דער ייד דער בעל ~~אסנ~~ אכסניה איז א גרויסער
מענש. ער איז במדרגת רב ורב תנא הוא ופליג.

י.פ) **מעזשביזשער רבי**

וועם דער רב איז געווען אין מעזשביזש האט ר׳ ברוך שטארק געקריגט אויף אים און האט אים נישט ~~הערריפגעל~~ געלאזט גיין אויף דעם {בעש״ט} [בעש״ט׳ס] ציון.

י.פ)

מעזשביזשער רבי
ר׳ יצחק מאיר העשל

דער רב האט איינמאל געזאגט אויף ר׳ ברוך.
איר זענט טאקי אן אייניקעל פון׳ם בעש״ט אבער נאר
בגשמיות איך בין אן אייניקעל ברוחניות.

י.פ) מעזשביזשער רבי

איינמאל האט ~~אים~~ ר׳ ברוך אזוי דערקוטשעט דעם רב דאס דער רב ~~און~~ איז שטארק ברוגז געווארען און האט אויסגעשריען: איר האט גאר נישט קיין דרך ארץ פאר מיין תורה!!

רופט זיך אן ר׳ ברוך: ווי שטייט עפעס דאס א ייד דארף קענען לערנען. און ער ענטפערט זיך אליין — יא עס שטייט יא איינמאל: למדו היטב — זאגט אבער רש״י לימדו להיטב.

י.פ) מעזשביזשער רבי

איינער איז געקומען פאר ר׳ ברוך און האט זיך
בארוהמט דאס ער זאגט יעדען טאג גאנץ
תהילים

האט אים ר׳ ברוך געענטפערט: לויט ווי איך קען
דיך דארפסט דו נאר זאגען האלב תהילים
צוליב דעם פסוק: ויפתוהו בפיהם ובלשונם יכזבו לו
(תהילים ע״ח לג)
[דער פסוק ~~געפי~~ געפינט זיך אין מיטען פון תהילים]

י.פ) מעזשביזשער רבי

ר׳ בירוש האט געהייסען דער מתנגדישער רב אין מעזשביזש.

ווען ר׳ בירוש איז נפטר געווארען האט אים די חברא קדישא געוואלט לעגען נעבען ר׳ וואלף קיצית ~~וואס~~ וועלכער איז געלעגען נעבען דעם בעש״ט.

אינצווישען איז אבער דער דגל מחנה אפרים שוין געווען אין מעזשביזש און די חסידים האבען געוואלט פריילאזען דעם פלאץ נעבען ר׳ וואלף קיצית פאר דעם דגל.

ביי דער לויה האבען זיך אלע חסידים געשטעלט אויף דער פלאץ נעבען ר׳ וואלף קיצית און האבען נישט געלאזט דאס מען זאל מקבר זיין דארט ר׳ בירוש. אזוי ווי זיי שטיין, שטעלט זיך דארט אויף עפעס א פרעמדער ייד און שטייט אויך. ווען עס איז געווארען נאכט זענען די חסידים זיך צערגאנגען און דער ייד איז געבליבען איינער אליין. האט ער שנעל גענומען א לאפעטע און האט אויסגעגראבען א קבר פאר ר׳ בירוש.

אזוי ליגען ~~קוקען אויף~~ די קברים




י.פ.) אלעזר זאהן

דער בעש"ט פלייגט פוהרען קיין אלט קאנסטאנטין. אז ער איס געוועז איינמאל אין יאר האבען זיי אים געגעבען אַ 5 רובעל. אז עס אים אויסגעקומען צו זיין דארט צוויי מאל אין יאר האבען זיי אים געגעבען צו דריי רובעל יעדעס מאל — דאס הייסט 6 רובעל א יאר.

י.פ) ר׳ אלעזר זאהן

אין אלט קאנסטאנטין איז געווען רב, ר׳ מאיר עמדין דער זון פון ר׳ יעקב עמדין. ווען דער בעש״ט פלעגט זיין אין שטאדט האט ער געמאכט קידוש ביי ר׳ מאיר עמדין. ר׳ מאיר פלעגט שבת אין דער פרי מאכען קידוש אויף מילכיגס.

איינמאל ווען מען דערלאנגט דעם בעש״ט א גלאס מילך וויל ער נישט טרינקן.

ביי ר׳ מאיר איז דאס געווען א וואונדער. ווען מען האט חוקר ~~און~~ ודורש געווען האט מען אויסגעפונדען דאס די פרוי בשעת זי האט געמעלקט די קיה איז געווען אין צייט.

י.פ) אלעזר זאהן

~~ר׳ יעקב עמד~~ ר׳ מאיר עמדין איז געווען א גביר׳ס אן איידעם
און האט נישט גענעמען קיין {סחר} [שכר] רבנות. אויך קיין געשעפטן
האט ער געפיהרט – נאר די רביצין איז שוין אנגעגאנגען מיט
דעם {מ} מסחר.

ער האט גענעמען אלס איידעם דעם זון פון ר׳ חיים הכהן
ראפאפארט פון לעמבערג. ער האט געהייסען ר׳ בירוש.

ר׳ בירוש האט געזען דאס פון אלע רבנים וואס קומען
צום שווער – גיט ער מער כבוד אב דעם בעש״ט.
האט ער אים אמאל געפרעגט די סיבה דאפון.
האט ער אים געענטפערט ער געט ארום אויף דער וועלט און איז א
״ותגזור״ (צדיק גוזר וה׳ מקיים)

דער בעש״ט האט ר׳ בירוש אמאל געזען – האט ער אויף
אים געזאגט דאס ער האט דעם צלם אלקים.

ר׳ בירוש איז דערנאך געווארען רב אין מעזשביזש.
די ביק׳ס שטאמען פון אים.

י.פ) אלעזר זאהן

איינמאל אז דער אפטער איז געפוהרען צום חוזה נאך לובלין האט ער מיטגענומען זיין זון ר׳ יצחק מאיר.

בשעת זיי זענען געזעסען אין סוכה האט ר׳ יצחק מאיר דערזען דאס אויף דעם סכך פון דער סוכה איז אויסגעקריצט דער שם הויה. האט דער אפטער זיך אנגערופען דאס דעם סימן גיט מען נאר דעם צדיק הדור.

ווען דער חוזה איז נסתלק געווארען זענען דער אפטער און ר׳ יצחק מאיר ווייטער געזעסען אין סוכה און דער שם הויה האט זיך באוויזען אויף דעם סכך.

האט דער אפטער רב געזאגט: מיר האבען געבעטען דעם רבונו של עולם דאס ער זאל עס אונס אוועגגעבען.

י.פ) אלעזר זאהן

דער אפטער רב האט ליב געהאט זאגען גוזמאות.
ער האט אמאל געהאט געמאכט זיין זון ר׳ יצחק מאיר
א פוטער מיט א פעלצענעם קאלנער.
האט ער אמאל געזאגט דאס א קאזאק רייטענדיג אויף
א פערד און האבענדיג א גרויסען שפיז אין זיין האנט
וואלט געקענט פערשטעקט ווערען אין די האר פון דעם
קאלנער.

י.פ)                                                  אלעזר זאהן

[בגליון למעלה: ר׳ ברוך?]
ווען דער אפטער רב האט געלעבט אין טולטשין האט ער
זיך נישט אזוי גוט אויסגעלעבט מיט זיינע בעלי בתים.
עדער ער איז אוועק פון דער שטאָט איז ער צוגעגאנגען
צום ארון הקודש און האט אויסגעטייטשט דעם פסוק:
בזאת ידעתי כי [חפצתי] [חפצת] בי כי לא יריע אויבי עלי.
ווען וויל איך וויסען דאס איך בין א חשוב ביי דיר – אז
דו וועסט נישט שלעכט טון מיינע פיינד.

י.פ) אלעזר זאהן

סיי דער דגל מחנה אפרים, ר׳ ברוך און דער אפטער
רב האבען אלע געלעבט צו 12 יאר אין מעזשביזש.

י.פ) אלעזר זאהן

די שטוב ווי דער בעשט האט געלעבט איז געווען א קליינע
אן ארמע.
ר׳ ברוך האט שוין געהאט א גרויסע שענע דירה.
האט אים הערשעלע אסטראפאלער אמאל א פרעג געטון – ס׳טייטש
אייער גאנצער יחוס שטאמט פון דעם בעשט און ער האט
געווינט אזוי ארם און איר וואינט אזוי רייך.
זאגט אים ר׳ ברוך: נא דו האסט דאך אוודאי א תרוץ
אויף דיין {קשה} [קשיא] – זאג דיר[?] אב פונ׳ם הארצען.

ענטפערט הערשעלע אסטראפאלער אזוי: אויף א יריד זענען
דא בעטלער וואס שפילען אויף א פויק און בעטען
נדבות. נא וואס גיט מען זיי – א פאר קאפיקעס.
אין שטאדט אינ׳ם טעאטער ווען אן אקטיאר מאכט
נאך די בעטלער בעקומט ער אין די הונדערטער רובעל
פאר זיין נאכמאכען.

י.פ) אלעזר זאהן (א מעזשבישזער ייד)

ר׳ פנחס לאנדוי האט נאך געקענט יידען וואס האבען געדענקט דעם אפטער רב.

איינער פון זיי האט דערציילט דאס בשעת ער איז אלט געווען 18 יאר איז דער אפטער רב געווען אין באדיטשעוו און איז געגאנגען בעזוכען די רביצין פון דעם בערדישעווער רב.

ווען ער איז איבערגעטראטען די שוועל פון דעם הויז האט ער אויסגערופען: דאס איז אדמת קודש ווייל דער בערדיטשעווער רב איז דא געגאנגען. האט ער אויסגעטון די שוך איידער ער איז אריינגעגאנגען.

י.פ) פנחס לאנדוי

ביים סאנזער אין באזיץ איז אן העתקה פון אן העתקה
פון א בריף וואס דער בעש״ט מיט זיין אייגען כתב יד
האט געשריבען ר׳ גרשון קיטיווער.

אין דעם בריף שטייט: בעברי בדרך {קיי} [קיין] אפט בין איך
דארכגעפוהרען א שטעטעל ווי איך האב געטראפען
צוויי יונגע לייט לערנען אין שוהל. זיי האבען זיך געשפארט
וועגען אן ענין ~~אין גמרא~~ בהלכה. איינער פון די יונגע לייט הייסט ר׳
יחזקאל און איך בין זעכער דאס ער וועט זיין א מורה הוראה
בישראל (דאס איס דער נודע ביהודה)

דער בריף ~~אג~~ איז מעתיק געווארען פון א בריף וואס האט
באלאנגט צו אן עניקעל פונ׳ם בעש״ט

י.פ) סאנזער רבי
הרב ראטענבערג

דער ראפטשיקער איז געווען אמאל ביים קאזשניצער מגיד צו
באזוך.
דער קאזשיניצער האט זיך נוהג געווען דאס אפילו די העכסטער און
טיפסטע ענינים פון קבלה און חסידות האט ער אויסגעטייטשט
אויף אזא גערינגען און איינפאכען אופן דאס אפילו דער {פראסטצער} [פראסטער]
ייד האט עס געקענט פארשטיין.

דעם ראפטשיצער איז געווען קשה א טייטש אין א קבלה
ענין און האט זיך דערכגערעדט מיט דער קאזשיניצער.
דער קאזשיניצער האט אים געגעבען צו פארשטיין אויף
זיין אופן מיט משלים וואס א קינד האט עס געקענט פארשטיין
אבער עס איז אין זיי געלעגען טיפע רעיונות און געדאנקען.
בשעת זיי האבען אזוי געשמוזט איז אריין דעם ראפשיצער׳ס
בעל עגלה א פראסטאק — א גראבער יונג.
הערט ער זיך צו ווי זיי רעדען און שיסט אויס א
געלערנטער. אפילו ער האט פארשטאנען ~~דעם געדאנג~~ דעם שמוס.

ווערד דער ראפטשיצער שטארק ברוגז און רופט זיך אן
צום בעל עגלה: דו מחוצף הערויס פון דאנען. דו גלויבסט
נאר אז דו ווייס פון וואס מען רעדט — עס איז צו
טיף פאר דיר

י.פ)

סאנזער רבי
הרב ראטענבערג

איינמאל איז ר׳ חיים סאנצער שווער געווען אן הארבען שטיק קבלה אין עץ חיים.

איז געווען דער מאיר נתיבים און האט ר׳ חיים אים
געבעטען ער זאל אים זאגען פשט. האט ער אים פארטיישט
און עס אים ליכטיג געווארען פאר די אויגען. האט ער אים
געפרעגט: פון וואנען האט דו געלערנט אזא לעכטיגן פשט.
האט ער אים געענטפערט — דאס איז דער דרך הקבלה וואס
דער בעש״ט לערנט מיט זיינע תלמידים.
האט זיך ר׳ חיים סאנזער געבעזערט[?] און האט געזאגט: דאס
פון א רבי׳ן וואס ער גלעט און פאטשט פערד וויל איך
נישט הערען.

[בגליון: זע מעשה פונ׳ם בעש״ט און ר׳ חיים סאנצער.]

י.פ) סאנזער רבי
הרב ראטענבערג

ר׳ שלמה לוצקער איז געווען איינער פון די תלמידים פונ׳ם מגיד ממעזריטש. ער איז געווען א משמש בקודש ביי אים און דער מגיד האט אים אליין געהייסען ער זאל איבערשרייבען זיינע מאמרים און דברי תורה. זע הקדמה צו ליקוטי אמרים.

דארטען שטייט אויך באשריבען דעם דרך ווי אזוי דער בעש״ט און דער מגיד האבען געלערנט מיט זייערע תלמידים.

י.פ) סאנזער רבי
הרב ראטענבערג

איינער פון די ראשי המתנגדים פון מעזשביזש האט געהאט
א טאכטער א בת יחידה. איז זי שטארק שלאף געווארען.
האט ער גערינגען צוויי יידען אז זיי זאלען זי היטן ביי נאכט –
געבען מעדיצין. אבער אלס וואס די רופאים האבען געהייסען
טון האט נישט געהאלפען.

די ווייבער האבען אנגעהויבען איינצורעדען דער מוטער – דאס מען
זאל פרווען גען צום בעש״ט.

זי האט אנגעהויבען צו מוטשען איר מאן ביז ער איז איינגעגאנגען
דארויף און האט צו געזאגט דא ער וועט גען צום בעשט.

אזוי ווי ער איז אבער געווען דער ראש פון די מתנגדים
האט ער זיך געשעמט צו גען ביי טאג און איז שטילעהייט
ביי נאכט געגאנגען באזוכען דעם בעשט.

האט אים דער בעש״ט צוגעזאגט דאס די טאכטער וועט געהאלפן
ווערען און דאס זי וועט באקומען א רפואה ~~ישועה~~ פונ׳ם גן עדן.

ביי נאכט ~~קומט אריין~~ קלאפט מען אן אין דער טיר און עס קומט
אריין א ייד אין דעם לבוש פון א בעל עגלה מיט א {פייטש} [בייטש]
אין דער האנד. איינער פון די יידען-שומרים האבען זיך
צוגעשפארט און דער צווייטער האט מורא געהאט עפעס צו
טון. דער בעל עגלה געט צו צו דער ~~קראנקע~~ קראנגע און
גיט ער [עס?] עפעס אונטער דער נאז צו שפירען און זאגט:
דאס ברענג איך א רפואה פונ׳ם גן עדן. מארגענס וויל איך
נאכאמאל קומען.

אין דער פרי האט מען באלד דערקענט דאס די קראנקע
מיידעל האט גאר אן אנדערען פנים – אזוי בעסער איז
איר געווארען.

איז מען באלד געלויפען צום בעש״ט און האט אים

דער ציילט די מעשה וואס איס געשען.

האט דער בעש"ט אנגעזאגט דאס ווען דער ייד בדמות בעל עגלה וועט נאכאמאל קומען זאל מען אים שיקן צו אים.

ביי נאכט איז ער נאכאמאל געקומען און ווידער מיטגעבראכט א רפואה. האט מען אים צוגעשיקט צום בעשט.

פרייגט אים דער בעשט: ווער ביסט דו? ענטפערט ער: איך בין שוין טויט ~~100~~ הונדערטער יאר. איך בין געווען א בעל עגלה און איינמאל געפוהרען אין וואלד. האב איך געהערט א יאמערליכן וויינען: אוי וויי שרייט מען — ראטעוועט! ראטעוועט!

זעט ער ווי עס הענגט א מאן אויף א בוים זייער הויך און ער שפארט זיך {און} [אן] אין א שוואך צווייגעל וואס לאסט נישט צו דאס זיין געוויכט זאל אים דערשטיקן. אבער דאס צווייגעל האלט אים צערברעכען און אט, אט וועט ער דערשטיקט.

דער בעל עגלה האט געזען דאס אויב ער שנייט גלאט אב דעם {שריק} [שטריק] פאלט דער ייד ארופ און קען זיך נאך דעם קאפ צערברעכן. האט ער אויסגעטראכט א וועג ווי אזוי דעם וואגען אונטער דעם ייד שטעלען און אזוי ארום ווען ער ~~שנט~~ שנייט אים ארוב פון דעם שטריק וועט ער פאלען אים וואגען אריין. און אזוי איז טאקי געוועז און דער ייד איז ניצול געווארען.

אז דער בעל עגלה איז געשטארבען און עס איז געקומען צום משפט האט מען געוויגען זיינע מצוות און עברות און די מצווה פון הצלת נפשות האט אזוי איבערגעוויגען אלע זיינע אנדערע עברות דאס מען האט אים אריינגעלאסט אין גן עדן {אויף} ~~א גאר גרויסען~~ צווישען די גאר גרויסע מדרגה יידען~~. ער האט~~ ער — א בעל עגלה האט זיך נישט געפיהלט

גוט צווישען די גרויסע לומדים און צדיקים — ער איס דאך פארט געווען א פראסטער בעל עגלה.

האט מען רחמנות געהאט אויף אים און געמאכט אים פאר א *שליח לדבר מצווה*. און ווען מען דארף א ״רפואה פונ׳ם גן עדן״ שיקט מען אים.

י.פ) **דוד פישמאן**

דער אפטער רב האט געוואלט אמאל פוהרען צו ר׳ ברוך.
אזוי ווי ר׳ ברוך איז געווען א שטרענגער און דער אפטער רב האט
ליב געהאט צו זאגען גוזמאות – האבען די גבאים {מורה} [מורא] געהאט זיי
זאלען זיך נישט צערקריגען און האבען אים נישט געלאסט פוהרען.
ער האט זיך אבער איינגעשפארט און דווקא געוואלט האבען די חשובע[?]
מקורבים אים אויסגעזאגט דעם אמת פארוואס זיי האבען מורא ער זאל
זיך טרעפען מיט ר׳ ברוך. האט ער זיי צו געזאגט דאס ער וועט
זיך היטען צו רעדען גוזמאות.

אז ער איז אנגעקומען פרייטאג צו נאכט האט ר׳ ברוך וויסענדיג
דאס דער אפטער האט ליב אסך צו עסן אים געגעבען א
גרויסע פארציע – און דער אפטער אזוי ווי זיין שטייגער
האט געגעסען פון דער שיסעל.

האט מען געמיינט {דאס} דאס וועט ארען ר׳ ברוך. ער האט
אבער געזאגט דאס ער האט געזען ווי אזוי מען איז מקריב
קרבנות.

ווען דער אפטער רב האט אנגעהויבען צו דערציילען גוזמאות
האט ר׳ ברוך זיך אנגערופען: עס איז ממש ~~א גאלדגעוויכט אין~~
א גאלדגעוויכט אין זיין מויל.

פרייטאג צו נאכטס און שבת און דער פרי האט מען מכבד
געווען דעם אפטער צו זאגען תורה. אבער צו שלש סעודות
האט ער שוין נישט געוואלט.

האט ר׳ ברוך געזאגט א פשוטען שטיקל זוהר.
אז ער איז אוועק פון דער סעודה האט ער געזאגט צו זיין משרת:
שנעל מאך מיר דאס גלעגער איך וויל מיך צו {שפראַרען} [שפארען]. מיט
זיין תורה האט ער מיך אין גאנצען צערבראכען.

י.פ) אלעזר זאהן

דער אפטער און דער ריזשינער זענען אמאל צוזאמען געקומען און האבען גערעדט פון זוהר.

האט זיך דער אפטער רב אנגערופען, מיר מיינען דאס איך זאג זוהר און איר זאג זוהר. איך בין אמאל געוועזן ביי ר׳ ברוך (און האט דערציילט די מעשה פון שלש סעודות ביי ר׳ ברוך) דאס הייסט געזאגט זוהר

י.פ)　　　　　　　　　　　　　　　　　אלעזר זאהן

דער ריזשינער איז געווען ביים אפטער. האט דער אפטער זיך א לאנגע צייט אבגעגעבען אים צו ווייסען די שרויבען און געווערקצייג און {טיילע} [טיילען] פון זיין קאלוסע.

האבען חסידים דערציילט דאס מען האט דעמאלט געזאגט דאס דאס האט ער אים געלערנט מעשה מרכבה.

י.פ) אלעזר זאהן

דער ווישניצער שטאמט פון ר׳ קאפיל חסיד — איינער פון די תלמידי בעש״ט. ער איז געווען דער בעל תפילה ביים {בעש״ת} [בעש״ט].

מען האט אים גערופען דעם ״שויתיניק״ ווייל ער האט שטענדיג געשריגען: שויתי י״י לנגדי תמיד״.

י.פ)

ווישניצער רבי
הרב האגער

אין ~~טלוסט~~ קיטיוו זאגט מען איז דא א מקוה ווי דער בעש"ט
האט זיך טובל געווען. דאס איז צווישען די בערג ~~פון~~
אז מען פוהרט פון קיטיוו נאך קאסאוו.

י.פ)    ווישניצער רבי
הרב האגער

פון ר׳ רפאל הכהן האמבורגער דערציילט מען דאס פאר א צייט
האט ער זיך גענענטערט צום דרך חסידות און איז געווען
א צייט לאנג ביים מגיד. אבער ער האט דארט[? פארט?] גאר נישט
משפיע געווען.

ער איז דערנאך געווען אין ווילנא און איז ארייגעגאנגען
צום גאון. פרעגט אים דער גאון צו דער מגיד איז
א למדן. ענטפערט אים ר׳ רפאל: ניין. און אז ער האט
אים געפרעגט צו ער האט א כח אין נסתר. האט ער אים
געענטפערט: איך ווייס נישט – ווייל אויף די זאכען בין איך ~~נישט~~
נישט קיין מבין.

**י.פ)** **~~א מתנגיד~~**

דער סאנזער רבי האט ברשותו א בריף פונ׳ם בעשט וואס
ער האט קאפירט פון א קאפי פאר ~~עטלעכע~~ 30-40 יאר צוריק.
דער בריף איז געשריבען געווארען צו ר׳ גרשון קיטיווער.

דער בריף דערמאנט דאס ״בעברי דרך ק״ק אפטא
(דער נודע ביהודה איז געבוירען געווארען אין אפטא)
האב איך געטראפען אין בית המדרש האברך ר׳ יחזקאל
וחברו וואס האבען זיך געשפארט אין א טריפות הריאה און איך
האב מכריע געווען צווישען די צוויי.
און אין דעם בריף שטייט דאס דער בעש״ט האג געזאגט
אויף דעם יונגען מאן ר׳ יחזקאל דאס ער איז זעכער
דאס ער וועט וואקסען א מורה הוראה בישראל.

י.פ) סאנזער רבי
הרב ראטענבערג

דער בעש״ט איז אמאל געקומען נאך סיטון. האט ער
נישט געהאט קיין געלד אויף א שטאנציע — איז ער איינ-
געשטאנען ביי אן ארמען אבער ערליכען שניידער.
עס איז געווען פאר סוכות און אין שטאדט איז נישט
געווען קיין אתרוג. איז דער בעשט געגאנגען צום פרנס
פון דער שטאט און האט אים געזאגט דאס ער וויל
העריינפארען אין א גרעסערער שטאדט און ער — דער בעש״ט —
וועט דערלעגען העלפט געלט — וואס עס ~~וועט~~ וועט קאסטען.

אבער אין יענער שטאט איז אויך נישט געווען קיין אתרוג
צו באקומען. איז דער בעש״ט צוריקגעקומען מיט גרויסע
יסורים.
אין מיטן נאכט — ערב סוכות — רוקט? אונטער א רייטער
און קלאפט אין דעם פענסטער און וועגט אויף דעם
שניידער: נימאטו [בגיליון: רוסיש] ישראל׳קי איס דא?

~~דער ש~~ ווען דער שניידער האט געזאגט — יא, האט דער
רייטער אים העריינגעגעבען אין האנד אן אתרוג און איס
פארשוואונדגען געווארען.
זאגט די וועלט דאס האט אליהו הנביא אים
געבראכט דעם אתרוג.

י.פ.

באיאנער רב
212 E. Bway

עדער דער בעש״ט איז נתגלה געווארען איז ער געווען
א מלמד אין א דארף נעבען טשארטקאוו. אין א
דארף האט מען יענע צייטען נישט געמאכט קיין מנין.
{א רענדאר} [אן ארענדאר] האט אבער געוואלט האבן א מנין ביי זיך
און דער בעשט האט געדאוונט פאר דעם עמוד.

אזוי ווי דער מאיר נתיבים האט געהערט פון דעם
האט ער געלאזט שיקן נאך דעם בעשט אין שול אריין און
האט אים געפרעגט: דו קענסט טאקי דאוונען — נו העב
אן צו זאגען כל נדרי.

האט דער בעש״ט אנגעהויבען און אז ער האט נאר
דערמאנט דאס ווארט כל האבען זיך אזש
די שטענדער אויפגעהויבען פון זיין התלהבות.

האט דער מאיר נתיבים א זאג געטון: נו — איר מעגט
ווייטער דאוונען.

האט דער בעש״ט זיך אנגערופען: אויב איך וואלט
הערויסגעזאגט דאס ווארט נדרי אויך וואלט נישט
קיין {שדיד} [שריד] און פליט איבערגעבליבען.

י.פ. באיאנער רב
212 E. Bway

דער בעשט האט געהאט א גוי מיט דען נאמען
אלעקסי, וואס ער האט געהייצט די {רובע} [הרובע]. מיט רוח הקודש
האט דער בעשט אויף אים געזען דאס ער איס א גרויסער
רשע – ער קען ~~אזש~~ אזש א מחריב עולם. האט ער אים דאפאר
געגלעט און אים געגעבען אמאל א רובעל מער.

איין מאל איז ער מיט אים געפאהרען אין וועג אריין. און האט געפראוועט קפיצת הדרך.
פלוצלינג שטעלט זיך דער גוי אב אין מיטן וואלד און
שרייט צום בעשט דאס ער וויל אים הרגענען. דער בעשט
גלויבט דאס דער גוי מאכט א שפאס און העבט אן לאכען.
ניין, שרייט דער גוי, איך גע דיך שוין הרגענען.
טראכט זיך דער בעשט: פון וואנעד נעמט זיך צו דעם
גוי אזא שטארקהייט. האט ער ~~דעפ~~ דערפילט ברוח הקודש
דאס ער שטייט אויף דעם ארט וואו קין האט געהרגעט
הבל. דער מקום מיט דעם נפש הרוצח פונ׳ם גוי האבען קאמ-
בינירט דאס דער גוי זאל באווייזען אזא רציחה און התאמצות.

בייט אים דער בעש״ט: נו, טו מיר צוליב נאר איין זאך –
איך וויל זיך נאר וואשען פאר מיין טויט. איז ער
אבגעטרעטען א פאר שריט – אבי ער איז אוועק פון
דעם מקום הסכנה ~~אין~~ איז די גבורה פונ׳ם גוי געווארען
אויס. איז ער אים געפאלען צו די ~~פוס~~ פיס און האט אים
געבייטען מחילה.

י.פ.

סאנזער רבי
הרב ראטענבערג

ווי אזוי דער בעש״ט איז געבוירען געווארען

ר׳ אליעזר דער פאטער פונ׳ם בעשט האט געשמ׳ט אלס גרויסער
מכניס אורח.
בשעת ר׳ אליעזר׳ס פרוי האט געשוואנגערט האט זיך
גערעש׳ט אים הימעל דאס א הויכע נשמה גייט געבוירען
ווערען. איז דעם ס״מ געגאנגען אין לעבען ער זאל ~~ווערען~~ פארמיידען.
האט ער לכתחילה געוואלט וויסען פאר וואס קומט ר׳ אליעזר {אזה} [אזא]
גרויסען זכות. ~~האט מען~~ האבען אים די גרויסע צדיקים
אין הימעל געזאגט: דאפאר וואס ער איז אזא גרויסער
מכניס אורח. האט דער ס״מ געטענעט דאס עס איז נישט
אמת — מען דארף אים פּרוּווען.
האט אליהו הנביא זיך פארשטעלט אלס אן ארמען מאן
אין איז אנגעקומען אין מיטן שבת מיט א פעקעל צו ר׳
אליעזר אין שטוב אריין.
ר׳ אליעזר האט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד — אים
געגעבען א געלעגער און מאכלי שבת.
עס איס געקומען מוצאי שבת און אליהו הנביא האט
זיך גענעמען געזעגענען האט אים ר׳ אליעזר הערייגערוימט
אין אויער — קיינער זאל נישט הערען — ליבער ייד, מער זאלט
איר נישט אזוי טוען — הערייננצופאהרען שבת מיט
א פעקעל.

אזוי אז מען האט געזען ווי גרויס די מצווה פון
הכנסת אורחים איז ביי ר׳ אליעזר אס אפילו א מחלל
שבת נעמט ער אויף — האט קיינער נישט אים הימעל
געקענט ווערען און א קינד איס געבוירען געווארען ביי
ר׳ אליעזר. דאס איס געווען ר׳ ישראל בעש״ט.

י.פ. באיאנער רב

דער בעש״ט האט געטייטשט: ומותר אדם מן הבהמה
אין – דאס גרויסקייט פון א מענשען איז אז ער
ווייסט ער איז א גור נישט.

ר׳ מענדעל וויטעבסקער האט געזאגט: ״אמת מארץ תצמח״
אבל אני שפלה[?] מן הארץ – ממני בוודאי תצמח.

י.פ. דוד טווערסקי

<u>ווי דער בעש״ט ווערט דערמאנט אין אלטע ספרים</u>

אין ס׳ סוד יכין ובועז פונ׳ם ר׳ מאיר מרגליות (מחבר פון׳ם מאיר נתיבים) איז אין מיטן ספר דערמאנט ״מורי ידידי הרב החסיד ר׳ ישראל בעש״ט הקדוש העוסק בסתרי תורה.״

אין מים חיים פון ר׳ חיים הכהן רפאפאפארט ווערט דערמאנט א גביעת עדות ~~וואס דער בעשט האט~~ פון דעם בעש״ט

אין לוחות העדות וועט דערמאנט וואס דער בעש״ט זאגט אויף די קמיעות.

אגב האט דער בעש״ט געגעבען קמיעות. דאס איז פון די דריי זאכען וואס דער בעש״ט האט געגעבען: ברכות, קמיעות און סגולות.

י.פ.

סאנזער רבי
הרב ראטענבערג

ר׳ יעקב עמדען׳ס זון ר׳ מאיר קאנסטאנטינער האט חושד געווען דאס דער בעש״ט ח״ו איז פון דער כת פון שבתי צבי. ער האט זיך אבער געוואלט איבערצייגען. איז ער געפאהרען צום בעש״ט. איס ער אזוי נתפעל געווארען פון זיין התנהגות דאס ער איז געווארען פון זיינע ערשטע חסידים.

י.פ.

סאנזער רבי
הרב ראטענבערג

דער בעש״ט האט אמאל געזאגט דאס אחיה השילוני איז געווען זיין רבי, און אז מען האט אים געשיקט פונ׳ם ~~הא~~ הימעל מיט אים צו לערנען.

דער תולדות דערמאנט אין זיין ספר דאס ר׳ אחיה השילוני איז געווען דעם {בעש״ט} [בעש״ט׳ס] רבי׳ן.

י.פ.

סאנזער רבי
הרב ראטענבערג

התגלות פון בעש״ט

ער איז נתגלה געווארען אין ת״פ. אבער דען גרויסען רושם האט ער ערשט אונגעהויבען צו מאכען אין ת״ק.

ער איס נתגלה געווארען אין אקופ.

דאס ערשטע מאל מען האט דערקענט זיין גרויסקייט איז געוועזן ווען ער איז געוועזן א בעלפער. זיינע קינדער זענען געוועזן די איינציגע וואס זענען געווארען ניצול פון געוויסע ~~מעשים~~ מאוסע מעשים

עדער דער בעשט איס נתגלה געווארען האט ער גע-שריבען בריף צו די יחידי הדור. דער טעקסט פון דעם בריף איז געדרוקט אין א ספר וואס דער ליובאוויטשער רבי האט הערויסגעגעבען.{ ?]

י.פ.

סאנזער רבי
הרב ראטענבערג

דער קול אריה פון ר׳ אריה ליב המוכיח פון פולנאה הייסט דאס ערשטע חסידישע ספר. דארטען שטייען דערמאנט דעם בעש״ט תורות

[גיליון: ? אוצר הספרים, תקנ״ח. תולדות יעקב יוסף תקמ.]

דער מוכיח פון פולונאה איס הערויסגעפאהרען אויף דער וועלט ווייל דער בעש״ט האט אויף אים גוזר געווען דאס ער זאל פארשפרייטען זיין דרך פון דער בימה.

י.פ.

סאנזער רבי
הרב ראטענבערג

דעם מגיד׳ס רביצען האט געדארפט גיין אין מקוה. זי האט אבער נישט געהאט קיין געלט. ווען זי איז געגאנגען צום בעדער, ~~און~~ אבער ער האט איר נישט געוואלט מאכען א הייסע מקוה.

איז זי געזעסען אין דרויסען און האט זיך שטארק אויסגעוויינט דאס הארץ.

פלוצלונג איז דארכגעפארן א קארעטע מיט פיר פרויען. ווען זיי האבען זי געזען זיצען וויינענדיג, האבען זיי זי געפרעגט: וואס וויינסט דו? האט זי דערציילט איר עלענד.

האבען זיי זי באלד ארויף גענעמען אויף דער קארעטע און זי מיטגענומען אין באד אריין.

ווען דער מגיד האט זיך דערוואסט פון דעם האט ער געזאגט: דאס זענען געווען די פיר אמהות.

דערנאך איז דער מלאך געבוירען געווארען.

י.פ.

ישראל וואללאך
247 East B′way

די וועלט דערציילט

פונקט אזוי ווי ~~דער~~ ר׳ חיים וויטאל איז עלטער געווען
פונ׳ם אר״י הקדוש [מיט 2 יאר], אזוי איז דער מגיד געווען
עלטער פון דעם בעש״ט מיט 2 יאר.

אין דער צוואה פון דעם מגיד שטייט דאס ער האט
צערטיילט זיינע חסידים צווישען זיינע תלמידים.

אזוי ווי גאליציען איס געווען א ביסעל פראסט האט ר׳ {אלמלך} [אלימלך]
זיי געיירשנ׳ט. דעם רב האט ער צוגעטיילט רייסען ווייל
דארט האט מען {געדאפט} [געדארפט] האבען דעם לערנער.

י.פ.

הרב רייטער
פראהאבישטער רב

נאך דער פטירה פון דעם מגיד האט זיך
דער רב {געזעגנעט} [געזעגענט] מיטן מלאך. דער מלאך האט
אים בעגלייטעט אין וועג אריין און איס מיטגעפוהרען מיט
אים א שטיק וועג. און מיטן וועג האט דער מלאך
א זאג געטון: מען טרייבט די פערד צו שנעל.

דער רב האט אויף דעם גענטפערט: אמת. איך האב
נאך נישט געלערנט גענוג קבלה. זענען זייביידע צוריק-
געפארען און דער רב איז נאך געבליבען ביים מלאך
צוויי יאר. דעמולט האט ער אונגעשריבען זיין ספר אויף
קבלה.

י.פ.

הרב רייטער
פראהאבישטער רב

דער מלאך האט אין גאנצען געלעבט מייט זיין פרוי פיר מאל.

בשעת זי האט געשוואנגערט דאס ערשטע מאל האט ער געזאגט: נישט דאס האב איך געמיינט. און זי האט מפיל געווען.

דאס צווייטע מאל האט ער אויך אזוי געזאגט און זי האט ווידער מפיל געווען.

בשעת זי האט געשוואנגערט דאס דריטע מאל האט מען מורא געהאט דעם מלאך אויס צו זאגען און ר׳ ישראל חיים איס געבוירען געווארען. ווען מען האט אים אונגעזאגט די בשורה האט ~~ער~~ דער מלאך ווייטער געזאגט: איך האב דאס נישט געמיינט אבער אז עס איס שוין דא זאל עס זיין.

ווען די רביצין האט געשוואנגערט דאס פערטע מאל האט דער מלאך זיך אונגערופען: אט דאס האב איך געמיינט, און ר׳ שלום איס געבוירען געווארען.

י.פ.

הרב רייטער
פראהאבישטער רב

ר׳ שלום פראהבישטער איז נפטר געווארען ערב סוכות ארום 12 א זייגער ביינאכט. עדער דער פטירה איז ער אויפגעשטאנען פון זיין בעט. האט זיך מכין געווען; אונגעטון א שיינע נייע קאפאטע און זיך ארומגעגארטעלט. ווען מען האט אים צוגעטראגען וואסער צום וואשען האט ער זיך נישט געוואלט וואשען דערנאך האט מען זיך דערוויסט דאס דאס איס געווען דאס וואסער וואס מען האט צוגעגרייט פאר נעגעלוואסער.

ער האט זיך געהייסען אברוקען פון דער וואנד און האט געפרעגט: ווי האלט דער זייגער. האט מען אים געזאגט עס א פערטעל פאר 12.

פלוצלונג האט ער אונגעהויבען צו לאכען. איינמאל, צוויימאל, דאס דריטע מאל. און זיך אנגערופען צום עולם וואס שטייט ארום אים: עס האט זיך אונגעהויבען א גערודער אים הימעל. די {מלאלכים} [מלאכים] לויפען ארום – גרייט צו א קבלת פנים פאר ר׳ שלום. איס צוגעגאנגען דער ס״מ און האט {געפרייג} [געפרעגט] פאר וועמען גרייט מען זיך אזוי אן. האט מען אים אוועגגעווארפען. נאכאמאל געפרייגט, נאכאמאל אבגעפורען. וואס הייסט דו ווייסט נישט ווער ר׳ שלום איס געווען? האט ער זיך דערמאנט: ״דאס איז ~~דער ר׳ שלום~~ שלומ׳קע? אוי האט ער מיך אבגענארט! אוי איך האב גאר נישט געוויסט וואס ער איז.

איס געווארען א געלעכטער אין הימעל. ר׳ שלום האט אויסגעפירט: ווייל די פמליא של מעלה לאכט. לאך איך אויך.

דערנאך, פונקט 12 א זייגער האט ער זיך אויסגעדרייט צו דער וואנד און איז ~~נפטר געווארען~~ נסתלק געווארען.

די רביצין חוה׳לה איז געווען שטארק באזארגט און טרויריק נאך דעם הסתלקות. אבער ר׳ אברהם דער עלטסטער זון האט זי בארוהיגט און בשעת מען איז הערייין אין

סוכה האט ער איר געזאגט: מען דארף זיך משמח זיין און
שיקן מיטן גאסט – דער רבונו של עולם האט {דאר} [דארט? גאר?]
אזוי א חשוב׳ן גאסט אויף יום טוב.

אים זעלבען טאג איז אויך א פראסטער ייד געשטארבען.
בשעת דער ריזשינער ר׳ ישראל האט געהאלטען אין זאגען
קדיש האט ער פלוצלונג אויפגעהערט און איז אנטלאפען.
[בגליון: ער איז דעמולט אלט געווען 11 יאר געבוירען תקנ״ז ר׳ שלום נסתלק אין תקס״ח].
ר׳ אברהם פראהאבישטער איז שפעטער צום אים צוגעגאנגען
און האט אים געפרעגט: סטייטש וואס ביסט אין מיטן
קדיש אנטלאפען? האט ר׳ ישראל׳נו אים געענטפערט: די נשמה
פון דעם יידען איז צו אים געקומען און האט אים געזאגט:
דיין טאטענ׳ס נשמה נויטיגט זיך נישט אין א קדיש – מיינע
אבער יא. לאס מיין ~~זון זוהן~~ זון זאגען קדיש.

י.פ. הרב רייטער
פראהאבישטער רב

ווען דער {שיפטיוּוקער} [שפיטיוּוקער] רב, ר׳ יעקב שמשון האט געהערט דאס
דער נודע ביהודה האט גאר דעם תולדות ר׳ יעקב יוסף געווארפען
אויף דער ערד, האט ער באשלאסען צו פאהרען אזש נאך
פראג צום נודע ביהודה. ער האט מורא געהאט דאס איב
דער גרויסער גדול הדור וועט האבען א שלעכטע באציהונג
צום חסידות וועט ח״ו אן אומגליק געשען, און דער דרך
חסידות וועט עס נישט קענען איבערטראגען.

איז ער געקומען צו פאהרען נאך פראג און איס איינגעשטאנען
ביי׳ם נודע ביהודה. שבת האט ער געהאלטען אזא טיפע און
לומדישע ~~תורה~~ דרשה אין דער שול דאס דער נודע ביהודה איז
ערשטוינט געווארען פון דעם גאונות פון א חסידישען
רב. ער האט דעמולט אויפגעהויבען דער תולדות וואס
ער האט אוועגגעווארפען אין א ווינקעל. חאטש ער איס
קיינמאל נישט געווארען א חסיד האט ער זין אין
די שפעטערע יארען בעצויגען נישט מיט שנאה צו
חסידות.

י.פ.

סאנזער רבי
הרב ראטענבערג

ר׳ מאיר הלוי דער מחבר פונ׳ם ס׳ אור לשמים איז געהאלטען געווארען פונ׳ם אפטער רב צו לערנען שעורים מיט זיין זון ר׳ יצחק מאיר. דעמולט האט דער אוהב ישראל געלעבט אין אפטא ווי ער איז געווען רב.

אמול ביי נאכט האט זיך דער אפטער רב פלוצלונג אויפגעכאפט פונ׳ם שלאף און האט געזאגט דער ~~ברצין~~ רביצין: עס איז שוין צייט מען זאל זיך אוועג-טראגען פון דאנעט. ר׳ מאיר האט שוין זוכה געווען צו זיין ממלא מקום.

אין דער פרי האט ער צוזאמען גערופען אלע בעלי בתים פון שטאדט און האט זיי {אנגעזאג} [אנגעזאגט] די בשורה אז ער וויל פעלאזען אפטא. די פני העיר האבען אנגע-הויבען צו שרייען און וויינען אבער דער אוהב ישראל איז געבליבען ביי זיינעם: עס איז פערפאלען. ער האט זיי אבער צוגעזאגט: פאר אייער התאמצות וועט מען מיך שטענדיג רופען אויף׳ן נאמען פון אייער שטאדט — דעם אפטער.

דערנאך איז ר׳ מאיר דער אור לשמים געווארען רב אין אפטא.

י.פ.

סאנזער רבי
הרב ראטענבערג

די וועלט דערציילט דאס אים טאג ווען דער אפטער רב איז נסתלק געווארען האבען יידען אין ארץ ישראל געזען ווי מען טראגט אים און איז אים מלווה צום ציון.

עדער דער פטירה האט טאקע דער אפטער רב געזאגט דאס מען האט אים שוין צוגעגרייט אן ארט אין ארץ ישראל.

י.פ.

סאנזער רבי
הרב ראטענבערג

פון די עשרה בטלנים דערציילט מען: זיי האבען זיך געשפארט
וואס איז בעסער צו א ברית צו א מת. ביי א ברית
טרינקט מען בראנפן און ביי א מת (יארצייט).
האבען זיי פארשטאנען דאס א ברית אי מער כדאי.
ווייל פון דעם ברית וועט דאך אמאל הערויס א מת.

י.פ.

ישראל וואללאך
247 East Broadway

ר׳ ~~מענדעל~~ מעכעל זלאטשאווער האט נישט געהאט אויף שבת.
[בגליון: דר׳ העשל זאגט אונריכטיג]
איז ער געגאנגען אין שול און האט ~~האגער~~ געבעטען מען זאל
אים צונויפשטעלען עפעס אויף שבת. האט מען אזוי
געטוען.

ווען ר׳ מענדעל איז געקומען צו דער תפלת פרנסה ביים
דאווענען האט ער זיך א חאפ געטון דאס אויב ער קומט
אן צו מענשען וואס טוט ער אויף מיט דער תפלה. האט
ער געבעטען צום עבערשטען דאס ער זאל מאכען די מענשען
פארגעסען דאס זיי האבען אים געגעבען אויף שבת.

י.פ. דוד טווערסקי

איין מאל האט דער בעש״ט פלוצלינג געהייסען ר׳ וואלף קיצית פארען נאך בראד. ר׳ וואלף האט נישט געפרייגט קיין שאלות און זיך גענומען אין וועג אריין.

דער וועג איז געוויין א שווערער און אז נאכט איז געפאלען איז ר׳ וואלף אריין אין א שענק און געבעטען א נאכטגעלעגער. דער ~~ארענדער~~ שענקער האט אים געזאגט דאס ער וועט אים ערלויבען איבערשלאפען אבער מיט דעם תנאי אז אויב עס וועלען נאך קומען געסט וועט ער מוסען אויפגעבען זיין געלעגער און ר׳ וואלף איז {איינפערשטאנער} [איינפערשטאנען] דארויף.

אין מיטן נאכט רוקט אן א שענע קאלעסע און דער נודע ביהודה מיט א חברה פון זיינע תלמידים שטייגען אויס.

דער שענקער האט אויפגעוועקט ר׳ וואלף און אים געהייסען איבערגעבען זיין שטוב צום גרויסען גאסט. ר׳ וואלף האט געפאלגט און האט זיך אנידערגעלעגט מיט די אנדערע תלמידים אויף דער פאדלאגע.

דער נודע ביהודה האט זיך גענעמען לערנען א שווערע סוגיא. ער האט געלערנט אויף דער הויך און איז עפעס הערונטער פון דעם גלייכען פשט. אזוי ווי ר׳ וואלף קיצית האט דאס דערהערט האט ער זיך אנגערופען און אים דערמאנט דעם ~~גל~~ ריכטיגען פשט. אזוי איז געשיין איינמאל, צוויימאל און אויך דאס דריטע מאל.

דאס דריטע מאל האט זיך דער נודע ביהודה א כאפ געטון דאס דער אונטערגעזאגטע פשט איז א גאונישער אויפטו. ער האט זיך אומגעקוקט און געזען דאס עס קומט גאר נישט פון זיינע תלמידים, נאר עפעס פון א ארם געקליידעטען יידען וואס ליגט אויף דעם פאדלאגע. האט ער מיט אים גערעדט אין לערנען און האט אים נישט אבגעלאסט נאר ער זאל שלאפען אין זיין בעט.

אין דער פרי פרעגט אים דער נודע ביהודה: וואו פארט איר און אז ער האט אים געענטפערט דאס ער פארט אויך קיין בראד האט ער אים געהייסען מיטפארען אויף זיין קאלעסע.

אז זיי זענען אנגעקומען נאך בראד האט זיך ר׳ וואלף {געזעגנעט} [געזעגענט], אויסגעזוכט א מקוה און נעלם געווארען.

פארוואס איז דער נודע ביהודה געקומען נאך בראד? די חכמי הקלויז האבען געהערט דאס דער בעשט גיבט קמיעות און אויף זיי שטייט אנגעשריבען דער שם המפורש. האבען זיי גערופען אן אסיפה און דאפאר אויך געבייטן דעם נודע ביהודה.

בשעת דער {נודה} [נודע] ביהודה איז געקומען צו דער אסיפה האט ער זיך אנגערופען: ער וויל נישט גיין צו דער אסיפה ביז מען זאל נישט רופען דעם גרויסען תלמיד חכם וועמען ער האט געטראפען אויף דען וועג.

מען האט הערומגעזוכט גאנץ בראד ביז מען האט געפונען ר׳ וואלף ערגעץ אינטער אן אויוון אין א קליין קלייזל. ווען ער איז געקומען אין דער גרויסער שול וואו די אסיפה איז געזעסען האט אים דער נודע ביהודה הערויפגערופען נעבען זיך און האט אים אנידערגעזעצט נעבען אים אויף דער בימה.

~~דער דין תורה~~ די אסיפה האט זיך אונגעהויבען און די חכמי בראד האבען געטענעט דאס דער בעש״ט האט געגעבען קמיעות און האט הערייגעשריבען אין זיי דעם שם המפורש.

האט זיך ר׳ וואלף קיצית אנגערופען מיט גרויס ~~התלבות~~ התלהבות: וואס הייסט דער הייליגער בעש״ט דארף שרייבען דעם שם המפורש. עס איז גענוג דאס ער שרייבט ר׳ ישראל בן שרה.

און א סימן זוכט אויס קמיעות און איבערצייגט אייך.
אז דער נודע ביהודה האט געהערט וואס ר׳ וואלף קיצית
האט געזאגט האט ער געהייסען אויסזוכען קמיעות וואס געפונען
זיך אין בראד און אז מען האט זי אויפגעמאכט
האט מען געזען דאס ר׳ וואלף האט געזאגט דעם
אמת.

י.פ. דוד פישמאן

א פראהאבישטער חסיד איז אמאל געפאהרען נאך מעזשביזש צו ר׳ ברוך. עדער ער איז אבגעפאהרען האט ער זיך {אבגערעדט} [אבגערעדט] מיט א חבר דאס שבת צו נאכט צו מלוה מלכה זאלען זיי גוט מדקדק זיין וואס ~~פאסירט~~ עס קומט פאר סיי ביי ר׳ ברוך׳ן און סיי ביי ר׳ שלום פראהאבישטער. און אז דער ייד וועט צוריקקומען פון מעזשביזש זאלען זיי פערגלייכען וואס עס איס געשעהן.

ווען דער פראהאבישטער ייד איז געקומען נאך מעזשביזש און איז געוועזן ביי דער מלוה מלכה האט אים דערזען ר׳ ברוך און האט אים א פרייג געטון: וואס טוט שלום׳קע? (מען דערציילט דאס ר׳ ~~של~~ ברוך האט גערעדט אויף ר׳ שלום און האט אים קיינמאל גערופען ר׳ שלום). מען מוס אים אבהאלטען ער גייט אויף א חרב חדה וואס ליגט איבער א טיפען גרוב.

ווען דער ייד איז צוריקגעקומען נאך פראהאבישט האט ער זיך דארכגערעדט מיט זיין חבר און יענער האט אים דערציילט דאס פונקט אין יענער מינוט ווען ר׳ ברוך האט גערעדט פון ר׳ שלום׳ן האט ר׳ שלום געהייסען זינגען ״תשבי תצילנו מפי אריות״

י.פ.

הרב רייטער
פראהאבישטער רב

~~בשעת~~ דער מלאך איז געווען מגיד אין פאסטאוו. נאך א צייט האבען די בעלי בתים אנגעהויבען צו רעדען. וואס פאר א ניצען האבען מיר פונ׳ם מגיד — ער האלט אין זיין דאווענען און לערנען און מיר הערען קיין ווארט פון אים.

די רייד איז דערגאנגען צו דער רביצין און זי איז — א דערשראקענע — הערייין צום מלאך און האט אים דערציילט דאס מען איז אומצופרידען און זיי קענען ח״ו נאך פערלירען די פרנסה.

דער מלאך האט זיך אנגערופען: איך בין דען ~~שלו~~ שולדיג — מען רופט מיך דאך קיינמאל — זאלען זיי רופען וועל איך קומען.

איז באלד דער נאכדעם געווען א ברית און מען האט דעם מלאך גערופען.

ער איז געקומען ווי זיין שטייגער מיט דען טלית איבער דען קאפ. בשעת מען האט אנגעהויבען צו מלה זיין דאס קינד האט ער פאר א מינוט אויפגעהויבען זיין טלית — איז געפאלען אזא פחד אויף די בעלי שמחה דאס דער גאנצער עולם איז זיך צערלאפען.

י.פ.

הרב רייטער
פראהאבישטער רב

ר׳ מיכל זלאטשאווער דער זון פון ר׳ יצחק ראדציוויליער (איינער פון די חכמי בראד) האט געהערט פון דעם מלאך און האט זיך איינגעשפארט אז ער וויל צו אים פוהרען. עדער ער איז אוועגגעפוהרען האט אים ר׳ יצחק אנגעזאגט דאס ער זאל זיך זען מיט דען מלאך נאר אין די ימים הנוראים.

אויף דען וועג האט ער געהאט איין מכשול נאך דעם אנדערען און ער ~~האט~~ איז ערשט אנגעקומען נאך פאסטאוו ערב תשעה באב.

ער איז שנעל געלאפען צום הויז פון דעם מלאך אבער דער מלאך איז שוין געווען אין שול. האט ער געזען דעם מלאך זיצען גאנץ תשעה באב ״ראשו בין ברכיו״.

נאך תשעה באב איז ער אהיימגעפוהרען ווייל ר׳ יצחק האט אים דאך געהייסען דאס ער ~~זא~~ זאל זיך זען מיט דעם מלאך נאר אין די ימים נוראים.

אז ער איז צוריקגעקומען האט ער געזאגט דען טאטען ר יצחק דאס ער וויל אויך נאכטון דעם מלאך. – נישט עסן – נישט טרינקען ~~נאך~~ נאר דעם גאנצען טאג זיין {עותק} [עוסק] מיט עבודת ד׳. און ער האט אנגעהויבען גיין בדרך המלאך.

איז געקומען יום כפור און ר׳ מיכל האט געכאפט א דרימעל אין שול ביי נאכט. האט זיך אים געחלום׳ט דאס ער איז אין די עולמות העליונים. אין איין הימל זעט ער זיצען ~~מלאכים~~ מענשען אויסגעזעצט אויף פרעכטיגע שטולען און מען גיט זיי עסען פון כל טוב. זאגט מען אים דאס דאס איז פאר די וואס האבען נישט געהאט הנאה פון דעם עולם.

קומט ער אין אן אנדערען הימל – זעט ער זיצען מענשען אויסגעזעצט ביי טישען געדעקט מיט שיינע מאכלים אבער עס הערט זיך פון די מאכלים.

זאגט מען אים די מאכלים זענען פאר די וואס ווילען נאכטון יענע.

פונקט דעמולט האט אים ר׳ יצחק אויפגעוועקט און אים
א זאג געטון: {שעור} [שיער] , {שעור} [שיער] זיך אפגעבריט, זאלסט זיך
ווייטער נישט אזוי פירען.

י.פ.

הרב רייטער
פראהאבישטער רב

## התגלות פון בעש"ט

איינמאל איז דער בעשט דארכגעפוהרען א דארף. האט א ~~שקץ~~ שייגעץ אים געווארפען א שטיין. האט ער {האט} אנגעהויבען צו זינקען אין דער ערד אריין, און וואס מען האט אים געוואלט מער ראטעווען איז ער אלז מער געזונקען.

זענען גוים נאכגעלויפען דעם בעשט און האבען אים געבייטען ~~רחמנו~~ רחמנות ער זאל ראטעווען דעם שייגעץ.

האט ער געזאגט דאס אויב דאס ייִנגעל וועט צוזאגען דאס ער וועט שוין אזוי נישט טון נאכאמאל וועט ער געהאלפען ווערען. און אזוי איז {טאטע} [טאקע] געווען.

דערנאך האט דער בעש"ט געזאגט: די וועלט האט גאר נישט געפילט דאס דאס איז געווען א מופת.

י.פ.

הרב רייטער
פראהאבישטער רב

דער סאדאגארער ר׳ אברהם יעקב, האט אמאל געזאגט:
אז ווי אן אמת׳ע מעשה שטייט זי גאר נישט אין שבחי
בעש״ט. אבער אויב זי שטייט {מען} [מעג?] מען גלויבען – דען וואס קען
מען דען נישט גלויבען אויף דעם בעש״ט.

פראהאבישטער רב
הרב רייטער

י.פ.

בשעת דער בעשט איז געווען אויף דעם וועג נאך ארץ ישראל האט ער זיך אבגעשטעלט אין קאנסטאנטינאפעל און אין אייגעשטאנען ביי א חשוב׳ן ראש הקהל.

עס איז פונקט אויסגעקומען פסח און צו די ארבע כוסות האט מען געגעבען דעם בעשט עפעס אן אלטען חשוב׳ן וויין וואס מען האט אויף אים מבינות געזאגט אז אויב מען טרינקט פון אים נאר א קליין גלעזעל קען מען ווערען שכור. דער בעשט האט אבער אויסגעטרינקען אלע פיר כוסות פון דעם וויין און מען האט אפילו נישט דערקענט אויף אים.

די מעשה האט מען אמאל דערציילט פאר דעם באיאנער רבי׳ן ר׳ יצחק פרידמאן. האט ער זיך אנגערופען: וואס פאר א וואונדער – ער איז דאך געווען בבחינה אש אכלה אש.

י.פ.

בשעת דאס שיף אויף וועלכען דער בעשט איז געפארען קיין ארץ ישראל האט אנגעהויבען צו זינקען האט דער בעש״ט פון גרויס שרעק אלעס פארגעסען וואס ער האט געקענט.

נאך דעם ער איז געראטעוועט געווארען צוזאמען מיט זיינעם א תלמיד ר׳ הירש סופר האט ~~זיך~~ דער בעש״ט זיך געבעטען ביי ר׳ הירש: דו ביסט דאך א סופר – צייל מיר איבער די אותיות. און אזוי ווי ער האט אנגעהויבען צי ציילען די אותיות איז דער זכרון צוריקגעקומען צום בעש״ט און האט אנגעהויבען צו געדענקען אלעס אזוי ווי פריער.

די וועלט זאגט אז אויב דעם בעשט וואלט זיך צוזאמענגעקומען מיט דעם {אורח חיים} [אור החיים] אין ארץ ישראל וואלט משיח געקומען.

י.פ.

מען ווייסט נישט דעם טאג פון הסתלקות פון בעש״ט. א טייל זאגען דער ערשטען טאג שבועות – א טייל דעם צווייטען.

דער באיאנער רבי ר׳ יצחק פרידמאן האט דארויף געזאגט: עס שטייט: יסוד צדיק בשבעה נעלם. ווייזט אויס דאס די {הללא} [הילולא] איז אים צווייטען טאג שבועות (~~שבע~~ ז׳ בסיון).

די וועלט זאגט דאס דער בעשט איז געווען בבחינת ר׳ משה רבנו. אזוי ווי מען ווייסט נישט מקום קבירתו פון ר׳ משה רבנו – ווייסט מען נישט יום מתתו פון דעם בעש״ט

י.פ.

דער נודע ביהודה אין איינע פון זיינע שאלות ותשובות זאגט זיך הערויס אנטקעגען דעם וואס מען זאגט לשם יחוד קודשא בריך הוא פאר א ברכה, ווייל ער האלט עס פאר אן הפסק. און ווייל ~~די~~ חסידים האבען יא געהאלטען פון צו זאגען לשם יחוד ~~זאג~~ טייטשט ער אויס דעם פסוק ״ישרים דרכי ה׳ צדיקים ילכו בו ופושעים יכשלו בו.
צדיקים ילכו בו וחסידים יכשלו בו.

איינמאל איז געקומען אן עניקעל פונ׳ם נודע ביהודה צו דער ריזשינער און האט אים געזאגט דאס ער וויל איבער-דריקען די שו״ת פון׳ם נודע ביהודה און האט דאביי דערמאנט דאס ער וויל הערויסווארפען דאס ווארטשפיל פון דעם אויסגעטייטשטען פסוק און צוריקשטעלען דאס אריגינאל: ופושעים יכשלו בו.

ענטפערט אים דער ריזשינער: לאז אב. דער זיידע האט געמאכט פון ~~חסידים~~ פושעים חסידים און דו ווילסט מאכען פון חסידים פושעים

י.פ.

דער בעש"ט איז אמאל אנגעקומען אין א דארף אויף שבת. האט ער געזען ווי א פראסטער ייד פראוועט שלש סעודות מיט א מנין ~~מיט~~ יידען און מיט שענע מאכלים. פרייגט אים דער בעש"ט: וואס פראוועסט דו אזא שמחה ביי שלש סעודות.

ענטפערט אים דער ייד: מען זאגט א ווערטעל — זאל חאטש מיין נשמה נישט אויסגען צווישען גוים. שלש סעודות ווען די נשמה יתירה גייט אוועק פון מיר וויל איך אז זי זאל אויסגען חאטש צווישען יידען.

י.פ.

בשעת דער בעשט האט געהאלטען פאר דער פטירה איז געקומען צו אים דער ס״מ אין האט אים געפרעגט: ווילסט דו אז משיח זאל קומען? האט דער בעשט אים געבעטען ער זאל אים געבען צווי שעה צייט איבערטראכטען.

נאך צוויי שעה צייט איז דער ס״מ נאכאמאל געקומען אין דער בעשט האט אים געזאגט תשובה:

איך וויל אז משיח זאל קומען אין 60 יאר ארום. אין אויב צוליב א טעם וועט ער נישט קענען קומען וועל איך נאכאמאל מוסען געבוירען ווערען.

אין 60 יאר ארום איז ביים ריזשינער ז״ל געבוירען געווארען א זון. האט דער ריזשינער געזאגט איך וואלט דיר געוואלט געבען א נאמען ישראל נאך דעם הייליקן בעש״ט אבער אזוי ווי איך הייס שוין ישראל וועל איך דיר געבען א נאמען יעקב — יעקב איז אויך ישראל. דאס איז געוועזן ר׳ אברהם יעקב דער אלטער סאדיגארער רבי.

י.פ)

ירמי׳ כץ
(באיאנער חסיד)

נאך דער פטירה פון׳ם בעשט האבען די אנדערע תלמידים נישט געוואלט אנערקענען דאס דער מגיד זאל זיין דער ממלא מקומו.

האבען זיי אבגערעדט צווישען זיך דאס דער וואל וועט דער ציילען א מעשה אדער א מאמר פונ׳ם בעשט וואס קיינער פון זיי האט נישט געהערט — וועט מען אים אויסקלייבען דעם ממלא מקום.

אין נאר דער מגיד האט געקענט דערציילען א מעשה וואס קיינער האט נישט געזען אדער גיהערט.

ער האט דערציילט דאס ער האט אליין געזען אז ווען דער בעשט האט גענעמען א לעפעל עסען אין מויל אריין האט אן עמוד של אש פארברענט דאס מאכל נאך עדער עס איז אריין אין זיין מויל.

י.פ)　　　　　　ירמי׳ כץ
(באיאנער חסיד)

נאך עדער דער מגיד איז געווארען מתלמידי הבעשט איז דער מגיד אמאל געגאנגען פונ׳ם וואסער. האט אים געטראפען דער בעש״ט מיט זיינע תלמידים. האט דער בעשט זיך אנגערופען צו זיינע תלמידים: איר זעט — אזוי האט אויסגעקוקט אדם הראשון קודם החטא.

זענען די תלמידים צוגעגאנגען אין האבען אים געוואלט בעטען ער זאל ווערען פון דעם {בעש״ט} [בעש״ט׳ס] תלמידים. ער האט אבער נישט געוואלט. אים האט זיך געחלומ׳ט דאס דער בעשט וועט גאר ווערען פון זיינע תלמידים. אבער לסוף האט ער איינגעזען דעם אמת אין איז געווארען פונ׳ם בעשט חברייה.

[בגליון:] ר׳ ירמי׳
האט א מעשה
וועגען דעם מגיד — דאס
ער איז געוועזן
אין אנהייב
א קריטיקער
פון בעש״ט.
ער האט זי
אבער פארגעסען.

י.פ) ירמי׳ כץ

ר׳ פנחס קאריצער איז געווען ביים בעשט דער לעצטען פסח אויף די אנדערע טעג. אבער ער איס שטארק שפעט אנגעקומען און האט שוין נישט געהאט צייט אין מקוה צו גיין. האט דער בעש״ט געזאגט: אוי, אוי ער וואלט מיר געטון א גרויסע טובה ווען ער וואלט געהאט געגאנגען אין מקוה. (אין דעם זעלבען שבועות איז ער טאקע נסתלק געווארען.)

בשעת ר׳ פנחס קאריצער איז געלעגען אויף דעם טויטען בעט איז ר׳ חיים קראזנער איינער פון די תלמידי הבעשט געפארען צו אים. ער איז דעמולט פונקט אנגעקומען ערב שבת ~~און איז באלד געגאנגען אין~~ האט מען אים אנגעזאגט די טרוירדיקע בשורה דאס עס איז שוין נאך אלעמען.

איז ער געגאנגען אין מקוה איו דארט האט מען געלאסט מודיע זיין דאס ר׳ פנחס לעבט נאך. מען האט אבער נישט געדענקט ר׳ פנחס׳ מוטער׳ס נאמען ביים מזכיר זיין.

האט זיך דער קאריצער ז״ל דאן אונגערופען: דאס האב איך קארע (שטרוף) ווייל דער בעש״ט האט מיך געדארפט ווען איך האב נישט געהאט קיין צייט ~~און מיך~~ געהאט אין מקוה צו גיין.

י.פ) פיני לאנדוי

עדער דער בעשט איז נסתלק געווארען האט דער
בעש״ט געזאגט: עדער איך קום אויף יענער וועלט וואלט איך
געוואלט דאס מען זאל ביי אים צו נעמען אלע השגות ווייל
ער וויל קומען אהין ווי א נאר — בחינת פתי יאמין לכל דבר.

י.פּ) באיאנער רבי
ר׳ מרדכי שלמה פרידמאן

בשעת ר׳ ישראלנו׳ דער הוסיאטינער האט אנגעהויבען צו לעגען תפילין האט אים זיין פאטער דער אלטער הוסיאטינער ר׳ מרדכי פייביש ז״ל דערצעלט אזא מעשה ווען ער האט אים געהאלפען לעגען די תפילין דעם ערשטען מאל.

אמאל זענען רוסישע חסידים געקומען צום מגיד און האבען זיך באקלוגט דאס צוליב דעם גרויסען מרחק איז עס זיי שווער צו קומען עפטער, אבער אין דער זעלבער צייט איז עס זיי אויך שווער צו זיין אלענגערען זמן ~~און~~ אהן א רבי׳ן למנהיג.

האט דער מגיד אויסגעטון זיינס א בגד, א גארטעל און א שטעקען און האט עס איבערגעגעבען דעם זקן פון דער חברותא און האט אים אנגעזאגט: נעם די חפצים און פאהר קיין וויטעבסק. דארט וועסט דו געפינען איינעם אינגען מאן מיט׳ן נאמען מענדעלע און אים וועסט דו איבערגעבען די אלע זאכען.

אז ~~דיין~~ זיי זענען געקומען קיין וויטעבסק האבען זיי אנגע=הויבען זיך נאכפרעגען נאך ר׳ מענדעלע. ענטפערט מען זיי: עס זענען דא אסך מענדעל׳עס. וועמען פון זיי דארפט איר? ביז זיי האבען אנגעטראפען א יידינע און זי האט זיי געענטפערט: מיין איידעם הייסט אויך מענדעלע אפשר איז ער דער. און אז זיי האבען אים געטראפען אין הויז אין האבען אים איבערגעגעבען די זאכען האט ער אהן שום ~~השווה~~ שהיות זיך אנגעטון די בגדים און דעם גארטעל און אין דער מינוט איז ער אין גאנצען נשתנה געווארען זיין פנים און זיי האבען אים גאר נישט דער=קענט און א גרויס פחד איז געפאלען אויף זיי.

האט דער אלטער הוסיאטינער ז״ל געענדיגט: זעהסט, מיין קינד פאר אט דער מינוט אזוי — און יעצט שוין אנדערס.

איך בענש דיך: זאלסט זיין אזא ליכט און פייער פאר דיין דור ווי ר׳ מענדעלע וויטעבסקער איז געווען פאר זיינעם.

י.פ)

אין סלאָוויטע איז געווען בפירוש אנגענומען — האָט ר׳ יעקב
שמשון דער באַפאַליער רב געזאָגט — דאָס די מעשה דאָס דער
שפּיטיווקער רב איז געווען ביים נודע ביהודה אין פּראָג
איז שקר וכזב.

(ר׳ יעקב שמשון {אין}[איז] פּיני לאַנדוי׳ס זיידע)

י.פּ) פּיני לאַנדוי

דער מלאך האט חתונה געהאט מיט ר׳ פייבוש קרעמיניצער׳ס טאכטער.

האט ר׳ פייבוש נישט געוואלט פוהרען צו דער חתונה ווייל עס וואלט געהייסען ביטול תורה.

אז חסידים האבען דאס דערציילט דעם מגיד האבען זיי אויך געזאגט דאס ר׳ פייבוש איז אזא צדיק דאס ער דערמאנט זיך יעדע מיניט אז עס איז דא דער רבונו של עולם. האט דער מגיד זיך אנגערופען: ~~האט~~ ביי אונדז פארגעסט מען נישט אפילו ~~אין~~ א מיניט אין ג-ט און אין זיין תורה.

ירמי׳ כץ
(באיאנער חסיד)

י.פ)

דער מלאך פלייגט באקען ערב פסח מצות און האט געשיקט דעם פאטער ~~מדעת~~ דעם הייליגן מגיד מצות אויף פסח.

האט מען געפרייגט דעם מגיד: געוועגליך פיהרט זיך די וועלט דאס דער פאטער שיקט א זון מצות – נישט פארקערט.

האט דער מגיד געענטפערט: אזוי אבגעהיטן זיין פון א משהו ~~מצה~~ חמץ קען נאר זיין א מלאך – דאפאר נעם איך פון אים ~~מצות~~ ערב פסח'דיקע מצות.

י.פ) ירמי' כץ
(באיאנער חסיד)

~~עדער די פטירה פונ׳ם מגיד האט ער אנגעזאגט איין אן דעם מלאך דאס ער דארף~~

עדער דער פטירה פונ׳ם מגיד האט ער גערעדט צום מלאך וועגען זיינע תלמידים:

אויב דו ווילסט וויסען וועגען א פלפול זאלסט זיך ווענדען צום תולדות פון פאלאנאיע.

אבער אויב די ווילסט א דבר הלכה אדער פסקנען א שאלה זאלסט דו גען צום רב — אזוי ווי ער פסק׳נט פסק׳נט מען אויך אים הימעל.

י.פ)

ירמי׳ כץ
(באיאנער חסיד)

ביים טשערנאבילער אין הויף איז געווען די מאדע דאס
א פּאר פאלק האט געהאט צווי בעט צימערן.

בשעת ר׳ שלום פראהבישטער האט זיך משדך געווען
מיט דעם טשערנאבאלער אין איז געווארען זיין איידעם האט ער
~~אנגער~~ איינגעפירט אן אינאוואציע דאס ער אין זיין רביצין זענען
געשלאפען אין איין חדר.

דאס האט שטארק פארדראסען דער טשערנאבילער.
עס איז אים געגאנגען אין לעבען דאס ער זאל געבען א קוק
ווי אזוי דאס פארפאלק פיהרט זיך. אים ערשטען טאג
סליחות ביי טאג האט ער זיך אריינגעכאפט אין צימער
אין ווי אזוי ער האט נאר אויפגעמאכט די טיר האט ער
חלש ~~אוועק~~ געטון.

[בגליון:] וואס ער האט
געזען איז
פערבונדען מיט אן
אנדערע מעשה
וועגען ר׳ שלום
וואס איך האב
דאווייל נישט
געקענט אויפנעמען.

בשעת מען האט אים דערמונטערט האט ער א שריי
געטון: אוי, אוי! אויב אזוי מוס איך מיך שוין אובערטראגען
ערגעץ אנדערש.

איז ער פון ____?____ אוועק קיין טשערנאביל און
האט דארט אויפגעבויט זיין הויף.

י.פּ)　　　　ירמי׳ כץ

[בגליון:] ר׳ כץ
האט דערציילט
דאס ער האט
עס געהערט
פון א יידען
וואס זיין
פאטער איז
אליין געווען
ביי דער מעשה.

אז דער מלאך איז אויפגעגעמען געווארען אין פאסטאוו
האט מען אים געצאהלט 10 גילדען א וואך אין ער האט
געלעבט אין גרויס נויט.
דעם גאנצען טאג איז ער געזעסען ביחידות און {געדאוונעט} [געדאווענט]
און געלערנט. ביי טאג איז ער געווען פערהאנגען זיין פנים
מיטן טלית און ווען ער האט נישט געהאט אן דען טלית {אין} [איז]
זיין פנים געווען פערהאנגען מיט א פארהאנג.

קיין מגידות האט ער נישט געפראוועט – מיט קיינעם קיין ווארט
נישט ארויסגערעדט. ער איז געזעסען אין זיין חדר. איין מאל
אין טאג האט מען אים אריינגעשיקט א טויב אויף צו עסען
אן דאס איז געווען גענוג פאר אים.
דער עולם אין די בעלי בתים זענען אבען געווארען
ברוגז – סטייטש מען האט גאר נישט קיין ניצען פונ׳ם
שטאדט מגיד.
האט זיך דער גבאי אמאל געוואגט און אריינגעגאנגען צום מלאך
אין שטוב אריין און האט אים דערציילט וועגען דעם עולם׳ס
טענות.
״נו וואס ווילען זיי?״ פרעגט דער מלאך – זאגט דער גבאי
דאס אזוי ווי נעקסטע וואך איז א ברית זאל זיך דער
מלאך בעווייזען. האט ער צוגעזאגט.
אז דער מלאך האט זיך בעוויזען ביום הברית איז געפאלען
אזא שרעק אויף דען עולם דאס רוב מענשען האבען געחלשט
און איז קוים געבליבען א מנין פאר דעם ברית.
דער מלאך האט געגעבען דעם קינד א נאמען לייב.
מען דערצעלט דאס דער לייב איז געווען אן אויסערגעווענליכער
גבור אן שטארק אזוי ווי ״צען לייבען.[״]

י.פ) ירמי׳ כץ

דער ערשטער פון די חסידישע רבי׳ס וואס איז שטארק ארויסגעטרעטן אנטקעגן די מתנגדים און אשכנזים איז געווען דער נועם אלימלך פון ר׳ אלימלך מליזענסק. ער האט גוזר געווען דאס מען זאל זיך אבטיילען פון די מתנגדים און אשכנזים — דאס מען זאל מאכען סעפאראטע און אייגענע שוהלען, מנינים און דינגן אייגענע שוחטים.

י.פ) סאנצער רבי

אז ר׳ ברוך מעזביזשער איז נאך געווען א קינד איז ער אמאל געווען ביי ר׳ פנחס קאריצער. ווען ער איז געגאנגען שלאפען האט ר׳ פנחס צונויפגערופן זיינע בני בית און האט זיי געזאגט: איר ווילט זען אן אמתן ייד׳ן וואס איז דבוק בכל איבריו צום רבונו של עולם? גיט׳ס א קוק! האט ר׳ פנחס געלעגט זיין האנד אויף דער מזוזה פונ׳ם שטוב און האט זי צוגעדעקט. אזוי ווי ער האט ארויפגעלעגט די האנד אויף דער מזוזה האט מען געזען ווי ר׳ ברוך הייבט אן צו ווארפן ביים שלאף — אן אומרוהיגער.

אזוי האט ר׳ פנחס איבערגעחזר׳ט עטלעכע מאל און שטענדיק האט ר׳ ברוך זיך געווארפן.

י.פ) סאנצער רבי

בשעת דער רב האט אנגעהויבען צו שרייבען זיין רב שלחן ערוך האט אים דער מגיד אנגעזאגט דאס ער זאל נישט קיין דין פסקנ׳ען ביז די צוויי גאוני הדור די ברידער ר׳ שמעלקע מניקאלסבורג און דער הפלאה זאלען מסכים זיין דערויף. אין אזוי איז טעקע געווען. יעדער דין איז דארכגעגאנגען דארך ר׳ שמעלקע און דעם הפלאה.

דאס איז ביי חסידים אנגענומען און דערפאר ~~האבען~~ האט די חסידישע וועלט אזוי געהאלטן פון דעם רב שלחן ערוך.

**י.פ) סאנצער רבי**

ווען ר׳ אברהם סאכאטשאווער איז געווען א אינגעל האט ער געלערנט ביי א שוחט וועלכער איז געווען א היימישער ביים סאנצער — דער דברי חיים.

האט ער אמאל דערציילט פון דעם גרויסקייט פונ׳ם סאכאטשאווער, בשעת ער איז געווען נאך א אינגעל פון אן אכט יאר אלט.

דעם סאכאטשאווער׳ס פאטער איז געווען א גרויסער גדול — דער מחבר פום אן ספר — אגודת אזוב — ער איז געווען א רב אין זיין שטעטעל און האט געלערנט שעורים פאר זיינע תלמידים.

איינמאל ביים שעור האט זיך אברהם׳לע צוגעהערט און דערנאכדעם האט ער זיך אנגערופען: טאטע — דיין קושיה איז נישט קיין קושיה און דער תרוץ אויך ניט.

דער טאטע האט לכתחילה נישט צוגעהערט אבער אז ער האט אנגעהויבן נאכקלערען האט ער דערזיין אז זיין ~~איז~~ זון איז גערעכט.

אזוי איז געווען עטלעכע טעג. דער פאטער האט מורא געהאט דאס ער וועט פארשעמט ווערען פאר זיין שטאדט און האט זיך אויסגעבייזערט אויף אברהם׳לע ער זאל אים אויפהערען פערדרייען דעם קאפ. אבער פון דעמולסט אן האט ער נישט ארייגעלאסט אברהם׳לע צו זיין שעור.

י.פ) סאנצער רבי

דער סקוהלער מגיד ר׳ שלמה לוצקער האט געהאט א מופת פון דעם {מעריטשער} [מעזריטשער] מגיד.

ר׳ <u>מאטעלע</u> סלאטשאווער [בגליון: יחיאל מיכל?], דער זון פון ר׳ יצחק דראהאביטשער — האט געפירט א חצר פאר זיך אין נישט געווען פון דעם
מגיד׳ס תלמידים. איינמאל איז ער געווען אין ~~מעזיבוזש~~ מעזריטש אבער נישט
בתורת חסיד.

דער ~~זריזשעווער~~ נעסכעזשער רב — איינער פון ר׳ מאטעלע׳ס מענשען — איז מיטגעפוהרען.
האט דער ~~זריזשעווער~~[נעסכעזשע] רב גערארפט האבען ר׳ מאטעלע און האט
אים נישט געקענט געפונען. האט ער געטראפען ר׳ שלמה לוצקער
און האט אים געפרעגט: וואו איז ~~מיין~~ מיין רבי?

ר׳ שלמה האט געמיינט דאס ער מיינט דעם מגיד
ווייל סתם רבי איז ביי אים געהייסען דער מגיד, אין האט
אים צוגעפירט צום מגיד.

אז ר׳ מאטעלע האט עס דערהערט האט עס אים
שטארק פארדראסען אין האט זיך אויסגעשריען אויף ר׳ שלמה:
דו וועסט שוין נישט זיין קיין רבי!

דער מגיד ברוח הקודש האט דערשפירט בחדרו המיוחד
וואס ר׳ מאטעלע האט גוזר געווען. האט ער ~~אים~~ גילאזט רופן
ר׳ שלמה און האט אים געזאגט: הער אויס. דו ביזט געווען
מוכן דו זאלסט זיין א רבי פון ששה [? ששים] רבוא חסידים
האט די ר׳ מאטעלע דאס פארזעהען. זאג איך דיר
צו דאס וועלסט האבען א תלמיד וואס וועט זיין שקול
כנגד די ששה [? ששים] רבוא. דאס איס געווען ר׳ שלום בעלזער.

י.פ) סאנצער רבי

דער חוזה פון לובלין האט דערשפירט דאס עס וואקסט א גרויסע נשמה אין סקוהל. אזוי ווי עס זענען געווען עטלעכע געהויבענע ~~חסי~~ לובלינער חסידים — צווישען זיי ר׳ יוסף אלעזר, איינער פון די שענסטע לובלינער חסידים — האט ער באפוילען דארך זיינע חסידים דאס ר׳ שלום געפעלט אים שטארק און ער וואלט אים געוואלט ~~זענ~~ זעען ביי זיך.

דעם בעלזער איז געווארען ~~שטארק~~ שווער אויף דער הארצן. ער האט זיך נישט געוואלט שיידען פון זיין רבי׳ן און מדריך ר׳ שלמה לוצקער. אויך האט ער אים נישט געוואלט אויס זאגען ווייל ער האט אים נישט געוואלט פארשעמען.

דער לובלינער האט אים אבער נישט אבגעלאזט, און האט אים געהייסן קומן עטלעכער מאל. ר׳ שלום האט דאן באקומען מורא פאר דעם חוזה׳ס הקפדה און סוף סוף האט ער זיך דארכ=
גערעדט מיט ר׳ שלמה לוצקער.

ווען ר׳ שלום האט זיין רבי׳ן געזאגט וועגן וואס עס האנדעלט זיך האט ר׳ שלמה אנגעהויבען צו וויינען: ״ער האט דאך די גאנצע וועלט — וואס וויל ער פון מיר. פרידה אחת שלי ורוצה {ליטל} [ליטלה] ממני!״ ער האט אבער נישט מסכים געווען און ר׳ שלום איז ווייטער געבליבן אין סקוהל.

איינמאל רופט ר׳ שלמה לוצקער צו ר׳ שלום און זאגט אים:
הער אויס! דו ביזט דאך פארט א יונגער מאן מיט פרוי און קליינע קינדער. מען דארף פארט מורא האבען פאר דען גרויסען חוזה מלובלין. פוהר געזונטערהייט.

אז ר׳ שלום איז געקומען קיין לובלין, האט ער געטראפען {דארף} [דארט] צדיקי עולם, גרויסע גאונים - אבער דער חוזה האט אים אבגעגעבן גרויס כבוד און שבת האט ער אים געגעבין ששי.

י.פ) סאנצער רבי

דער סקוהלער רב, דער רמר״ז, איז געווען דעם אלטען בעלצער׳ס רבין שווער. ער איז געווען א {מתנגיד} [מתנגד] און א גרויסער גדול, און דער בעלצער האט געלערנט שעורים ביי אים. בשעת דער חתונה איז דער בעלצער אלט געווען 15 יאר.

דער מגיד פון׳ם שטעטעל איז געווען ר׳ שלמה לוצקער וואס איז נישט נאר געווען דעם מגיד׳ס א תלמיד – אבער אויך זיין משמש בקודש – זיין שרייבער און סעקרעטאר.

איינמאל איז דער בעלצער דארכגעגאנגען ר׳ שלמה לוצקער׳ס הויס האט אים ר׳ שלמה אריינגערופען: יונגער מאן דו געפעלסט מיר איך וויל מיט דיר לערנען חסידות און קבלה, און דער בעלצער האט צו געשטימט. אזוי וויא אבער דער שווער – דער רמר״ז איז געווען א {מתנגיד} [מתנגד] האט עס געמוזט זיין בסתר און אזוי האט געמוזט אויסקומען דאס ר׳ שלמה האט מיט אים געלערנט זיין שעור אין חסידות 12 א זייגער ביינאכט.

דעם שווער׳ס שעור ~~איז~~ האט זיך אונגעהויבען 5 אזייגער ביי טאג און אזוי ווי דער בעלזער איז אהיים געקומן פון ר׳ שלמה׳ס שעור 3 – 4 ביי נאכט האט ער פאסט גאר נישט געקענט שלאפען און עס האט זיך געטראפען דאס ער האט איינגעדרימעלט ביים שווער׳ס שעור.

דער רמר״ז האט עס זייער געארט און האט זיך שטארק געשעמט מיט זיין איידעם. עס האט אזוי ווייט געהאלטען דאס ער האט גערעדט מיט זיין טאכטער דאס דער איידעם טוט אים אן גרויסע בזיונות און עס וואלט כדאי געווען זי זאל אים גט׳ען.

דעם בעלזער׳ס רביצין האט אבער געוווסט פון זיין

חצות׳דיקע שעורים אבער זי האט נישט געוואלט דער ציילען איר פאטער דאפון.

דאס איז אזוי אנגעגאנגען א צייט. דער בעלזער האט געלערנט ביי נאכט ביי ר׳ שלמה לוצקער און ביי זיין שווער׳ס שעורים איז ער אפטמאל איינגעשלאפען פון גרויס מידקייט. דער רמר״ז האט געליטען גרויס חרפה פאר די אנדערע תלמידים.

דאפאר האט ער שטארק אנגעהויבען מוטשען זיין טאכטער זי זאל ~~גג~~ גט׳ען איר מאן. האט זי שוין געמוסט דערציילען איר פאטער פון איר מאנ׳ס שעורים און האט אים אויך דערציילט פון די גרויסקייט פון זיין צדקות און עבודה. פון דעמולט האט אים דער רמר״ז שוין אבגעלאזט און געלאסט גייען אים דרך החסידות.

י.פ) סאנצער רבי

ר׳ שמלקה מניקולסבורג האט אמאל געגעבען אן ארעמען מאן א רינג ווייל ער האט זיך שטארק באקלוגט פאר אים. ווען די רביצין האט זיך דערוויסט פון דעם האט זי זיך שטארק געבייזערט און האט איר מאן פארגעווארפען דאס דער רינג איז ווערט אסך געלד.

האט ר׳ שמלקה געלאזט רופן דעם ארעמען מאן און אים אנגעזאגט למען השם דאס ער זאל נישט פארקויפען דעם רינג פאר ביליגער ווי די רביצין האט אים געשאצט.

י.פ) סאנצער רבי

ר׳ חיים סאנצער האט זיך מפרנס געווען דארך האנדעל מיט ווייסען ליינוואנד. דאס הייסט די רביצין האט גיהאנדעלט מיט ר׳ אפרים זלמן מרגליות פון בראד.

אמאל האט זיך די רביצין איינגעטאן אין א סכסוך מיט ר׳ אפרים זלמן׳ס פירמא. עס האט זיך {איך} [איר] געדאכט דאס מען איז איר שולדיג 80 גולדען. זי האט געהאלטן אין איין טענען אבער עס האט נישט געהאלפן.

האט זי זיך איינגעשפארט דאס זי וויל דאס ר׳ חיים זאל אליין פארען מיט איר קיין בראד זיך אדער דארכרעדען מיט ר׳ אפרים זלמן אדער לאדען אים צו א דין תורה.

לכתחילה האט ר׳ חיים נישט געוואלט צוליב ביטול תורה אבער זי האט אים אזוי געמוטשעט ביז ער איז איינגעגאנגן דארויף.

אז ער איז געקומען קיין בראד און אריינגעגאנגן צו ר׳ אפרים זלמן האט ער באלד אנגעהויבען מיט אים צו רעדן אין לערנען, און דאס האט געדויערט שעה׳ן. דערנאך פרעגט אים ר׳ אפרים זלמן – ״וואס זענט איר עפעס געקומען קיין בראד.[״] האט אים ר׳ חיים דערציילט וועגן דעם סכסוך וואס זיין רביצין האט מיט דער פירמא. זאגט אים ר׳ אפרים זלמן דאס ער איז געווען שוין עטלעכע יארן נישט אין געשעפט אבער צוליב אייך וועל איך גיין און שליכטן דעם סכסוך. סיי ווי סיי גלויב איך אייך און איז געגאנגן אין געשעפט און האט געהייסן אויס צאהלען דער רביצין די 80 גולדען.

י.פ) סאנצער רבי

איינמאל איז ר׳ משה לייב ~~געקומן~~ סאסאווער געקומן קיין טארנאגראד.
איז די מוטער פון דעם דברי חיים – ר׳ חיים סאנצער –
אריינגעקומען צו ר׳ משה לייב אין שטוב מיט איר קינד אויף די הענד. אז זי איז
אריינגעקומן איז ר׳ משה לייב אויפגעשטאנען. האט זי זיך
שטארק דערשראקן.
שרעקט אייך נישט האט ר׳ משה לייב זיך אנגערופן צו
איר. איך שטעל זיך נישט אויף פאר אייך – נאר פאר דעם
צוקונפטיגן {מורא} [מאור? מורה?] הגולה וואס איר טראגט אויף די הענד.

ווען ר׳ חיים סאנצער איז געווען 13 יאר האט דער ים התלמוד (ר׳ יהושע העשיל ארנשטיין) אים געגעבען סמיכה יורה יורה ידין ידין.

צו פופצען יאר האט אים דער ישועות יעקב (ר׳ יעקב משולם ארנשטיין) מצרף געווען צו א בית דין פון התרת עגונה.

י.פ) סאנצער רבי

ר׳ זלמן ארנשטיין האט דאס דערציילט דעם
קינעווער רבי׳ן.

דער רב איז געווען ר׳ מעכעלע זלאטשאווער׳ס א תלמיד.
אז ר׳ מעכעלע איז געפוהרען האט ער מיטגענומען
זיינע תלמידים און מיט זיי איז מיטגעגאנגען דער רב.

אז ר׳ מעכעלע איז געווען ביים מגיד האט ער זיך
געפירט דאס ביידע האבען געפראוועט באזונדערע
טישען ביי שלש סעודות.
בשעת דער זלאטשאווער האט געזאגט תורה
פלעגט דער מגיד שווייגען, אבער אז דער מגיד
האט אנגעהויבען צו דרשענען האט זיך ר׳ מעכעלע
גאר נישט אונגעקוקט און האט זיך געטון זיינס.

דער רב איז דאס געווען זער קשה און האט
נישט פארשטאנען — דא פוהרט ר׳ מעכעלע צום מגיד
און האט עפעס גאר נישט קיין דרך ארץ.

ביים מגיד איז געווען א {מקרב} [מקורב] — א גרויסער קאפמענש
וואס ער איז פריער געווען ביים ווילנער גאון — נאר געווארען א חסיד.
האט זיך דער רב געראטען ביי דעם {מקרב} [מקורב]
וואס ער זאל טון. האט אים דער {מקרב} [מקורב] געזאגט:
איך וויל דיר ווייזען ווי דער מגיד {רעכענעט} [רעכנט]
אב חצות.
האט ער אים געוויזען ווי ביי חצות האט דער מגיד,
חאטש ער איז געווען לאהם און ~~האט~~ האט באדארפט

קוליעס – האט ער זיי אוועגגעוואָרפען און הערומגעלאָפען ווי אן
אש לוהבת.

דער רב איז שטאַרק נתפעל געוואָרען. דער מגיד
האט אויפגעמאַכט די טיר און געזאָגט צום רב: אין תורה
איז ר׳ מעכעלע גרעסער – אָבער אין תקון נפשות
שטיי איך העכער –

איז דער רב געבליבען אַלז חסיד ביים מגיד
ווייל ער האט אויך געהאַלטען דאָס תיקון נפשות שטייט
העכער און איז וויכטיגער.

י.פּ) קינעווער רבי

ר׳ יעקב עמדען האט אמאל זיך אנגערופען: אזוי
ווי איך בין שוין אן אלטער ייד קען איך מיך
נישט ~~פארמזסטן~~ פארמעסטן מיט׳ן בעש״ט

י.פ) קינעווער רבי

ווען ר׳ ברוך ממעזביזש איז געווען א קינד פון 7-8 [יאר] אלט האט ער געלערנט בבא קמא.

מען האט אים געפרעגט פארוואס ער לענט בבא קמא — האט ער געענטפערט:
די אותיות פון בבא קמא מאכען: ברוך בן אדעל קדוש מבטן אמו.

י.פ) קינעווער רבי

ר׳ מאטעלע טשערנאבעלער׳ס צווייטע פרוי – מיט ווײַבער ווי ער האט געהאט 5 זון – איז געווען ר׳ דוד לייקיס׳ טאכטער

דער קינעווער רבי מיינט דאס לייקיס איז דער נאמען פון א שטאדט.

דער קאמארנער זאגט אז ~~לייקיס~~ לאה׳קיס זיין מוטער האט געהייסען לאה.

י.פ) קינעוור רבי

ר׳ ייבא איז געווארען מגיד אין אוסטרא ווען
ער איז אלט געווען 18 יאר.

דער בעדיטשעווער האט אויף אים מעיד געווען דאס
ער פיעלט אויף אים א לעכטיגקייט – א הייליגען אור.

י.פּ)                                                            קינעווער רבי

מיך ארט נישט וואס דער ספאליער זיידע רעדט
אויס אויף מיר – האט זיך אמאל ר׳ נחמן
בראסלאווער אנגערופען – ער רעדט דאך נאר אויף
אזאלכע זאכען וואס מען זאגט דאס איך טו אזוי –
איך טו אבער דאך נישט אזוי.

י.פּ) קינעווער רבי

ר׳ משה חיים אפרים סדילקאווער - אן אייניקעל פונ׳ם בעשט איז געווען רייך. איינמאל אז ער איז הערויסג= פוהרען פון סאטינאוו האט ער געטראפען ר׳ אהרן קליוואנער וואס ער איז געווען א גרויסער עני ואביון.

אז זיי האבען זיך אבגעגעבען שלום פרעגט אים ר׳ אהרן — פון וואנעט קומט איר. אז דער סדילקאווער האט אים געענטפערט דאס ער פוהרט יעצט פון סאטינאוו האט ר׳ אהרן אויסגערופען: וויי פאר מיר - עס וועט שוין זיין אזוי ווי א מצולה שאין בו דגים.

האט אים דער סדילקאווער געזאגט: האב נישט מורא! איך האב זיי געעפנעט די אויגען וועלען זיי שוין דיר ערשט געבען געלד.

י.פ) קינעווער רבי

פון ר׳ אהרן קליוואנער – א תלמיד פונ׳ם מגיד
ממעזריטש דערציילט מען דאס ער האט געלערנט נאר
~~ביחודית~~ [תיקון בכתב ידו של השל:] ביחידות.
האט מען אים געפרעגט פאר וואס ער לערנט ביחידות –
האט ער געענטפערט – איך לערן נישט ביז איך זע נישט דער תנא פאר די אויגען.

י.פ) קינעווער רבי

ר׳ אורעלע (?) טיטיוער אן אייניקעל (?) פונ׳ם בעשט (?)
איז געוועז מגיד אין סלאפקאוויץ.

דארט האט אויך געוווינט ר׳ אהרן קליוואנער
א תלמיד פונ׳ם ר׳ בער מגיד ממעזריטש. ר׳ אהרן
איז געוועז א געוואלדיגער תלמיד חכם וואס ער האט
געקענט 18 מסכתות בעל פה.

דאס אלטע בית המדרש איז כליא געווארען און מען
האט עס געוואלט פאררעכטען — איז דאס גאנצער שטעדטעל
פארברענט געווארען. ר׳ אהרן קליוואנער האט דארט אים
בית המדרש געהאט א האלצערנעם טיש — איז דאס
נישט פארברענט געווארדען.

י.פ) קינעוווער רבי

דער סאווראנער רבי האט געקריגט אויף דעם
ריזשינער.
דער אבטער רב האט אים געבעטען ער
זאל אים נישט ~~שטעפען~~ [תיקון בכתב ידו של השל:] טשעפען.
האט אבער דער סאווראנער געענטפערט: אלעס
וועל איך אייך פאלגען – אבטער רב – נאר דאס נישט.

י.פ) פנחס לנדוי

דעם פסוק "לכל בני ישראל היה אור במושבותם" האט מען אזוי אויסגעטייטשט: [בגליון:]?

אן אבן טוב אז ער איז אויסגעשמירט אדער מען האט אים איינגעזעצט אין א מאוסען רינג – האט ער קיין פנים – ער שיינט נישט.
זעץ אים אבער העריין אין א גאלדענעם אדער פלאטינעם רינגעל אדער פאסאן - שיינט ער אין ווערד במילא לעכטיגער.

דאס הייסט: דער אור ישראל וועט שיינען לויט זייער מושבותם. וואס פאר א פלאץ מען מאכט זיך אזוי וועט ישראל לייכטען.

י.פ) הרב קעלעמער

צדיקים האבען געגעבען די סיבה פאר וואס מען האט אים גערופען דעם בעל שם.

<u>בעל הייסט אן אדון א מושל</u>. יעדער מושל האט זיינע כלי זין מיט וואס ער הערשט.

די כלי זין פונ׳ם בעל שם זענען געווען ~~זיינע~~ די נשמות פון די נפשות וואס ער האט צו זיך צוגעצויגען אלס חסידים.

נפש הייסט שם — א ראיה פונ׳ם פסוק: ״נפש חי׳ הוא שמו.״

הייסט ער בעל שם — ווייל ער איז דער אדון — ער האט צו שאפן אויף אלע נשמות פון זיינע נפשות.

י.פ) הרב קעלעמער

ווען דער תולדות האט זיך געדריקט און ר׳ יעקב יוסף האט אים געוואלט פארקויפען אין בארדיטשעוו – האט קיינער אים נישט געוואלט קויפען.

האט דער בעדיטשעווער רב אבגעקויפט אליין אסך תולדות׳ן ווייל ער האט מורא געהאט דאס דעם ~~בעל~~ תולדות וועט האבען הקפדה אויף דער שטאדט און וועט זי ח״ו נאך שאדען [? שאטען ?].

**י.פ)** **באיאנער רבי**

ר׳ ברוך מעזשביזשער האט אמאל געזאגט
דאס ווארט:

היינו הך למה לי למיתני: האט ער אזוי
געטייטשט:

היינו הך – אז מען שלאגט אונז אזוי – למה
לי למיתני – וואס הרגענט מען און קוילעט מען אונז נאך
אויך.

י.פ) הרב קעלעמער

ביים סאדאגארע׳ס א טיש איז געווען א גרויסער עולם – מיט געהויבענע חסידים און חשובער רבנים. די גבאים האבען נישט געוואוסט ווי אזוי אויסצוזעצען ביים טיש. האבען זיי געפרעגט דאם אלטען סאדאגארער וויא אזוי אויסצוזעצען.

עס שטייט: ולא אמר אדם לחברו צר לי המקום שאלין בירושלים. מיר ווייסען דאך דאס אוירא דארץ ישראל מחכים – {איזו} [איזהו] חכם המכיר את מקומו – דאפאר האט יעדער ייד געוואוסט זיין פלאץ אין ירושלים און קיינעם איז געווען ענג.

דא איז אויך אזוי – אז יעדער וועט וויסען וואו זיין פלאץ איז וועט ער שוין אליין געפונען זיינען געהעריגען פלאץ און ביים טיש וועט אויך נישט זיין ענג.

באיאנער רבי | י.פ)

פאר שבועות איז געווען א שלעכט יאר – עס איז נישט געווען קיין פרנסה – מען האט אבגעגעבען אסך סאָלדאַטען רדיפות אויף יידען.

האט ר׳ נחום טשערנאבעלער זיך אנגערופען: א קונסט דאס ביי נתינת התורה איז געווען אזא התגלות און די יידן האבען געשריען נעשה ונשמע. ביים ים סוף איז געווען אזאלכע נסים – ראתה שפחה בים... און דערנאך ביים הר סיני }קפה{[כפה] עליהם ההר.

ביי אזאלכע נסים איז געווען א קונסט דאס עס איז געווען אזא התגלות, און קבלת התורה באהבה.

רבונו של עולם! האט ער אויסגערופען: ווייז היינט אזא התגלות און אזאלכער נסים וועסט דו זען ווי דיינע יידען וועלען די תורה מקבל זיין באהבה.

י.פ) באיאנער רבי

פינחס לאנדוי האט געזען איינער פון די הגהות פונ׳ם
בעש״ט אין דעם צורף: ביי פייגעלע.

לא להדפיסו ולא {לעתיקו} [להעתיקו] ~~מקיוון~~ מכיון שהוא אחד ואין
שני לו? אחד אין שני לו? {היכא דמוי} [היכי דמי] הלא אדם הוא?
אלא ~~בעד~~ בסוד ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד. וחמשה נצרפים
לו ושבת שקולה כנגד שנים.

ר׳ אהרן טשערנאבעלער האט געבעטען ~~דעם~~ ר׳ איציקעל סקווערער ער
זאל אים ערלויבען מאכען אן העתקה. האט ער אים נישט געלאסט
ווייל דער בעשט האט נישט געהייסען.

האט אים ר׳ אהרן געענטפערט: דער בעשט זאגט דאך
אלא ~~בעד~~ בסוד ויהי ערב...

אז מען רעכנעט אחד און חמשה נצרפים לו האט מען
6. דערנאך ... כנגד שנים – האבען האבען מיר שוין אכט –
איז דאס א רמז אויף די אכט ~~ברידער~~ זון פון ר׳ מאטיל
טשערנאבעלער און דאפאר קומט אונז אז מען זאל אונז
ערלויבען אן העתקה.

האט דער סקווערער געענטפערט: איך האלט דוקא נישט אזוי
אבער א גוט ווארט האסט געזאגט וועל איך די לאזען
מאכען אן העתקה, אבער מער נישט פון דיין העתקה.

די העתקה איז בירושה איבערגעגאנגען פון ר׳ אהרן צו זיין זון
ר׳ נחום ~~טשערנאבילער~~. פון אים צו ר׳ מרדכי לאיעווער און
פון אים צו ר׳ יהושע הישל טשידנאווער.
~~די לעצטע וואס האט די העתקה געהאט~~

י.פ) פנחס לאנדוי

חסידים זאגען אזוי ווי דער בעשט זאגט: ~~כיון שהוא~~
הלא אדם הוא.. מיינט מען אז דאס זענען די כתבים
פון ר׳ אדם בעש״ט.

סימן לדבר איז ר׳ אדם בעשט איז אויך געקומען פון
ווארשא און דער צורף רופט זיך דער צורף
פון ווארשא. אלטע חסידים האבען געוואוסט דאס ר׳ אדם איז געקומען פון ווא[ש?] {ווארשא] .

דער צורף איז געגאנגען בירושה פונ׳ם בעשט צו ר׳
הירש בעש״ט. פון אים צו ר׳ אורי׳ טיטעווער, דערנאך צו
ר׳ אברעמעל סקווערער און שפעטער ר׳ יצחק סקווערער. צו ר׳ ישראליק [בגליון:]?

ר׳ פנחס לאנדוי האט אמאל געזען דעם צורף און
די הגהות זענען געשריבען אין דעם בעש״ט אייגענע
כתב יד אין רויטער טינט.

די לעצטע וואס האט געהאט דעם צורף איז געווען
פייגעלע — א טאכטער פון דעם טריסקער. זי איז געווען ר׳ ישראליק׳ס אלמנה. [בגליון:]?

י.פ) פנחס לאנדוי

פאַרוואָס וועט עס אַנגערופֿען צורף.
דער בעשט האָט עס אַזוי גערופֿען ווייל דער
שרייבער פֿון דעם מאסף פֿון כּתבים איז
געווען אַ צורף = אַ גאָלדשמידט, פֿון וואַרשאַ.

י.פּ) פּנחס לאַנדוי

דער בעשט האט קיינעם נישט געוואלט ווייזען דעם צורף ווייל ער האט נישט געוואלט קיינער זאל אים זען איידער ער וועט פארטיג ווערען מיט זיינע הגהות.

נאר דעם קאריצער האט ער עס געוויזען דריי מאל.

חסידים זאגען דאס די לעצטע הגהה האט ער אנגעשריבען די לעצטע וואך פאר שבועות – דאס יאר ווען ער איז נסתלק געווארען.

י.פ)                                                    פנחס לאנדוי

אים לעצטען יאר פאר זיין הסתלקות איז דער {שטעפעשטער} [שטעפענעשטער]
אויף דען וועג אין די בעדער געווען אין סאדאגארא.

בשעת ער האט זיך געזעגנעט מיט דעם סאדאגארער איז
ער געשטאנען מיט איין {פון} [פוס] אויף דען פייטאן און דעם
אנדערען פוס אויף דער ערד און האט דערציילט די
מעשה:
אז דער רבונו של עולם האט געוואלט חרוב מאכען
דעם בית המקדש איז געקומען דער ס"מ און האט נישט
געוואלט צולאזען ווייל אים איז אוסגעקמען דאס ער וועט
פון דעם גאר נישט האבען – מען וועט אים סיי ווי סיי
{באשודיגען} [באשולדיגען] און משפט'ן פאר דעם חורבן בית המקדש.
אבער דער רבונו של עולם האט פארט געטון זיינס, און דאס בית
המקדש איז חרוב געווארען.

איין שם איז געבליבען פונ'ם בית במקדש – א הייליגע
אומפארשטענדליכער שם וואס דער רבונו של ~~אדם~~ עולם האט געזאגט
דאס קיין בן אדם אדער נברא ווערד אמאל וויסען פון דעם
שם נאר דער צדיק הדור וועט וויסען דאס ער עקסיסטירט.
נאך דעם חורבן [איס] האט איין צדיק הדור איבערגעגעבען
דעם אנדערען די ידיעה דאס עס איז פאראן {אזה} [אזא] שם
אבער קיינער האט אים נישט געקענט מגלה זיין.
די ידיעה פון דעם שם איז איבערגעגעבען געווארען צום
בעשט – פון אים צום מגיד.
ר' שלום פראהאבישטער האט שטארק געוואלט זיך דער=
וויסען דעם סוד פון דעם שם. האט ער זיך אנגעהויבען
צו חבר'ן מיט דעם בעל דבר און איז געווארען אזא
נוענטער מחותן מיט אים – ביז ער האט אים מגלה [געווען]

דעם סוד פון׳ם שם. און ר׳ שלום האט געטון מופתים מיט דעם שם. אויף דעם הימעל האט מען אים שטארק גערודפט {אלמאי} [הלמאי] ער האט מגלה דעם סוד געווען.

דער ס״ם האט אבער נישט געדענקט וועמען ער האט מגלה סוד געווען — {אזאו} [אזוי] ~~קונסטיג~~ [תיקון בכתב ידו של השל: קונציק] האט אים ר׳ שלום אבגענארט.

האט דער ס״ם געווארפען גורלות. ערשט האט ער איינגעטיילט די וועלט אין טיילען. יעדען טייל ביז ער איז געקומען נאך רוסלאנד. דערנאך נאך פראהאבישט דערנאך אין דער גאס וואו ר׳ שלום האט געווינט — און דערנאך אויף ר׳ שלום אליין.

אז דער ס״ם האט אים פארגעשטעלט פארוואס ער האט אים אבגענארט האט ר׳ שלום געענטפערט איך האב נישט מורא פאר דיר: אויב די וועסט וועלען טשעפען די נשמות פון מיינע קינדער — וועלען זיי זייער שטעדטעל אליין באשטייען. און אויף גופים — דער צו איז דא הייסע בעדער.

אבער אין דעם יאר איז ר׳ שלום פארט נסתלק געווארען.

די מעשה האט דערציילט דער שטעפענעשטער און האט זיך ~~אויבגעזעצט~~ אויפגעזעצט אויף דעם פייטאן און אוועגגעפוהרען אין די בעדער. דעם יאר איז ער נסתלק געווארען.

י.פ) מאטעס העלער
באיאנער חסיד

ביים סטריליסקער איז געווען א גרויס דחקות און ארמקייט. אז עס
איז אמאל ממש נישט געווען וואס צו עסען אויף שבת. די רביצין
האט זיך אמאל געבעזערט אויף דעם רבין {אלמאי} [הלמאי] זיינע חסידים
זענען אזאלכע קבצנים, און אז ער איז אזאלכען עובד השם פארוואס
ער קען נישט אויסבעטען ביים רבונו של עולם דאס זיינע חסידים זאלען
באקומען געלד און האבען אביסעל מער פרנסה. האט ער איר צוגעזאגט
דאס ער וועט בייטען פאר זיינע חסידים.

צומארגענס האט ער זיך שטארק צערפלאמט ביים דאווענען (~~ביידי~~
ביי די סטרעליסקער חסידים האט מען מוראדיק הייס {געדאוונעט} [געדאוועגט])
און פאר ברוך שאמר האט ער זיך א קער געגעבען צו די
חסידים: יא איר ווילט מער געלט – און בפה אחד האבען
זיי אלע געענטפערט: ~~נייד~~ {חלילא} [חלילה] – ניין. מיר זענען צופרידען
ושמחים בחלקינו.

ר׳ משה כהן

י.פ)

ר׳ מאיר פרעמישלאנער האט מורא געהאט דאס אנדערע
רבי׳ס זענען עוסק אים זיינע הויכע מדרגות אוועג צונעמען, און האט
געוואלט עפעס טון דערצו. ער האט געטראכט דאס דער עיקר זענען
3 רביס מתנגד קעגן אים: דער קאסאווער (דער מחבר פון ס׳ אהבת שלום)
דער סדיטשוייעווער [זידיטשויבער] , און דער סטריליסקער וואס חסידים האבען אים
גערופען דעם שרוף צוליב זיין פייערדיגער עבודה אין דאווענען.
אז ער איז געקומען ~~צום~~ צו ר׳ מרדכי ~~קרעניצער~~ [תיקון בכת״י השל: קרעמעניצער] האט ער אים
אזוי געזאגט: פאר דעם קאסאווער דארפסט דו נישט מורא
האבען – ער איס א גוטער און וויל קיינעם נישט קיין שלעכטס טון.
פאר דעם זדיטשוייעווער אויך נישט – ער טראגט נאך נישט קיין
גאלדענעם קראגען (ד.ה. ער איז נאך א יונגער מאן און פארנעמט נישט
אזא וויכטיגען ארט[)], אבער פאר דעם שרוף איז יא מורא צו האבן
איך וויל דיר אבער אן עצה געבען. ביים סטרעליסקער איז א גרויס ארמקייט
שיק אהין א מענשען מיט עסעןוואַרג אויף שבת און ~~גיב~~ זאל דער מענש
נישט אויסזאגען פון וועמען דאס {עס} [איז] ~~ס~~ געשיקט געווארען במתנה. אבער
דער ייד זאל זיין שטרענג באפוילען נישט צו זאגען פון וואנען די
מתנה קומט – ביז נאך שבת.
האט ר׳ מאיר׳ל פרעמישלטנער אזוי געטון. דער ייד איז געקומען

נאך שטרעליסק מיט כל אלערליי עסען און מעדני מלך. ער האט זיך
געלאסט קאסטען און דער הויף און די חסידים האבען שוין נישט
געדענקט דעם טאג וואס ער איז זיי אזוי גוט געגאנגען. מען האט
דעם ייד מכבד געווען אבער ער האט נישט אויסגעזאגט פון וואנען
ער איז אדער ווער עס האט אים אהערגעשיקט מיט די אלע מתנות.
נאך שבת האט ער אויסגעזאגט דאס ר׳ מאיר פרעמישלאנער האט אים געהייסען
קומן.
האט זיך דער ~~סטיל~~ סטריליסקער אנגערופען: אויב ר׳ מאיר׳ל
האט אזא כח דעס איך האט גאנץ שבת געגעסען פון זיינ׳ס און
האב נישט דער פילט פון וואנען עס שטאמט דארף ער נישט
מורא האבען דאס מען וועל אים אוועקנעמען זיינע הויכע מדרגות.

י.פ) ר׳ משה כהן

חאטש דער בעשט האט אליין געהייסען מענשען זיי זאלען
רעדען אויף אים פאר ר׳ חיים צאנזער (מבראד) ווייל ער האט
געוווסט ~~דער~~ אז ר׳ חיים האט אזוי פיל הנאה דאפון — האט עס אים
אמאל געארט {אלמאי} [הלמאי] ר׳ חיים איז זיך אביסעל צו מתנגד קעגן
אים — האט ער געלאסט פרעגען ר׳ חיים: וואס האלט איר פון
זיך — האט ער אים געענטפערט — איך בין גאר נישט. און
וואס האלט איר פון דעם בעשט? ער איז אויך א גור נישט
האט דער בעשט געפרעגט: ווי אזוי קען דען א גאר נישט
רעדען און ווי אזוי קען מען אויף א גאר נישט רעדען.

(פ.י ר׳ משה כהן

דער ווילנער גאון האט זיך געוואלט באקענען מיט דעם מגיד. חאטש די מתנגדים האבן געפרווט צו באוועגן זיין מוטער זי זאל ~~ניי~~ אים נישט לאזען פוהרען – האט ער זיך געמאכט אויף דען וועג. נעבען מעזריטש האט ער געמוסט נעכטיגען אין א קרעטשמע {ווא} [וואו] דער ארענדאר איז געווען דעם מגיד׳ס א חסיד.

דער ארענדאר האט דעם גאון געגעבען א געלעגער. אויף דעם באלקען האט דער גאון געמערקט ספרים און האט געטראפען עטלעכע קבלה ספרים. האט ער אנגעהויבען שנעל צו מישען די בלעטער.
דער ארענדאר האט שטארק געוואונדערט: עפעס א קבלה ספר מישט מען אזוי גיך ווי א תהילים׳על? שפעטער איז ער נאכאמאל געקומען אין זיין חדר און זעט שוין אז דער גאון מישט שוין נישט און קלערט גוט אריין. דער ארענדאר האט דערזען דאס ~~דאס ארט~~ איז ~~א זער~~ א זייער שווערער שטיקל קבלה.
האט אים דער ארענדאר געזאגט פשט אים קבלה ספר. דער גאון איז נתפעל געווארען – אז א פראסטער חסיד קען אזוי פשט זאגען – וואס וועט שוין זיין ווען ער וועט קענען שעפען פון דער קוועלע אליין – און האט זיך שוין קאם געקענט דערווארטען אויפ׳ן מארגען ער זאל זיך מאכען אויף דען וועג קיין {מעזיטש} [מעזריטש].

באלד זענען אבער אנגעקומען חסידים וואס זענען געקומען שוין פון מעזריטש – פול מיט שמחה און לעבען. דער גאון האט זיך באמיט צו צוהערען צו זייערע רעד (ער איז געווען פארשטענדליך פארשטעלט) – ער האט געוואלט הערען א מאמר – א גוט ווארט. אבער אלעס וואס ער האט דערהארט איז געווען ווי אזוי די חסידים האבען געפירט איין סעודה נאך דער אנדערער – וויפל זיי האבען לחיים געטרונגען און וואס זיי האבען געגעסען געזונגען און געטאנצט.

איז דעם גאון פארגאנגען די לוסט צו פוהרען צום מגיד – אזוי ענטוישט איז ער געווען פון די חסידים, און ער איז צוריקגעפוהרען קיין ווילנא.

זאגט די וועלט דאס דאס האט דער בעל דבר אזוי געפירט.
ווייל ווען נישט דאס ~~טרעפעניש~~ פירט זיך אזוי און דער ~~בעש~~ מגיד און דער ווילנער גאון טרעפען זיך וואלט דאס [הערבגעבראכט] {הערבגעבראכט} משיח׳ן.

י.פ) ר׳ משה כהן

איינמאל ערב יום כפור ביי׳ם טיש האט זיך דער ריזשינער אנגערופען צו די חסידים וואס זענען געזעסען ביים טיש: יינגלעך! קעלבער! וואס טוט ער דא ביי מיין טיש! די חסידים האבען זיך שטארק דערשראקען — אבער קיינער האט זיך נישט גערירט פונ׳ם ארט.

דערנאך האט דער ריזשינער ווייטער געזאגט: עס שטייט: סור מרע ועשה טוב, בקש שלום ורדפהו. אז איר ווילט זיין אבגעהיט פון סור מרע זאלט איר טוען עשה טוב. בקש שלום ורדפהו. איר זאלט זוכען דעם צדיק (וואס איז במדרגה שלום) ורדפהו און איר זאלט אים נאכיאגען — חאטש ער טרייבט אייך און שרייט אייך נאך יינגלעך, קעלבער.

נאך דעם טיש אז חסידים האבען זיך איינער דעם אנדערען דערציילט וואס זיי האבען געטראכט בעת דער ריזשינער האט זיך אויסגעשריגען אויף זיי האבען זיי אלע דערפילט אז בעת מעשה האבען זיי אלע געטראכט און ביי זיך געזאגט: שמע ישראל!

און ריזשינער חסידים זאגען דאס אלע יידען וואס זענען דעמאלט געזעסען ביי דעם טיש האבען אלע מאריך ימים געווען.

י.פ)

~~ר׳ מש~~
מאטעס העלער
באיאנער חסיד

ר׳ בענציל סטריער האט אבער שטארק געהאלטען פון דעם
סאנצער – חאטש ער איז געווען א מתנגיד.
ער האט געזאגט א משל. געקומען צו א פאבריק
ווי עס איז געווען צו פארקויפען סחורה צוויי סוחרים.
האט מען איינעם געוויזען סחורה און פארלאנגט א געוויסען
פרייז. האט יענען אנגעביטען 50% און דאס רעסט אויף
אויסצוצוהלען. האט מען באלד געמאכט דאס געשעפט.

יענער האט געזען ווי אזוי מען ~~האט געמאכט~~ מאכט געשעפטען
האט געמיינט ער וועט זיין א קלוגער. אז מען האט אים
געוויזען די סחורה האט ער אנגעביטין דאס בארן[?] [דער?] געלד
וועט ער גאר נישט געבען – און מען מוס ~~מען~~ אים גלויבען אויף
דעם גאנצען. איז געווארען אויס געשעפט ווייל מען האט
אים געזאגט: מילא דער ערשטער סוחר האט געוואלט
געבען חאטש 50% – האט מען געזען ער מיינט ערנסט.
דו ווילסט גאר נישט געבען – ביסט דו ווייסט אויס א שווינדלער.

אזוי אויך מיט דעם סאנצער – האט ר׳ בענציל אויסגעפירט.
קענען לערנען איז חאטש 50% פון דעם ווערט פון א מענשען.
ער ווייסט באלד דאס ער האט די 50% – אויף די
אנדער 50% געטרוי איך אים שוין.

י.פ) ר׳ משה כהן

א תשובת עגונה איז געקומען פאר דעם סאנצער רבי. איינער פון די אונטערגעחתמטע איז געווען דער סטריער רב, ר׳ בענציל.

אין דער תשובה איז אויסגעקומען צו רעדען וועגען דעם ענין צו שוטה לדבר אחד הייסט שוטה צו אלעס. און די פראגע איז געווען צו א שוטה לדבר אחד קען גט׳ן א פרוי. ר׳ בענציל האט געפסק׳נט אז יא — אז שוטה לדבר אחד איז נישט שוטה לכל התורה כולה. און ער האט געגבראכט א ראיה דאס חסידים זענען דאך זעכער שוטה לדבר אחד — און עס איז עפעס א שאלה דאס זיי מעגען גט׳ן זייערע ווייבער.

י.פ) ר׳ משה כהן

ר׳ פנחס ~~קומעניצער~~ קאמענעצער און דער סאווראנער רב זענען געווען חברים. איז דער סאווראנער רב געווארען {חסידים} [רבי]. האט אים ר׳ פנחס געפרעגט: וואס פלוצלונג ביסט דו געווארען א רבי?
האט ער אים געענטפערט. עס ליגט א קופּע ווייץ און יידען שיידן ~~שאלען~~ אב, וועט זייערע תרומה הייליג. מיך האבען יידען ~~אבג~~ אויסגעקליבען, בין איך געווארען הייליג.

י.פּ) פנחס לאנדא

דער ~~סטיער~~ סטריער רב, ר׳ בענציל איז געווען א מתנגד [בגליון:] (ער האט געמאכט הגהות אויפנ׳ אבני מלואים. א תלמיד פון׳ם קצות החושן[)].

ער האט געפרעגט וואס איז דאס יידען קלויבען
אויס א רבי׳ן און מאכען אים אזוי הייליג. האט אים א
חסיד געזאגט — דאס צדיקים זאגען עס איז א משל פון
תרומה. א קופע ווייץ ליגט און יעדער מעג
געניסען דאפון — אבי א ייד אבער איז תורם תרומה
ווערט די תרומה הייליג — אזוי איז א רבי — אז חסידים
טיילען אים אב פון כלל ישראל — ווערד ער א קדוש.

האט ר׳ בענציל זיך ערלויבט א שפאס. עס שטייט דאך
אז חרש, שוטה וקטן שתורמין תרומה אין תרומתן תרומה.
חסידים זענען דאך שוטים, ממילא איז זייער תרומה
נישט הייליג — און אויך זייערע רבי׳ס נישט.

י.פ) ר׳ משה כהן

ר׳ אלימלך מליזענסק און ר׳ זושא מאניפאלי האבען
אבגערעכט גלות און זענען הערומגעפוהרען איבער דער וועלט.
זענען זיי געקומען צו ר׳ יעקב לינסקער. חאטש זיי
זענען געווען פארשטעלטע — האט ר׳ יעקב לינסקער
דערקענט דאס זיי רעכטען אב גלות.
האט ער זיי געזאגט: ווען איך וואלט אבגערעכט גלות
אזוי לאנג ווי איר וואלט איך געהאט א שענער פנים.
זענען זיי נאך א יאר הערומגעפוהרען נע ונד.

י.פ) ר׳ משה כהן

ר׳ יעקב לינסקער איז דעם גאנצען טאג עוסק געווען
אין תורה און זיין רביצין האט געפירט א שניטווארען
געשעפט.

איינמאל האט זי געמוסט אוועגפוהרען און האט געלאסט ר׳ יעקב
אין דעם קראם. איז ~~ער~~ הערייגעקומען אן ארמער מאן און געבעטען
א נדבה. ר׳ יעקב ~~איז~~ איז געווען א גרויסער בטלן און האט נישט
געוואוסט א צורת מטבע. האט ער געזען אין לאדען עטלעכע גולדענע
ריינדעלעך – האט ער געפרעגט דעם בעטלער – איז דאס גענוג.
דער בעטלער האט אוודאי געזאגט אז יא און ר׳ יעקב האט
אים געגעבען א ריינדעל. דער בעטלער האט פארשפרייט די
ידיעה דאס ר׳ יעקב גיט נדבות אויף אזא גרויסען
אופן – און א גאנצער עולם שנארערס און בעטלער איז געקומען
צו לויפען צו ר׳ יעקב׳ס לאדען און יעדעם האט ער
געגעבען צו א ריינדעל.
אז די ריינדלעך האבען זיך אוסגעלאזט האט
ער זיך ענטשולדיגט און געפרעגט צו ער מעג זיי געבען
שניט סחורה אנשטאדט געלד. און פארשטייט זיך אז
די בעטלערס האט עס נישט געארט אז מען גיט זיי
צו עטלעכע מעטער שניט סחורה. באלד איז דאס געשעפט
געווען ליידיג – נישט קיין ריינדעל – נישט קיין סחורה.

אז די רביצין איז צוריגגעקומען – איז איר פינסטער
געווארען פאר די אויגען. זי האט אנגעהויבען צו געוואלדעווען
שטייטס – ער האט זי אומגליקליך געמאכט.

זאגט ר׳ יעקב לינסקער צו איר: איך פארשטיי דיך נישט.
איך זע דיך יעדען טאג אוועגגעבען סחורה צו גוים
און די מאכסט גאר נישט א רעש. נו, מעג איך דאך
דאס זעלבע טוען צו יידן.

י.פ)                                                   ר׳ משה כהן

ר׳ מענדעל לינסקער איז געווארען ר׳ איציקעל האמבורגער׳ס איידעם און מען האט צוגעזאגט 5000 רענדעל נדן.

אז די זמן {חתונה} [החתונה] איז געקומען איז ער און זיין פאטער ר׳ ____ געקומען קיין האמבורג. אבער אז די רביצין האט אנ= געקוקט די כלה איז עס פינסטער געווארען פאר די אויגען – א דארע, א מאוסע. איז זי געלאפען צו איר מאן אנצוזאגען די טרויריגע בשורה. ״וואס זאל איך טון״ זאגט ער איר – פרעג דעם חתן. דער חתן איז געזעסען און געלערנט און האט געענטפערט אז עס ארט אים נישט אויב די כלה איז נישט ״אזא שענע.״

אז עס איז געקומען צום נדן – האט זיך אויסגעלאסט דאס ר׳ איציקעל האמבורגער האט גאר נישט קיין נדן צו געגרייט. איז די רביצין באמת ברוגז געווארען – נישט קיין כלה און נישט קיין נדן האט זי געטענעט. האט זי דער רבי ווייטער געשיקט צום זון ר׳ מענדעל און ער האט נאכאמאל צו געשטימט – אז עס ארט אים נישט – מען זאל אנגיין מיט דער חתונה.

נאך דער חופה האט ר׳ איצילעל האמבורגער הערויסגענומען זיין בייטעל און האט דעם חתן געגעבען דאפעלטען נדן.

עס שטייט – האט ער זיך אנגערופען – הנושא אשה לשם ממון או לשם נע[? נוי/יופי?] {?}[5].

אז איך האב געזען ער מיינט דעם שדוך ערנסט און זוכט נישט שיינקייט און נישט געלד – געפעלט ער מיר און דאפאר גיב איך אים א דאפעלטען נדן.

י.פ) ר׳ משה כהן

[5] אולי הכוונה כאן לקידושין ע, א.

ר׳ הירש רימינאווער האט זיך געפירט שטיל און באשיידען — ער האט נישט געפאסט קיין תענית נדבה — גע= געסען און געדאווענט אין צייט. ער האט זיך נישט אנדערש געפירט ווי א פראסטער ערליכער ייד.

מען האט זיין פירערכס אבגעטראגען צום ראפשיטצער רב און ער האט געלאסט שיקען דעם רימיניווער צו זיך.

אז ער איז אנגעקומען און אויפגעמאכט די טיר איז ר׳ הירש געשטאנען און דער טיר עטליכע מיניט. ר׳ הירש האט געקוקט אויף דעם ראפשיצער און דער ראפשיצער האט ~~אויף~~ פון אים נישט קיין אויג הערונטערגענומען.

דערנאך איז דער ראפשיטצער צו אים א לויף געטון אים ~~זיך~~ געבעטען צו זיצען און אים שטארק מכבד געווען. ער האט געזאגט: איך האב גאר נישט געוואסט וואס פאר א קומה שלמה ר׳ הירש איז. עס איז באמת א שאד אזא כלי כליא צו מאכען.

י.פ) ר׳ משה כהן

ר׳ יוסף קוידאנאווער האט מען אמאל געפרעגט
פארוואס אז א רבי קומט אין שטעדטעל זאגט
מען נישט תחנון. [בגליון:]?
האט ער געענטפערט: אזוי ווי ביי א ברית
זאגט מען נישט קיין תחנון ווייל עס איז דא א
חסרון כיס – מען נעמט ארופ א שטיקל.

אזוי אז איך קום אריין אין א שטעדטעל
איז אויך דא א חסרון כיס – קיינער האט
נישט קיין געלד.

י.פ)　　　　　　　　　　　　מ. איוועונסקי

ר׳ יוסף קודאנאווער האט אמאל געזאגט א ווערטעל אויף די ציוניסטען ווען זיי האבען זיך אנגעהויבען צערשפרייטען אין סוף פון די ניינציגער יארען.

ווען מען האט אים דערצעלט וועגען די ציונים האט ער געזיפצט — אוי משיח קומט שוין. פון וואנען ווייסט מען דאס?

ווען מען פירט חתן כלה צו חופה — ווער לויפט פארויס — די שקצים און די באדיונגען — אזוי איז אויך דא מיט די ציונים.

י.פ) מ. איוועגסקי

ר׳ ברוך קוידאנאווער איז געווען אמאל אין לידא ווי עס זענען געווען אסך מתנגדים.

בשעת ער איז געווען דארט האט מען אים געמסר׳ט.

ביים לענען אין שול איס צו אים צוגעלאפען א שניידער און האט אים דערלאנגט א פאטש.

אפילו מתנגדים האבען דערציילט ~~נאך דעם~~ דערנאך דאס דעם שניידער׳ס א טאכטער איס שפעטער געשטארבען.

י.פ) מ. איוועןסקי

קוידאנאווער יחוס

ר׳ שלמה חיים האט געהאט ~~צוויי~~ א זון און א טאכטער

1) ר׳ ברוך

2) ר׳ נח – געווען רבי אין האראדישט נעבען

[בעט שונה: איז געווען זיין איידעם] נאווארעדאק

ר׳ ברוך׳ס זון איז געווען ר׳ אהרן קוידענאווער און ר׳ שלום

ר׳ אהרן׳ס זין זענען געווען

1) ר׳ נחמיה

2) ר׳ יוסף וואס איז געווארען זיין ממלא מקום

3) ר׳ בערעלע

4) ר׳ שלמה חיים דער יינסטער – איז נפטר געווארען

גאר יונגערהייט – פון שווינד זוכט.

י.פ) איוועןנסקי

ר׳ אהרן קוידאנאווער האט מען געמסר׳ט אין רוסלאנד אז ער נעמט צו ארץ ישראל געלד. עס איז געקומען צום געריכט.

מען האט אים אבער פרייגעשפראכען — און דער מסור איז שפעטער שטום געווארען.

דער טאג ווען מען האט אים פרייגעשפראכען איז געווען כ״ז שבט.

דער טאג וואס מען האט גערופען ז״כ שבט האט מען געפייערט אין קוידענאוו אז יומא דפגרא.

י.פ) איוועסקי

פרץ וויערניק׳ס ברודער ר׳ מאיר סמארגאנער און ר׳ מיכעל פרידמאן זענען געווען די וויכטיגסטע קוידאנאווער חסידים. זיי זענען געווען ממש די ״מאכט אונטער די קוליסען״.

אז ר׳ אהרן איז ~~נסתלקות~~ נסתלק געווארען האבען אסך חסידים געוואלט מאכען ר׳ נחמי׳ רבין. אבער ר׳ מאיר אין ר׳ מעכעל זענען געווען איינפלוסרייך גענוג דעם פלאן צו נישט צו מאכען. זיי האבן שוין געזען דאס ר׳ יוסף זאל ווערען זיין ממלא מקום.

י.פ)

מ. איוועניסקי

ר׳ אהרן {קוידאנאווער} [קוידאנאווער׳ס] ליבלינג אַ זון ר׳ שלמה חיים איז גאר יונג נפטר געווארען.

ער איז אוועק אין שבת. האט מען ר׳ אהרן די טרויריגע בשורה אנגעזאגט בשעת ער איז געזעסעןביים טיש אין שבת.

האט ער זיי ברוגז געענטפערט: אך שבת!!

ער איז שטארק בעז געווען דאס מען האט אים מבלבל געווען אין שבת.

י.פ) איוועגסקי

ר׳ אהרן קיידאנאווער האט אמאל געהאט א שווערען פיסטעל אויף דער באק און מען האט אים געמוסט מאכען אן אפעראציע. ער האט זיך נישט געלאסט געבען קיין שלאפמיטעל אבער ביי דער גאנצער אפעראציע האט ער אפילו איינמאל נישט געגעבען א קרעכס.

דער דאקטאר האט זיך שטארק געוואונדערט אויף אזא שטארקהייט און האט אים געפרעגט ווי אזוי ער קען אויסהאלטען אזאלכע שמערצען.

האט ער אים געענטפערט: איך בין געווען פארטיפט
אין טראכטען פון׳ם [דעם] רבונו של עולם — האט מיך
די ווייטונג נישט געהארט — איך בין געווען פארטון האב
איך גאר נישט געטראכט פון קרעכצען.

י.פ) איוועסקי

איינמאל איז ר׳ מאטעל טשערנאבילער געקומען קיין סלאוויטא. איז מען געקומען צו ר׳ משה דער סלאוויטער רב {אנזאגער} [אנזאגען] דאס דער טשערנאבילער איז אין שטאדט און כלאוונע – דעם טשערנאבילער׳ס משרת איז אויך געלאפען צום סלאוויטער רב און אים געזאגט: ״בעל בית דער רבי איז שוין דא.״

האט אים דער סלאוויטער געענטפערט: גע זאג דיין רבי׳ן אז איך בין נישט זיין בעל בית און ער איז איס נישט קיין רבי!

י.פ) פנחס לאנדוי

ר׳ יוחנן ראכמאנסטריווקער איז געפארען איינמאל
קיין סווינעגראדקא. דארט האט ער האט געהאט א פייערדיקן חסיד
פיאטר בראדסקי. ער האט געהאט א שוואגער ר׳ שפיגעל
וואס איז געווען א פארבראטענער ליטוואק פון ווילנא – א {מתנגיד} [מתנגד].

אז ר׳ יוחנן איז געקומען אין שטאדט אריין איז דאס
גאנצע שטעטעל געקומען אים מקבל שלום. בראדסקי האט
געוואלט דאס זיין שוואגער, שפיגעל זאל אויך געבען שלום דעם רבין.
שפיגעל האט אבער נישט געוואלט פארשטיין וואס עס קומט
א בשר ודם אזא א כבוד און פארקערט ער איז געווען
שטארק אין כעס וואס מען מאכט אזא צימעס פון
א יידן. און איז טאקי נישט געגאנגען.
אין מיטן וואך האט ער געזען אזביים רבין איז
קיינער נישט דא (ער האט געוווינט פונקט אנטקעגן וואו דער
רבי איז איינגעשטאנען) האט ער זיך מיישב געווען אז ער
וועט הערייגען צום רבין און זיך אויסטענען מיט אים.

אזוי איז געווען. ער האט קיינעם נישט געטראפן ביים
רבין און דער גבאי האט אים באלד הערייגעלאזט.
ר׳ יוחנן נעמט אים אויף און שפיגל הייבט אן צו
טענען. וואס קומט אייך, רבי, אזא כבוד? פארוואס
זאלען אזוי פיל יידן קומן צו אייך – אייך געבן פדיונות
און אזוי פיל פחד פאר אייך האבען.
און אויף יעדע שאלה שאקעלט צו ר׳ יוחנן און זאגט
אים: ביסט תאקי גערעכט – אזוי איז תאקי – אבער
דו ווייסט פארוואס וויל גאט וויל אזוי – און אז ג-ט

ווייל אזוי זאג איך די אז די זאלסט תאקי מורא האבען פאר מיר.

דער שפיגעל איז שפעטער געווארען א חסיד און האט די מעשה אליין דערציילט פ. לאנדוי.

י.פ) פנחס לאנדוי

ר׳ אלעזר לעכישאווער — איינער פון די געהויבענער חסידים — האט נאך פערכאפט דעם בעש״ט און האט אויך געקענט דעם ריזשינער. ער איז געשטארבען אין עלטער פון עטליכע ניינציג יאר.

ער האט געזאגט: בשעת פון דעם בעשט איז געווען אלעס אין איינעם — דער בעשט איז געווען סיי רבי, רב און *מגיד*.

נאך זיין הסתלקות איז צערטיילט געווארען — סתם רבי איז געווארען דער קאריצער, סתם רב דער תולדות און סתם *מגיד* — דער מעזריטשער. איז געווען *ממש מחייה*.

דער נאכדעם איז געווארען סתם רבי ר׳ ברוך, סתם רב דער בערדיטשעווער און סתם *מגיד* דער קאזשיניצער — איז נאך געווען צו איבערטראגען.

אבער יעצט איז סתם רבי דער ריזשינער, סתם רב דער סאווראנער רב און סתם *מגיד* דער טשער-נאבילער — קען מען שוין גאר נישט איבערטראגען.

י.פ)          פנחס לאנדוי

ר׳ אהרן קוידאנאווער איז געווען א גרויסער וויצלער.
איינמאל איז ער געפארען אויף דעם וועג און איז דארכגעפארען
לידא – אן ארט פון אסך משכילים.
איינער פון די משכילים האט אים געפרעגט – וואס איז אזוי
מיט אייך – דאך אויך נאר א בן אדם – וואס קומט אייך
אזוי פיל כבוד.
רופט זיך צו אים אב ר׳ אהרן: יונגער מאן – דעם
חילוק צווישען מיר און דיר איז אין דריי אופנים.

1) דו זוכסט ווייבער און ווייבער זוכען מיך
2) דו גיבסט ווייבער געלד און מיר גיבען ווייבער געלט
3) דו זאגסט ווייבער צו אז זיי וועלען נישט האבען
קינדער און צו סוף האבען זיי יא, איך זאג זיי צו און זיי האבען יא

אברהם פערלאוו – א קוידאנאווער אייניקעל – ר׳ אהרן׳ס אייניקעל –
גלעבט נישט דאס ר׳ אהרן האט געזאגט אזא ״גראבען וויץ״
חאטש ער ווייסט דאס ער איז געווען א גרויסער וויצלער

י.פ) מ. איווענסקי

אברהם רייזען דער בערימטער יידישער דיכטער
איז אויך געווען א קוידאנאווער און ער האט
אמאל דער ציילט א {מופס} [מופת] פון׳ם ר׳ אהרן קוידאנאווער.

ביי ר׳ אהרן זענען שטענדיג געווען אסך יושבים און
אזוי הערום זענען געווען גרויסע הוצאות.
~~אזאר~~ אזוי ווי פרנסה איז געווען שוואך איז מען
העריינגעצויגען געווארען אין גרויסע חובות.
איינער א {בעל חוב} [מלווה] איז געווארען אזוי אויפגערעגט
אז מען האט אים נישט אבגעצאלט די חובות
דאס ער האט אויסגעשריען צום רבי׳ן –
אויב איר וועט מיר נישט געבען קיין געלד וועל איך
אייך אויס רייסען ~~דאס~~ די בארד.

האט ר׳ אהרן זיך שטארק אויפגערעגט און געענטפערט:
דער וואס וויל מיר אויסרייסען די בארד וועט אליין
די האר פון זיין בארד אויס פאלען.
און אזוי איז טאקי געווען.

(י.פ)

מ. איוועוסקי
א קוידענאווער
בעקאנטער שרייבער (צוקונפט)

דער חידושי הרי״ם האט געהאט א שכן אן עני ואביון וואס האט געהאלטען אין איין קרעכצין דעם גאנצען טאג –

דעם חידושי הרי״ם איז אויך געווען א קנאפער גביר און זיין רביצען פרעגט אים – זע דיין שכן האלט אין איין קרעכצין און פון דיר הערט מען אפילו נישט קיין קרום ווארט.

ענטפערט איר דער חידושי הרי״ם: איך האב אזא גוטען קאפ אז מיט איין קרעכץ בין איך יוצא כפי מיין שכן קרעכצט דעם גאנצין טאג

י.פ)

הרב הערשבערג
משיקאגא

ביים שטעפּענעשטער אין הויף האָט אנגעהויבען א חסיד, א יונגער מאַן זיך שטאַרק צו פאַרפרומען — שרייען ביים דאווענען, זיך שטאַרק שאָקלען — עפּעס גאָר נישט לויט דעם ריזשענער נוסח.

איינמאָל איז דער יונגער מאַן אריינגעקומען צום שטעפּענעשטער האָט ער אים געזען שטייען ביי דער {רובע} [הרובע]. אַז דער שטעפּענעשטער האָט אים דערזען — האָט ער זיך אָנגערופען:
מיר האָבען אַז פייער זאָל זיין אינעווייניג.
עס שטייט: משמיעים ביראה יחד בקול — עס דאַרף זיין דאָס דער קול זאָל נישט זיין גרעסער ווי דער קול[? יראה] — דיינע קולות זענען גרעסער ווי דיין יראה.

י.פ) באיאנער רבי

דער מלאך האט געהאט אויסער ר׳ שלום שכנא מפראהאבישט
נאך א זון ר׳ ישראל חיים.
אין דעם אור פני משה פון ר׳ משה {פרשעוורסק} [פשעווארסק]
זענען דא הסכמות פון דעם בארדיטשעווער רב און אויך
פון ר׳ ישראל חיים.
ער איז געווען ר׳ שלמה קארלינער׳ס אן איידעם.

ער האט געהאט צוויי זין
1) ר׳ אברהם שלמה
2) ר׳ ליבער

ר׳ אברהם שלמה האט געווינט אין פראסקאראוו –
זיין זון איז געווען ר׳ שלום וואס איז געווען אן איידעם
ביי ר׳ אליעזר וואלף – ר׳ מענדעלע {קאסאווער} [ קאסאווער׳ס] א תלמיד.

ר׳ שלום ~~איז געזעסען~~ האט געגעסען קעסט ביי ר׳ אליעזר
וואלף און נאך דעם הסתלקות פון דעם ~~אלטען~~
~~סאדאגערער~~ ריזשינער איז ער געפארען קיין ארץ ישראל.
ר׳ שלום האט נישט געוואלט זיין קיין רבי – האט אים
דער סאדאגארער געהייסען פארען קיין ארץ ישראל,
אן האט אים געשטיצט – געמאכט אים פאר דעם
גבאי פון דעם רוסישען כולל.
איז נפטר געווארען אין תרנ״ח

י.פ) הרב חיים אהרן גאלד
(ר׳ שלום׳ס אן אייניקעל)

~~דעיצחק~~ ר׳ יצחק סקווערער האט געהאט 4 זון

I) ר אברהם יהושע העשל
1) משה דן
2) ר׳ יוסף מאיר
3) ר׳ יעקב – ר׳ משה באישאווער׳ס איידעם - געזעסען אין באישאוו

II) ר׳ נחום סקיקיווער[?] (איינו[?] טווערסקי׳ס זיידע)

III) ר׳ ישראל רביצין געהייסען חוה גאלדע
IV) ר׳ דוד – ערשטע רביצין ר׳ משה סאווראנערס טאכטער
1) ר׳ מאטעלע סקווערער
2) ר׳ משה איידעם פון ר׳יעקב לייבנו טריסקער
3) ר׳ אהרן איידעם פון ר׳ יצחק באהושער
4) ר׳ שלמה ״ איידעם פון ר׳ לייב באגרעבער (?) ?
5) ר׳ נחום איידעם [פון] ר׳ יוסף מאיר סקווערער (זון פון ר׳ אברהם יהושע העשל)
6) טאכטער וואס איז פרי געשטארבען
(אויף איר האט ר׳ יצחק געזאגט יוסיף דעת יויסף מכאוב[)]
צווייטע רביצין – צפורה ר׳ ייבא׳ס אייניקעל
1A) ר׳ יצחק איידעם פון ר׳ שלמה שמואל מטשערנאביל
2A) ר׳ יעקב יוסף ״ ״ פנחס ראכמאנסטריווקער
3A) ר׳ יהודה לייב ״ ״ ר׳ משה קאליוועו
4A) פנחס } האבען נישט חתונה געהאט
5A) חנה סימע }

י.פ) דוד טווערסקי

ווען ר׳ יצחק׳ס סקווערער׳ס פרוי – מלכה – די טאכטער
פון דעם ריזשינער איז נפטר געווארען האט דער
ריזשינער זיך אנגערופען:
עס טוט מיר נישט אזוי באנג צוליב דער מלכה
אזוי ווי צוליב דעם מלך – דער ריזשינער האט
דעם סקווערער שטארק ליב געהאט.

י.פ) דוד טווערסקי
סקווערער אייניקעל

דער חיי אדם האט ~~געפסקנט~~ געפסקנט אז קארטאפעל זענען קיטניות.

האט דער אבטער רב באמערקט:

קארטאפעל זענען חיי אדם אבער דער חיי אדם איז קיטניות

י.פ(

ר׳ מרדכי שלמה יוסף פרידמאן
סאדאגערער רבי

די מתנגדישע רבנים אין מעזשביזש זענען געווען
די ביקס.
כאטש זיי זענען געווען מתנגדים האבען זיי געלעבט
בשלום מיט דעם אבטער רב.
עדער ר׳ זיסשע איז געווארען רבי האבען זיי נישט אזוי
געלעבט ~~שוה בשוה~~ בשלום אבער מיט ר׳ העשעלע און
מיט דעם מעזשביזשער ר׳ ישראל שלום יוסף זענען זיי
געווען זייער גוט.

י.פ) פנחס לאנדוי

דער אבטער רב האט זיך געפירט ברייט — און האט
געוווינט אין א דריי שטאקיגן בנין. דער אבטער רב
איז געזעסן אין אונטערשטען גארן — ר׳ יצחק מאיר האט געוווינט
אין דעם מיטעלסטען שטאק און זיינע קינדער אין דעם
אויבערשטען גארען.
אין דעם הויז איז אויך געווען דעם אבטער רב׳ס
שולעכעל — א קליינס — מען האט עס שפעטער גערופען
ר׳ יוסף משה׳ס שול.

~~דער זיי~~ דער מעזשביזשער רבי ר׳ ישראל שלום יוסף העשל
האט געוווינט אין דעם הויז שפעטער.
ר׳ זוסשע — ר׳ ישראל שלום יוסף׳ס ברודער — א שטומער —
האט געוווינט אין דעם שטוב פון׳ם אבטער —
עס איז נאך געווען זיין בעט, זיין טיש און זיין שטעקן.
עס איז געווען א מנהג אז א קינד איז געווארען קראנק
האט מען אים געלעגט אין דעם אבטער׳ס בעט.

דער טיש האט געהאט א ברעט אונטען אויף אנצושפארען
דעם פוס.
דאס אנשפאר ברעט איז געווען אין גאנצען אויסגעריבען
ווייל מען האט געזאגט דאס דער אבטער איז געווען
א שווערער — און האט זיך אזוי שווער אנגעשפארט דארויף

י.פ)                     פנחס לאנדוי

אהרן צייטלין אין זיין באשרייבונג אין טאג (1950) דערציילט דאס דער אבטער רב האט זיך ארם געלעבט.

פנחס לאנדוי מיינט דאס עס איז נישט ריכטיג – און טיילווייז ציט ער דאס פון דער פאלגענדער מעשה.

אז דער אבטער רב איז געקומען קיין מעזשביזש זענען געווען אסך מתנגדים. האט ער זיי געזאגט:

עץ בין א גרעסערער מיוחס ווי איר – עץ האב מער געלד ווי איר – און עץ קען איך מער לערנען פון אייך.

י.פ) פנחס לאנדוי

ר׳ יעקב׳נו ~~קארשעווער~~ — איינער פון די דריי זין פון
ר׳ אברהם יהושע {הישעל} [העשל] סקווערער — איז געווען דער איידעם [פון]
ר׳ מאטעל קארשאווער און האט געוווינט אין קארשאוו.
זיין רביצין איז געווען א גרויסע מרשעת און האט
אים געטון אין טויט אריין.
דאס איז געווען איינע פון די סיבות וואס ער איז
שטענדיג ארומגעפארען — נעביך געווען א גרויסער
נע ונד.
אין וואסיליווקע האט מען אים גערופען דעם פורים
רבי ווייל ער איז שטענדיע געווען דארט אים פורים.

זיין עניוות און פרומקייט זענען געווען א שם דבר.
מען האט דערציילט דאס אפילו בשעת ער איז געגאנגען
אין מקוה איידער ער האט זיך טובל געווען האט ער
געהאט אנגעטון די יארמולקע און נארביים טובל זיין
האט ער זי אויסגעטון

י.פ)

אברהם מאנוטא
סקווערער חסיד

ר׳ יוסף מאיר סקווערער – איינער פון די דריי זין
פון ר׳ אברהם יהושע העשל סקווערער – איז שטארק אנגענומען
געווארען פון דער חסידישער וועלט – א גרויסער
פאסטער און א געוואלדיגער עובד השם.

חסידים זאגען דאס די סיבות פון זיין האבען
אזוי פיל נשיאת חן ביי חסידים איז געווען

1) ר׳ יצחק סקווערער האט געהאט די מאדע דאס
ביי זיין טיש האט ער אויסגעזעצט לויט דען עלטער –
אבער די יונגסטער נעבען זיך – אזוי ווי ר׳ יוסף
מאיר איז געווען דער מזיניק – איז ער געזעסען ביי אים
דער נאענסטע – און ביי דעם טיש – דערציילען חסידים
האט אים ר׳יצחק סקווערער שטענדיג אריינגעקוקט אים
פנים אריין און דירעקט געציילט זיינע ווערטער.

2) פאר ר׳ יצחק׳ס סקווערער פטירה איז ר׳ יוסף
מאיר געווען דער לעצטער וואס איז אריינגעגאנגען
אין ר׳ יצחק׳ס חדר. ~~זאגט מען~~

י.פ) אברהם מאנוטא
סקווערער חסיד

דער ריזשינער האט איינמאל געפרעגט דעם פראהאבישטער רב׳ס זיידע ווען ער איז שוין געוועזן אין סאדאגארא: ווער נעמט איצט קוויטלעך ~~הין~~ אין רוסלאנד.

האט ער אים געענטפערט דעם טשערנאבילער׳ס מגיד׳ס קינדער.

האט זיך דער ריזשינער אנגערופען: ווען איך וואלט געוואוסט ווי אזוי איך פעל אויס ד יידן אין רוסלאנד וואלט איך נישט אוועגעפארען.

הרב רייטער
פראהאבישטער רב

י.פ)

ר׳ יהושעלע טאמאשאווער איז געפארען צום דינעווער – דעם בני ישׂשכר –

~~איינמאל~~ איינמאל איז ער געווען ביים דינעווער אויף שמחת תורה – אין מיטען הקפות – אין מיטן טאנץ – האט דער דינעווער ר׳ יהושעלע געגעבען א קוש – ״יונגער מאן – האט ער זיך צו אים אנגערופען – בעט פאר מיר אויס וועל איך דיך מאכען פאר א כלי!

אין דעם יאר י״ח טבת ת״ר איז דער דינעווער תאקע נסתלק געווארען.

ר׳ יהושעלע איז אויך געפארען צום מאגעליניצער – דעם קאזשיניצער׳ס {מגיד} [מגיד׳ס] אן איניקעל.
דערנאך איז ער געפארען צו ר׳ אליעזר קאזשיניצער שפעטער צום אלטען בעלצער און ער איז אויך געווען ביים דברי חיים אין סאנץ.

י.פ)

טאמאשאווער רבי
הרב מ. פרישערמאן

אז עס איס געקומען חצות האט זיך ר׳ יהושעלע טאמאשאווער אליין אויפגעוועקט.
ווי אזוי? ער האט פונ׳ם שלאף געשריען — יהושעלע שטיי ~~וואך~~ אויף!

דער דעשער שוחט — ר׳ אהרן זעליג גרין — האט געוואלט אויסגעפונען צו עס איז אמת — איז ער אויף געוועזן ביי נאכט און האט געזען דאס עס איז תאקי אמת

י.פ)

טאמאשאווער רבי
הרב מ. פרישערמאן

דער דברי יחזקאל – דער שינעווער רב – האט דערציילט
פון ר׳ יוסף טאמאשאווער אז ער האט נישט געלאזט לעגען
סם פאר די עכברים – עס זענען דאך פארט דעם רבונו
של עולם׳ס באשעפענישען.
איינמאל איז ר׳ יוסף אויפגעשטאנען אין דער פרי און
האט באמערקט דאס א ציצית פון טלית פעלט אים
און ער האט פארשטאנען דאס עכברים האבען דאס
געטון.
האט ער א בעזער זיך געטון און געזאגט – אז די
עכברים {ווערען} [וועלען] נישט מאכען א משפט צווישען זיך וועט
ער זיי מחרים פון דער וועלט ~~*מאכען*~~.
האט מען באלט געזען ווי זיי – די עכברים – קומען זיך
צוזאמען אין איינעם אן עכבר צערייסען זיי צווישען
זיך.

י.פ)

טאמאשאווער רבי
הרב מ. פרישערמאן

פון ר׳ יוסף טאמאשאווער דערציילט מען דאס פאלגענדע {מופס} [מופת].

טאמאשאוו איז געווען ביי דער גרעניץ צווישען עסטערייך און רוסלאנד – זענען דארט איינגעשטאנען קאזאקען.
איינער פון די הויכע אפיצירען האט זיך דערגלוסט צו גען אין מקוה מיט זיין פרוי און צו נעמען דארט א וואנע. – האט דער עולם און די ווייבער נישט געקענט גען אין מקוה.
האט מען דאס דערציילט ר׳ יוסף און באלד דערנאך איז דעם אפיציר׳ס יונגעל געטראפען געווארען פון א שטיין און געהרג׳ט געווארען.

דער אפיציר האט גענעמען זיינע גאנץ מיליטער און האט געוואלט אריינגען צום טאמאשאווער אנמאכען א פאגראם צוליב דעם טויט פון דעם אפיציר׳ס יונגעל.
אזוי ווי דער אפיציר איז אריין אין חדר פון ר׳ יוסף טאמאשאווער – האט ר׳ יוסף די פיר ציצית פון זיין טלית אנגענומען אין דער האנד אריין און דער קאזאך איז געבליבען שטיין ווי א פארשטיינערטער – האט זיך נישט געקענט רירען.
און דערנאך דערציילט מען נאך אז אין א שפעטערדיגע מלחמה – איז דער אפיציר צוריקגעקומען פון דער שלאכט און אויך געהרגט געווארען פון א שטיין.

י.פ) טאמאשאווער רבי
הרב מ. פרישערמאן

ר׳ יוסף טאמאשאווער דער גרינדער פון דער {טאאשאווער} [טאמאשאווער]
גזע איז געפארען ~~ל~~ קיין לובלינער און ער האט אים
געהייסען נעמען קוויטלעך און ~~צוצונעם~~ זיך באזעסען אין טאמאשאוו
ער איז געווען ביי ר׳ מענדעלע רימינעווער, ביים לובלינער און ביים אבטער רב
(פריער האט ער געווינט אין יארטשאוו) [בגליון:] ?

ער איז נפטר געווארען ר״ח ניסן תקצ״ט און ער ליגט
אין טאמאשאוו.
ער איז געווען אן איידעם פונם זשיקאווער

ער האט געהאט צווי זין
1) ר׳ יהושעלע טאמאשאווער
2) ר׳ אברהם אביש (סאדעגארער חסיד)

ר׳ יהושעלע טאמאשאווער איז נפטר געווארען י״ט תמוז תרס״ו
אין עלטער פון 82 יאר
געהאט 3 קינדער [בגליון:] ?
1) ר׳ יוסף אריה לייביש דער עלטסטער – איבעגענומען
די רביסטווע אין טאמאשאוו.
נפטר געווארען ר״ח אדר שני תרע״ו

ר׳ יהושעלע {טאמאשאווער} [טאמאשאווער׳ס] ערשטע רביצין איז געווען
ר׳ הירשעלע רימאנאווער׳ס טאכטער

זיין צווייטע רביצין ( די מוטער פון ר׳ יוסף אריה לייבוש)
איז געווען ר׳ יצחק האמבורגער׳ס אן אייניקעל

ר׳ יוסף אריה {לייבוש}[ לייבוש׳ס] רביצין איז געווען דעם קארטשינער רב׳ס טאכטער — אן ראפשיצער אייניקעל.

י.פ)

טאמאשאווער רבי
הרב מ. פרישערמאן

ר׳ חיים יידל א מלמד — א טאלנער חסיד — איז געווען
א גרויסער עני ואביון מיט 8 מעדעל וואס זענען געווארען
אלץ עלטער און מען האט זיי געדארפט חתונה מאכען און
קיין נדן איז נישט געווען.
געוועגליך אז טאלנער חסידים זענען געפארען צום רבין
נאך טאלנע האבען זיי אים אויס רחמנות מיטגענאמען,
אין זייער פור.
איינמאל אז די חסידים זענען געפארען — איז ר׳ חיים
יידעל קראנק געווארען און האט נישט געקענט מיטפארען, און
ער איז איבערגעבליבען.
האט ער געהאט איין ציג פון וואס ער האט געצויגען
חיונה — האט ער פארקויפט די ציג אויף הוצאות
און איז געפארען נאך טאלנע אויף יום טוב.

דעם צווייטען טאג ראש השנה נאך דעם עסען
געט ער אביסעל שפאצירען אין גארטען — זעט ער ווי ר׳
דוד טאלנער האט ארויסגעקוקט פון זיין פענסטער
און דערזעענדיג אים פרעגט אים דער טאלנער:
חיים יידעל וואס טראכסט דו.
ענטפערט אים חיים יידעל: איך טראכט ווי אזוי
מיינע אכט מוידען פערשאפען גוטע איידעמס.
האט אים דער טאלנער דערלאנגט אן אבגעקאכטע פלוים
און אים געזאגט: דער אייבערשטער וועט דיר שוין אי״ה
העלפען.
און ר׳ חיים יידעל האט זוכה געווען צו האבען 8
איידעמס — געלערנטע תלמידי חכמים.

י.פ)  הירש לעדערמאן

~~צום ט~~

צו ר׳ דוד טאלנער איז געקומען א משוגענער. ווען דער גבאי
האט אים געפרעגט וואס אן נאמען הערייצושרייבען אין
קוויטעל האט ער נישט געוואלט אויסזאגען זיין נאמען.

אז ער איז ~~ארייננקומען~~ אריינגעקומען צום טאלנער פרעגט
ער דעם משוגענען: ווי אזוי איז דיין נאמען – פון וואנען קומסט
דא. ענטפערט ער: איך האב א נאמען פון דער {אגדה} [הגדה]. פרעגט
ער אין דער {אגדה} [הגדה] איז דאך דא פיר (4).

ענטפערט דער משוגענער – איך בין אלע פיר.

1) די טשאדט[? שטאדט?] זאגט אז איך בין א חכם – ווייל דער
פסוק לא לחכמים לחם איז שוין מקוים געווארען.

2) א רשע אויך – לוה רשע ולא ישלם – ווי איך
ליי קען איך נישט אבגעבען.

3) איך בין א תם. ווייל מען לאסט מיך נישט זיין א
{מעוד} [מועד]. – מער ווי צוויי מאל לייט מען מיר נישט.

4) ואינו יודע לשאול איך ווייס שוין נישט ווי צו לייען.

י.פ) הירש לעדערמאן

דער ריזשינער האט זיך אמאל אנגערופען, אז פונקט ווי
א מת האט נישט קיין שום גאות בשעת ער ליגט
אויף דעם טויטען וואגען אזוי האט ער, דער ריזשינער,
~~נישט ק~~ פילט נישט קיין גאות בשעת ער פארט
אויף זיין קארעטע.

דאס האט הירש לעדערמאן אליין געהערט פון זיין שווער וואס
האט געהערט פון זיין שווער וואס איז געווען דאביי.

י.פּ)　　　　　　　　הירש לעדערמאן

עדער דער מגיד האט זיך ענטשלאסען צו פארען צום
בעש״ט האט ער זיך שטארק געקווענקעלט צו ער זאל פארען
ווייל ער האט מורא געהאט פאר ביטול תורה, אבער סוף כל סוף
איז ער יא געפארען.
אז ער איז אנגעקומען האט אים דער בעשט געפרעגט — קענסט
עפעס לערנען — ענטפערט אים דער מגיד — מען זאגט אזוי.

נעמט דער בעשט ארויס א זהר און ווייסט אים א שטיקל
און בעט אים ער זאל זאגען פשט — זאגט אים דער מגיד
פשט.
דעם בעשט האט [עס] אבער נישט געפאלען. — נישט אזוי איז
דער פשט זאגט ער. נעמט דער מגיד און פרואווט
אויף אן אנדערען וועג.
ניין — נישט אזוי לערנט מען זהר. שטעל דיך
אויף וועל איר דיך לערנען פשט.
האט ~~איז~~ זיך דער מגיד ~~אויף~~ אויפגעשטאנען, און אז דער בעשט האט
אנגעהויבען צו זאגען פשט אין דעם שטיקעל זהר איז
אראפ אן {אש לוהבת} [אש להבה? שלהבת?] אז דער מגיד איז געווארען אדערציטערטער
פון פחד.
האט זיך דער בעשט ~~דיך~~ אנגערופען: דער פשט איז
תאקי אזוי ווי די האסט געזאגט אבער דער רוח און
די נשמה זענען אזוי ווי איך לערן — אזוי קומען אלע נעמען פון
די מלאכים צום אויסדרוק — און עס ברענט א פייער
פון׳ם הימעל.
אז דער מגיד האט דאס דערזען — האט ער שוין נישט חרטה געהאט
וואס ער איז געקומען צום בעשט און איז שוין דארט פארבליבען.

י.פ.

(חיים אהרן)
הרב גאלד
(מלאך׳ס אן אייניקעל)

ר׳ רפאל בערשעטער — א תלמיד פון ר׳ פנחס קאריצער —
איז געווען זיין גאנצער {עובדא} [עבודה] אויף זיך אויסצוארבעטען
דעם אמת.

איינמאל אין מיטן ווינטער — אין א גרויסען פראסט —
האט אנגעקלאפט ביי אים אין טיר א ייד בעטען א בקשה.
פרעגט ~~אים~~ ר׳ רפאל ווער איז ביי דער טיר — ענטפערט
דער ייד: איך וועלוועל!

זאגט אים אב ר׳ רפאל: אויב דו ביסט נאך
ביי דיר אן ״איך״ קענסט דו צו מיר נישט
אריינקומען אין שטוב אריין.

י.פ)

הירש לעדערמאן
באיאנער חסיד

דער רב און דער ווילנער גאון האבען געלערנט צוזאמען. [בגליון:] ?
האבען זיי זיך צורעדט איינמאל דאס עס איז דא עפעס
א "בערעלע" א מגיד אין מעזריטש — וואס ער שמ'ט ער קען
לערנען — און עס פארען צו אים אסך יידען. האבען זיי
באשלאסען צו אים צו פארען און אים צו פארהערענ צו ער
קען לערנען.
אז דער ~~מגיד~~ רב איז אנגעקומען צום מגיד איז דער מגיד
אליין צוגעקומען צו דער טיר און אים געביטען שלום עליכם,
און געהייסען אים זעצען.
האט אים דער רב פארהערט פון דעם באוואוסטען תוספות
אין ביצה וואס האט 6 קושיות און 6 תירוצים.
איז פונקט דעמולט הערייין דער מלאך וואס איז געווען צו
יענער צייט 5 יאר אלט. זאגט דער מגיד צום רב —
וואס דארפסט מיך פארהערען — שטייט דא ר' אברהם'לע — פארהער
אים!
האט תאקי דער מלאך פארענטפעט די 6 קושיות. דער
{מגיד} [רב] האט זיך גאר נישט געקענט אויסרעדען[?] פון וואונדער.
וואונדערט זיך נישט — רב — זאגט אים דער מגיד — ביי
אונדז אז מיר ווייסען עפעס א זאך נישט — קומט צו
געגן אביי און רבא אליין און זאגט אונדז אן ווי אזוי
צו זאגען

י.פ) הירש לעדערמאן
באיאנער חסיד

אז דער ריזשינער און ר׳ אהרן קארלינער זענען געווען
צו זאמען האבען זיי זיך איינער דעם אנדערען געוואונשען
דאס זיי זאלען זיין ערליכע יידען און קענען פועל ישועות
זיין פאר דעם כלל ישראל.
א צייט שפעטער איז א ריזשינער חסיד דארכגעפארען
קארלין אין מיטן וואך – האט ער געשריבען א קוויטעל און
זיך געפראוועט ביי ר׳ אהרן.
האט ר׳ אהרן געפרעגט – שבת וועט {איך} [איר] אויך האלטען
דא. האט אים דער חסיד געענטפערט – ניין איך פאר
צו מיין רבי׳ן אויף שבת.
נאך דעם געזעגענען האט אים ר׳ אהרן אנגעזאגט
דאס ער זאל דעם ריזשענער לאזען גריסען און אים זאגען
דאס ער ~~איס מר~~ ר׳ אהרן איז א גרעסערער רבי ווי דער
ריזשינער. זיין ברכה דאס דער ריזשינער זאל זיין אן ערליכער
ייד און א פועל ישועות איז מקוים געווארען און דעם ריזשינער׳ס
ברכה דערווייל נאך נישט.

מען זאגט די מעשה אויך נאך פון דעם סאדיגארער
און ר׳ אהרן טשערנאבילער. (באיאנער רבי)

י.פ) הירש לעדערמאן
באיאנער חסיד

די באציאונג צווישען חסידים און מתנגדים אין לידא קענען
כאראקטעריזירט ווערען פון דער מעשה.

אין תרצ״א איז לידא אבגעברענט געווארען.
דאס חסידישע שטיבעל איז אויך אין פלאמן אויפגעגאנגען.
דאס איינציגע שטיבל וואס איז איבערגעבליבען איז געווען
א שניידעריש שול, און די חסידים האבען אויך נעביך
געדארפט דאווענען דארט.
סוכות האט געדאוונעט פאר דעם עמוד א חסיד
א חיוב און ביי קדיש האט ער געזאגט: ויצמח פורקניה.
איז אויפגעשפרינגען א שניידערישער {מתנגיד} [מתנגד] מיט
גרויס כעס!
בלוט וועט זיך גיסען — האט ער געשריען —
אבער אין א מקום קדוש וואט מען נישט זאגען
קיין ויצמח פורקניה.

י.פ)    מ. איוועןנסקי

ווען דער נישט לאנג נפטר געווארענע ליובאוויטשער רבי איז געווען אין ווין האט ער געפירט י״ט כסלו א טיש.

ביי דער געלעגענהייט האט ער דערציילט די פאלגענדע
מעשה פון זיין זיידען דעם צמח צדק.
אנגעהויבען דען שמוס האט ער אנגעהויבען אזוי:

אז מען זאגט מוסר א יידן דארף מען ~~גייט~~ געען
מיט דעם גאנצען אמת – און מען טור נישט צוגען דאמיט
מיט קונסטען – דירעקט – הארב – נאר דעם גאנצען אמת.

דער צמח צדק איז געווען אמאל אין פאריז – איז ער
צו געפארען צום שענסטען האטעל – און גענומען א שענעם
צימער. ביי נאכט איז ער ארונטערגעגאנגען אים גרויסען זאל
ווי מען האט געגעסען – געטאנצט און ווי עס איז געווען גאר
לעבעדיג.

האט זיך דער צמח צדק צוגעזעצט צו א טיש
ווי א ייד איז געזעסען און געטרונקען יין נסך. רופט זיך אָן
דער צמח צדק צו דער יידן – איר ווייסט דאס מען
טור נישט טרונקען קיין יין נסך. דער ייד האט זיך נישט
קיין עסק געמאכט און האט ווייטער געטרונקען. רופט זיך
צו אים דער צמח צדק נאכאמול – איר ווייסט דאס
יין נסך איז מטמא דעם נפש. – אין מיט דעם האט זיך
אויפגעהויבען און ארויף צו זיך אין שטוב – איבערלאזענדיג
דעם יידן.

דעם יידן איז אבער די זאך הערייין אין קאפ –
ווער איז דער ייד פארט – מיט אזא הדרת פנים
וואס זיצט אין פאריז און א באל צימער און זאגט אים

מוסר. האט ער זיך נאכגעפרעגט אויף אים און האט זיך דערוואוסט וואו זיין צימער איז. איז ער ארויפגעגאנגען צו אים און האט פארבראכט אפשר א פאר שעה איינגעשפארט אים צימער — און ארויס א נייער מענש.

האט דער ליובאוויטשער אויסגעפירט די מעשה: איך וויל אייך נישט זאגען ווער דער ייד איז געווען — ווייל זיינע אייניקעלעך זענען פון די שענסטע ליובאוויטשער חסידים.

י.פ) יעקב טייטעלבוים

ר׳ הירשעלע טשארטקאווער האט אחוץ דעם הפלאה און ר׳ שמעלקע געהאט נאך א זון – א קינד וואס חאטש ער איז נאך געווען 10 יאר אלט איז שוין געווען אן עילוי און א גרויסער בן-תורה.

איין פרייטאג בא טאג האט אים ר׳ הירשעלע מיטגענומען אין מקוה – אז ער איז צוריקגעקומען האט ער געפרעגט זיין רביצין: דער בית דין של מעלה דארף אים האבען (מיינענדיג זיין זון) אויב דו ביזט מסכים בין איך אויך מסכים.

~~דען~~ דערנאך האט ער געמאכט א בעט פאר דעם קינד {אן} [און] דאס קינד איז נפטר געווארען.

אויף דעם טשארטקאווער בית עולם {שטען} [שטייט] א מצבה וואס אויף אים איז אויסגעקריצט:

תינוק בן עשר שנים מת בנשיקה.

י.פ) יעקב טייטעלבוים

דער חפץ חיים האט געזאגט אז זיין זון (א יונגער מאן – א גרויסער עלוי – וואס מען זאגט אז אסך סעיפים פון דער משנה ברורה זענען געשריבען געווארען פון אים) ~~איך~~ איז נפטר געווארען:

איך האב מיין זון שטארק ליב געהאט און ער האט ~~געהאט~~ דארנעמען א גרויסען פלאץ ביי מיר אין הארצען. יעצט ~~אזי~~ אז דער פלאץ איז ליידער פריי געווארען – גיב איך אים איבער מיט מיין גאנצע ליבשאפט צום רבונו של עולם.

י.פ) יעקב טייטעלבוים

דער אפטער רב האט געזאגט אמאל תורה און ר׳ יצחק מאיר זיין זון איז געווען דאביי און האט זיך {צוגעהרעט} [צוגעהערט].

האט ער זיך דערמאנט דאס ער געדענקט דאס ער האט די תורה געזען אין א ספר. אז דער אבטער רב איז ארויסגעגאנגען פון׳ם שטוב האט ר׳ יצחק מאיר געקוקט אין דעם ספר און האט באמערקט דאס דעם פאטער׳ס תורה שטעט מילה במילה אין דעם ספר.

האט ר׳ יצחק מאיר גענעמען דאס ספר, אנגעבויגען די זייט וואו ער האט געפונען די תורה און עס אוועגגעלעגט אויף דעם טיש.

אז דער אבטער רב איז צוריקגעקומען האט ער געזען דאס ספר מיט דער איינגעבויגענער זייט און ער האט פארשטאנען וואס זיין זון מיינט, און אז ר׳ יצחק מאיר אליין האט די תורה דערקענט.

האט ער זיך אנגערופען צו ר׳ יצחק מאיר: גלויב מיר אז איך האב געזאגט די תורה האב איך געפילט דאס די תורה שטעט שוין ערגעץ. פארוואס? געווענליך אז איך זאג תורה שפיר איך חבלי לידה — ביי דער תורה אבער האב איך נישט געפילט די חבלה לידה..

אבער גלויב מיר מיין קינד — די תורה האב איך פריער נישט געזען..

י.פ)　　　　יעקב טייטעלבוים

אז מען האט דעם ריזשינער פרייגעשפראכען פון דער קלאגע ווענגען ~~דער~~ די מוסרים האט דער ~~קאב~~ גובערנאטאר נאכ אלס געטענעט דאס אזוי ווי דער ריזשינער איז אזוי אנגעזען און ער האט מורא דאס מען וועט אים מאכען מלך ~~בישראל~~ פון ישראל – דארף מען אים אוועגשיקען קיין סיביר און אים נישט לאזען מיטנעמען מער ווי 10 יידן פאר א מנין.

נאך עדער דער אוקאז פון דעם גובערנאטאר איז פארשפרייט געווארען – איז דער ריזשינער – באלד נאך זיין ווערען באפרייט פון דעם געפענגעניש – געזעסען ביי א טיש. האט ער געהייסען דעם גבאי שטעלען וויין פאר איינעם און האט אנגעגעבען א נאמען. דער גבאי – דער-קענענדיג דאס דער ייד לעבט שוין נישט האט אבער נישט אויסגערופען דעם נאמען. זאגט דער ריזשינער נאכאמאל – נו שטעל וויין! רופט זיך דער גבאי אן צום ריזשינער – שטייטש – רבי דער ייד לעבט דאך שוין נישט. ענטפערט אים דער ריזשינער: וואס מיינסטו איך ווייס נישט ~~און האט דערציילט די מעשה:~~ אבער זעט ווי אן אמת׳ער חסיד – אפילו אויף יענעם עולם שטעלט זיך איין דאס לעבען פאר זיין רבי׳ן – און דערציילט די מעשה:

אז מען איז געווארע געווארען פון דעם אוקאז פון דעם גובערנאטאר האט מען אויסגערופען דאס דער וואס וועט ענטפלעקען דעם אוקאז פאר דעם ריזשינער וועט שוין פארלירען זיין חלק אין גן עדן. האט זיך א חסיד אנגערופען – אז עס איז אים כדאי ער ~~זאל~~ זאל פטר׳ן דעם גן עדן אבי ער זאל ראטעווען דעם ריזשינער. איז ער געקומען צום ריזשינער און האט אים דערציילט די גאנצע געפאר וואס אים דראהט.

האט אים דער ריזשינער געענטפערט: חאטש דער בית דין של מעלה האט אזוי געפסק׳נט – בין איך אבער נישט מסכים – איך באשטיי נישט דאס מען זאל מיך אוועגשיקען קיין סיביר – איך וויל נישט אזוי ווי זיי ווילען.

האט דער ריזשינער אויסגעלאסט – אט דער ייד איז ערשט געוועזן ביי מיר – דאפאר שטעל איך ווין פאר אים.

י.פ) ירמי׳ כץ
באיאנער חסיד

די יידינע וואס האט געמסרט דעם ריזשינער האט געהייסען
קישנע. אז מען האט אים ארעסטירט האט זי אים געגעבען
א קלאפ אין דער פלייצע — און האט זיך אנגערופען:
ביסט דאך אן ערליך קינד — דאס דו ~~הסט~~ האסט געהייסען
די מוסרים ~~הערייניגים~~ {הערייניוואפען} [הערייניווארפען]  אין טייך אריין.

דער געבערנאטאר האט אים געזאגט אויף רוסיש:
ווידנע פאגלאזארע טשארטע ראבויניק — וואס הייסט:
מען דערקענט אין דיינע אויגען דאס די האסט די מוסרים
געהייסען הרג׳ענען.

י.פ)

ירמי׳ כץ
באיאנער חסיד

ר׳ חיים טשערנאוויצער האט געהאט א זייער א שלעכטן זון וואס איז הערויס {לתרבית} [לתרבות] רעה..

יום כפור ביי נאכט האט ער אים מיט זיך גענומען אין שוהל און געזאגט אז אויב עמעצער וועט זאגען אויף אים א שלעכט ווארט ווערד ער אים הערויזזעצען די ציין.

און דערנאך האט ער געבעטען: רבונו של עולם – על אחת כמה וכמה – דיינע קינדער בני בכורי – עמך ישראל דארפסט דו טוען דאס זעלבער אויב מען רעדט אויף זיי א שלעכט ווארט.

י.פ) קינעווער רבי

I

יחוס פון דעם קינעווער רבי[6]

דער איצטיגער קינעווער רבי ר׳ אברהם איז דער זון פון ר׳ יעקב יוסף וואס האט זיך צו ערשט באזעצט אין קינעווע און אזוי מיסד געווען די קינעווער – אוסטראה׳ער גזע.

~~מען האט~~ ר׳ יעקב יוסף האט געפירט רביסטווע פון ווען ער איז געווארען 30 יאר אלט. ער איז נתגדל געווארעןביים אלטען סקווערער – ר׳ יצחק.

ר׳ יעקב יוסף׳ס רביצין האט געהייסען שרה סאסיע און איז געווען די טאכטער פון א גביר ר׳ הירש לייב שפירא – א שיינער בכבוד׳יגער ייד צו וועמען זיי דער ריזשינער און דער טשערנאבילער האבען געשריבען שיינע בריף. זי איז נפטר געווארען מ״ח ספירה און איז אלט געווען 48 יאר אלט. מען האט אויף ~~איר~~ איר געזאגט 48 שבחים. מען האט זי גערופען די מוטער שרה – פאר אזא צדקת האט מען זי געהאלטען.

דער סקווערער האט געזאגט אויף ר׳ יעקב יוסף – גיט א קוק – חסידים – ווי א קינד וואקסט אן א טאטען.

ווען ער איז געווען 30 יאר אלט איז געקומען אן עדה יידן פון קינעווע און האבען אים געבעטען ער זאל זיך באזעצען ~~אין~~ ביי זיי אין שטאדט.

מען האט אפילו געזאגט דאס קינעווע איז זיך מתיחס מיט דעם רבין און דער רבי איז זיך מתיחס אין

[6] זע: https://www.ivelt.com/forum/viewtopic.php?t=3927&sid=34cf8b724d49fcefe69cc30daf0fd0ec

אוסטראה פון וואנעט ער שטאמט.

ר׳ יעקב יוסף איז נפטר געווארען אין ווארשא אין אן עלטער פון 72 יאר — ח״י שבט תרפ״ב.

דער קינעווער זאגט דאס ~~דער~~ זיין טאטע ר׳ יעקב יוסף האט געהאט כמעט אלע חסידים יראים ושלמים, בעלי מדות, תלמידי חכמים. ר׳ יעקב יוסף האט שטארק געארבעט בעולם התאחדות און האט נאר געוואלט דאס צווישען זיינע חסידים זאל זיין אחדות — נישט מאכען קיין שום חלוק צווישען גבירים און קבצנים.

ר׳ אלטער — דער קאנסטאנטינער רב — א גאון עולם — איז געווען צווישען זיינע חסידים.

ר׳ יעקב יוסף האט געהאט א ברודער ר׳ יצחק אייזיק, וואס איז געווען רבי אין אוסטראה. ער איז געווען 47 בשעת ער איז נפטר געווארען. זיינע קינדער זענען געווען בעלי בתים.

---

דעם קינעווער׳ס זיידע ר׳ אברהם איז געווען רבי אין אוסטראה ער איז נפטר געווארען שמחת תורה תרכ״ו, אין אן עלטער פון 47 יאר. {על} [ער] ליגט אין אוסטראה

זיין רביצין אדעל איז געווען ר׳ אייזיק׳ס טאכטער. ר׳ אייזאק איז געווען ר׳ נחמן בראסלאווער׳ס איידעם.

II

דעם קינעווער׳ס יחוס.

ר׳ אברהם האט געהאט א יונגערען ברודער ר׳ געצעל. ער איז צוזאמען מיט זיין ברודער געווען רבי אין אוסטראה. ער איז נפטר געווארען כ״א טבת תרל״ז. [בגליון בצד: אדער תרל״ג]

ער האט איבעגעלאסט א בן יחיד ~~ר׳ אל~~ ר׳ מרדכי – וואס מען האט אים גערופען ר׳ ״אלטערוני״ וואס אז ר׳ געצעל איז נפטר געווארען איז ער געווארען רבי במקומו אין אוסטראה.

ר׳ מרדכי האט געהאט צוויי זון ר׳ יעקב יוסף און ר׳ וועלוועל.ביידע זענען נהרג על קדוש השם בשעת היטלער. א בת יחידה הינדע פערל האט חתונה געהאט נאך ברעזנא איר זון איז אהרן פעטשעניק.

---

דער פאטער פון ר׳ יעקב יוסף[? ר׳ אברהם?] און ר׳ געצעל איז געווען ר׳ יעקב יוסף דער באגרינדער פון דער אוסטראה׳ער רבישע גזע. ער איז געווען א תלמיד מובהק פון ר׳ ברוך מעזשביזשער. ער איז געווען דער ערשטער רבי אין אוסטראה.

ר׳ יעקב יוסף האט געהאט א ברודער ר׳ משה וואס איז געווען רבי אין ראזיטשאוו. ער האט געהאט א בן יחיד ר׳ יעקב יוסף. ר׳ יעקב יוסף האט געהאט צוויי זין – איינער ר׳ אברהם איז געבליבען רבי אין ראזיטשאוו און דער צווייטער

ר׳ געצעל האט זיך הערויסגעקליבען אין א קליין שטעדטעל קוזין. ער האט אנגעשריבען א ספר ״אמרי אמת״. ער איז נפטר געווארען ~~אין~~ביים צווייטן סדר ____?

ר׳ משה איז געוועזן א תלמיד פון דעם שפאליער זיידע.

---

ר׳ משה׳ס און ר׳ יעקב׳ס פאטער איז געוועזן דער יונגסטער זון פון ר׳ ייבי ר׳ פנחס. די אנדערע זין פון ר׳ ייבי זענען געוועזן ~~ר׳ ל~~ ר׳ געצעל – דער עלטעסטער – און ר׳ לייב.

ר׳ פנחס איז נפטר געווארען צו 33 יאר אלט.
ר׳ געצעל איז געווארען מגיד אין אוסטרא׳ה
ר׳ לייב איז געוועזן א גביר און איז ~~געזעצ~~ געזעסען אין בארדיטשעוו.

י.פ)    קינעווער רבי

ר׳ יעקב יוסף מאוסטראה האט אמאל געזאגט: וואס איז דער חלוק
צווישען מיר אין דעם רבין ____
[בגליון: דער קינעווער
ווייסט ווער
ער איז אבער האט נישט
געוואלט דערציילען]
יענער רבי צערברעכט זיינע חסידים אבער פון דעסט וועגען
זענען זיי אלע שטארק ביי זיך.
איך בין מחזק מיינע חסידים און דאפאר זענען
זיי ביי זיך צערבראכען.

י.פ)     קינעווער רבי

ר׳ חיים בער זיין שווער האט געוויזען חסידים ווי אזוי ר׳ יעקב יוסף שלאפט. ער איז קיינמאל נישט געשלאפען ~~מיט~~ אויף דער לענג פון דעם בעט, נאר שטענדיג אויף דער ברייט.
די פיס האט ער געהאלטען געווייקט אין א קעסעל קאלט וואסער.
דאקטוירים האבען נישט פארשטאנען ווי ער קען עס אויסהאלטען.

י.פ) קינעווער רבי

ר׳ יעקב יוסף׳ס (אוסטראהער) דרך איז געווען מעלה צו זיין
די קלענסטע מדרגה פון א יידן און צו דערהויבען זי.

ער האט זיך אמאל אנגערופען:
אז א ייד פארווארפט דעם {טליס} [טלית] אויף די אקסעלן
און פארשפרייט די פעדעם פון די ציצית איז ער גלייך צו
דעם קלעזמער ווען ער העבט אן צו שפילען. דער קלעזמער
פרוווט די ~~שט~~ סטרונעס פון דער פידעל עדער ער העבט אן
צו שפילען די מוזיק — און אז ער טוט דאס פאנגט שוין
אן דער עולם צו שרייען: אָט, אָט העבט מען שוין
אן צו שפילן.

דארף מען זיך בארעכענען:
די סטרונעס פון א פידעל זענען די אדערן פון אן אקס און
the bow of the violin _________ איז געמאכט געווארען פון דעם
וועדעל פון א פערד. אבער אז מען רייבט איינער אין דער
אנדערער ווערד א שמחה אז אפילו קיסרים העבען אן
צו טאנצען.

על אחת וכמה אז א ייד העבט אן צו דערלעגען דעם
טליס און די פעדעם פון די ציצית וואס זענען געגליכען צו
די סטרונעס פון א פידעל — {וועד} [ווערד/ווערט] א געלויפעריי און געשריי אים
הימעל פון די שרפים און חיות הקודש און זיי שרייען:
זעט, זעט! אט, אט וועט א ייד זאגען א ברכה להתעטף
בציצית

י.פ) קינעווער רבי

ר׳ יעקב יוסף דער ערשטער אוסטראה׳ער רבי איז געווען אן איידעם ר׳ חיים בער׳ס פון סאטינאוו – א גביר און א חסיד פון ר׳ ברוך {מערזשביזשער} [מעשביזשער].

ווי ער איז געווארען אן איידעם ר׳ חיים בער׳ס {דעציילט} [דערציילט] מען אזא מעשה.

איינמאל איז ר׳ חיים בער געפארען אין א יאריד מיט אסך סחורה. אבער עס איז אים זייער שלעכט געגאנגען די מסחרים אין האט אסך געלט אנגעווירען.

רופט ער זיך אן: רבונו של עולם! דו האפסט (מיין געלד) איך וויל אויך האפען (מצוות)

האט זיך געמאכט דאס א {פרץ} [פריץ] האט אנגעזעצט און מען האט געמאכט אן אויס פערקויף פון זיין פערמעגען. האט מען אויך געשטייגערט א טייערען זילבערען הענגלייכטער פאר 72 לעכט. און ר׳ חיים בער האט געקויפט דעם הענגלייכטער פאר ר׳ ברוך מעזשביזשער פאר א מתנה.

ווען ר׳ חיים בער איז געקומען קיין מעזשביזש איז ר׳ ברוך געווען אין מקוה. איז ר׳ חיים בער אריין אין שטוב – הערויס-געווארפען דעם אלטען הענגלייכטער און אויפגעהאנגען דעם נייעם זילבערען, און האט געקויפט די שנסטער לעכט און אנגעצינדען.

אז ר׳ ברוך איז אהיימגעקומען פון דער מקוה און האט דערזען דעם נייעם הענגלייכטער האט ער געזאגט: דאס האט מיר אוודאי אבגעטון ר׳ חיים בער.

ער האט אים געלאסט רופען און אים געזאגט: דאפאר ווייל די האסט מיר פארלייכט די אויגען זאל די דער אייבערשטער אויך פארלייכטען די יארען מיט אן איידעם וואס וועט פארלייכטען די וועלט.

י.פ) קינעווער רבי

ר׳ דוד משה דעם טשארטקאווער האט מען דערציילט גרויסע {מופסים} [מופתים] פון׳ם לובלינער.

האט ער זיך אנגערופען:
דאס איז נישט דער עיקר — די גרעסטע מדרגה זיינע
איז געווען זיין יראת שמים

י.פ) סאנצער רבי

א זון פון דעם ~~באבע~~ סאנצער ר׳ שלמה      דער זיידע
פון דעם באבאווער רבין – איז פלוצלינג פרייטאג צו נאכט
געפערליך שלאף געווארען – און מען האט באלד געזען דאס
עס האלט שמאָל. ער איז נאך געוועזן א גאר א יונגער מאן – איז
דער פחד און דער שמערץ געוועזן א דאפעלטער. עס איז געווארען
א געוויין א {ילילא} [יללא] אבער אויף ~~דעם~~ דעם סאנצער האט מען נישט געזען
קיין שום שינוי – מען האט {געוואט} [געוואלט] צו גייען צו אים ער זאל בעטען
~~רחמים~~ רחמים אבער ער האט געענטפערט: הייינט איז שבת!

שלש סעודות האט ער געמאכט א ביסעל קערצער – הבדלה געמאכט
און דער עולם האט שוין מיט אומגעדולד געווארט ער זאל
הערייננגייען צום זון וואס ליגט אויף דעם טויטענבעט. ער האט זיך
אבער נישט געאיילט – פארעכערט זיין לולקע און עס איז געווארען
אזא רויך אין שטוב אז עס איז געפאלען א פחד אויף
יעדעם.

דערנאך איז ער הערייין אים חדר ווי ר׳      איז געלעגען.
ער איז געשטאנען עטלעכע מינוט – געגאסען מיט טרערען און האט
זיך אנגערופען:

זאלסט נישט מורא האבען – אז דו וועסט קומען אויף דעם
עולם העליון וועלען מיינע חברים און הייליגע רבים די שוין
ביישטייען – עס וועט דיר גאר נישט פעלען.

י.פ)      יעקב פלאנצגראבען
(פלאנשעווער חסיד)

ר׳ שמואל ענגעל ווען ער פלעגט צו זיין אין סאנצ האט ער געלענט
מיט דעם באדיעווער רב – דעם גארליצער׳ס רב׳ס זון – א גרויסער
גדול –

איינמאל דערציילט ר׳ שמואל ענגעל איז ער שפעט אין דער נאכט געשמוסט אין לערנען מיט דעם בארדיעווער. דער סאנצער רב איז געזעסען ביי זיך אין שטוב און האט זיך ווייסט אויס צוגעהערט צו זייער שמוס. האט ער זיך פלוצלינג אנגערופען: ~~וואס~~ וועגן וואס שמוסט איר – און אז זיי האבען אים דערציילט האט ר׳ ענגעל געפילט ביי זיך אזא נייעם כח אין לערנען דאס ער איז ממש געווארען א נייער מענש.

י.פ)

יעקב פלאנצגראבען
א תלמיד פון ר׳ שמואל ענגעל
(פלאנשעווער חסיד)

(די מעשה האט דערציילט ר׳ שמואל ענגעל צו ר׳ יעקב פלאנצגראבען)

ר׳ שמואל ענגעל דער {דאדימישלער} {ראדימישלער} רב (א נאענטער קרוב פון ר׳ יוסף ענגעל) איז יונג געווארען א יתום. זיין מוטער איז געווען אן ארעמע אלמנה.

דאס יינגעל האט געוויזען געוואלדיגע אייגענשאפטען אבער איז געווען זייער ווילד. אמאל האט ער געקענט אויף-זיין גאנצע נעכט און לערנען בהתמדה און אן אנדער מאל איז פאר-בייגעגאנגען גאנצער טעג און האט נישט אנגעקוקט קיין צורת אלף.

איז די מוטער געפארען צום סאנצער רב – דעם דברי חיים, און האט אים מיטגענומען. זי האט זיך שטארק צערוויינט ביים סאנצער און האט זיך באקלאגט דאס זי האט א זייער א טייער יינגעל מיט גרויסע כשרונות – אבער איז שטארק ווילד.

האט אים דער סאנצער רב צוגערופען און האט אים געזאגט:
הער דיך צו קינד – זאלסט פאלגען דער מאמע דיינער – און אויב די וועסט פאלגען די מאמא וועסט דו אויפוואקסן א ~~מלאך~~ מלך בישראל.
און האט אים אנגעזאגט די ווייטערדיגע זאכען
1) זאלסט נישט לערנען שרייבען ביס צו 13 יאר
2) זאלס שטענדיג דאווענען אין א סידור
3) זאלס הארען דער מוטער.

ר׳ שמואל ענגעל ווען ער האט דערציילט די מעשה האט זיך אנגערופען: איך האב דען סאנצער געהארכט [?\געפארכט?] און קיינמאל נישט חרטה געהאט

י.פ) יעקב פלאנצגראבען
א תלמיד פון ר׳ שמואל ענגעל

אז דעם סאנצער רב׳ס רביצין די מוטער פון דעם טשעכויעווער איז געשטארבען האט ער זיך אנגערופען צום זון – דעם טשעכויעווערו:
איך בין דיך מקנא וואס ד קענסט זאגען : יתגדל.
ויתקדש שמה רבא !

י.פ) יעקב פלאנצגראבען

איינמאל האט זיך דער סאנצער דער דברי חיים אוועגגעשטעלט פאר נאכט לערנען — ער איז געשטאנען ביי אן שטענדער איין פוס אויף דער ערד און דער אנדערער — דער קראנקער פוס אויף דעם שטענדער.

אזוי איז ער געשטאנען ביז אין דער פרי און זיך נישט א ריר געטון.

אז מען איז געקומען אין דער פרי דאוועגען האט ער זיך אויפגעכאפט פונ׳ם לערנען און ז זיך אנגערופען: וואס, וואס? אז עס האט זיך מיר געדאכט אז אפילו א שעה איז נאך נישט פארביי וואס האב מיך געשטעלט לערנען

י.פ) יעקב פלאנצגראבען

דער סאנצער רב האט כל ימיו געליטען אויף א פוס. מען דערציילט דאס אז ער איז געווען א יינגעל האט ער אמאל נישט געוואלט גייען אין חדר האט אים א בעלפער דערלאנגט א קלאפ מיט א שטעקן אין פוס און פון דעמאלט אן האט ער געליטען דארויף. ער האט געבלוטען פון דער וואונדע און איז שטענדיג ~~געטראגען~~ געווען באנדארשירט.

אבער אז ער האט געדארפט גייען אין מקוה האט ער נישט געקוקט דארויף און האט הערַאבגעריסען דעם באדאזש.

יעקב פלאנצגראבען　　　　י.פ)

ר׳ ברוך מעזשביזשער האט געהאלטען אז מען טור זיך נישט באנוצען מיט דעם רבונו של עולם׳ס באשעפענישען און דאפאר האט ער נישט גענוצט קיין האלץ אויף ~~צו~~ איינצוהייצען פאר זיינעטוועגען.

איינמאל איז געווען אזא פראסט דאס די פענסטער זענען פארפרוירען געווארען און אויף די פענסטער זענען געוואקסען בוימער.

האט ער זיך אנגערופען דעמולט: רבונו של עולם אז איך זע פארט דאס די בוימער שטופען זיך צו הערען מיין לערנען איז א סימן דאס זיי ווילען אז מען זאל זיי באנוצען — נו נעמט טאקי העריין האלץ אויף אנצוהייסען דעם אויוועך

י.פ) הרב תאומים

~~דער באיאנער רב (מטשערנאווי~~

ר׳ נחום׳נו דער באיאנער רבי (מטשערנאוויטץ) האט אמאל דערציילט:
דער ריזשינער האט געפרעגט א חסיד: וואס איז דער
טייטש פון משיב <u>הרוח ומוריד הגשם</u>. האט
דער חסיד נישט געוואוסט טייטש.

האט דער ריזשינער זיך אנגערופען: משיב איז פון
דעם פשט דערהויבען פון דעם פסוק "מושיב יחידים
ביתה". תהילים ס"ח,ז

משיב הרוח — ווען קען מען דערהויבען ווערען רוחנית׳דיג — דעמולט
אז מוריד הגשם — אז מען מאכט דעם גשמיתדיגקיי[ט]
נידריג.

הרב תאומים האט דאס געהערט פון דעם באיאנער

י.פ) הרב תאומים

ר׳ חיים סאנצער מחכמי בראד האט איינמאל סוכות ביי נאכט בשעת ער איז געזעסען אליין אין סוכה מיט זיינעם א זון — געערעדט אויף דעם בעשט — אזש אסור לדבר! דערנאך זענען זיי גע-גאנגען שלאפען. גאר אין דער פרי האט ער זיך אויפ-געהויבען אין געגאנגען אין מקוה. אויף דעם וועג טרעפט ער דעם בעשט.

פרעגט אים דעם בעשט: שטייטש! מען זיצט מיט די הייליגע אושפיזין אין סוכה און מען רעדט אזוי לשון הרע.

האט זיך ר׳ חיים געוואונדעט. ווי אזוי ווייס דער בעשט פון דער גאנצער מעשה. קיינער איז דאך נישט געזעסען מיט זיי אין סוכה און ער ווייס דאס זיין זון שלאפט נאך. פרעגט ער אים: ווער האט אייך דאס דערציילט?

ענטפערט אים דער בעש״ט דאס א מלאך האט אים דאס דערציילט. פרגט אים ר׳ חיים סאנצער ווייטער: ווי מעג דען א מלאך דערציילען לשון הרע.

זאגט אים דער בעשט: יא! אז מען טוט גוטס ווערד באשאפען א גוטער מלאך און ער טוט אוודאי ~~נאך~~ נאר גוטס און אזא מלאך וועט נישט דערציילען לשון הרע.

אויב מען טוט אבער שלעכטס — ווערד געבוירען א שלעכטער מלאך און ער האט מיר שוין יא אבגעטראגען דעם לשון הרע

י.פ) הרב תאומים
~~דוד געלבטוך~~
~~קאפיטשיניצער חסיד~~

ר׳ מעכעלע זלאטשאווער האט גענעמען א גביר פאר איין איידעם. נאך דער חתונה האט ר׳ מעכעלע אויסגענומען ביים שווער דאס ער זאל אים אבגעבען א חדר מיוחד וואו ער וועט זיין דעם גאנצען

טאג – אז שום אדם זאל נישט קענען צו אים אריין – דאס עסען
האט מען געדארפט הערייןברענגען דארך א לאך אין דער טיר.
און א ספעציעלען טיר געבויט פאר דעם בית כסא.

אזוי איז געווען זיין דרך איין יאר – צוויי יאר. דאס האט
נישט געפאלען דעם שווער און אז אלע זיינע רעד האבען נישט
געהאלפען – איז ער געפוהרען צו ר׳ יצחק דראהאביטשער –
ר׳ מעכעלע׳ס פאטער אום זיך צו באקלאגען אויף ר׳ מעכעלע.

האט ר׳ יצחק אים געראטען ער זאל אים נאך לאזען בהתבודדות
איין יאר. אזוי איז תאקי געווען – אבער נאך א יאר איז
ר׳ מעכעלע אוועגגעפארען קיין בראד ~~צו ווער~~ און איבעגעלאזט
דאס ווייב ביים מחותן.

אין בראד איז ער געווארען א מלמד. די חכמי בראד
האבען דערפילט דאס דער מלמד איז א כלי מפואר און
האבען אים אבגעגעבען גרויס כבוד.

איין מאל האבען די חכמי בראד געוואלט מחרים זיין דעם
בעש״ט. זיי האבען שוין געוואלט אבפסק׳נען דעם חרם האט
איינער זיך אנגערופען דאס עס פאסט נישט צו טון אזא
זאך אן זיך בארוטען מיט דעם מלמד ר׳ מעכעלע פון וועמען
זיי האבען אזוי שטארק געהאלטען.

אז מען האט גערופען ר׳ מעכעלע האט ער זיי

געזאגט אז ער ~~ווייל~~ קען זיך נישט אנקניפען אין דער זאך און ער ראָט זיי אז זיי זאלען נישט טשעפען מיט דעם בעש"ט. אז זיי האבען געהערט די ווערטער פון ר' מעכעלע האבען זיי חרטה באקומען און אבגעלאזט די גאנצע זאך.

אז ר' מעכעלע איז שפעטער געווען ביים בעשט — האט אים דער בעשט געזאגט: די דריי יאר התבודדות האבען געהאלפען דאצו דאס דו זאלסט אבראטעווען מיין כבוד.

י.פ)

דוד געלבטוך
קאפיטשיניצער חסיד

ר׳ נחמן סקארלאטער [סקאליטער] – געשטאמט פון ר׳ פנחס קאריצער און ר׳ מעכעלע זלאטשאווער.

ער איז געווען אמאל אין ריזשין אויף שבת און עס איז געווען שוין שפעט ביי נאכט און צייט צו מאכען קידוש. דער ריזשינער איז שוין געווען גערייט צו מאכען קידוש אבער ר׳ נחמן איז נאך נישט דא. האט דער ריזשינער געשיקט א שליח צו אים ער זאל קומען צום קידוש אז דער ריזשינערווארט אויף אים. האט דער שליח אים געטראפען שטייען שמנה עשרה. אזוי איז געשען 2 מאל. 2 מאל האט דער ריזשינער געשיקט שליחים און זיי האבען געמוסט צוריגעהען און דערציילען דאס ר׳ נחמן שטייט נאך שמנה עשרה.

צום דריטען מאל רופט זיך אב דער ריזשינער: שטייטש דער בעטלער שטייט נאך און בעטעלט. האט ר׳ נחמן מרגיש געווען דאס דער ריזשינער ווארט אויף אים און איז ~~געשטאנ ארויסגעשטאנען~~ אויסגעגאנגען שמנה עשרה..

אז ~~דער ריז~~ ער איז געקומען אין חדר וואו דעם ריזשינער שטייט און ווארט אויף אים – האט דער ריזשינער אים געפרעגט אזוי לאנג געבעטען! פארוואס?

[בגליון: דעם
ענטפער?]

ר׳ נחמן האט געהאט א זון ר׳ מעכעלע – ער האט נישט געפירט קיין רביסטווע. ער איז געפוהרען קיין סאדיגארא.

י.פ)

~~יעקב פלאנצגראבען~~
דוד געלבטוך
קאפיטשיניצער חסיד

אז ר׳ שמואל אבא איז צוריקגעקומען פון מאסקווע איז ער איינ-
געשטאנען דעם ערשטן שבת ביי ר׳ גדלי׳ אהרן זיין איידעם.ביים עסען רופט
זיך אן ר׳ שמואל אבא – דערלאנגט מיר אן איי מיט אביסעל
זאנד צוקער און א ביסעל עסיג וועל איך מאכען א מאכל – און האט
דאביי דערציילט די מעשה.

אז ער איז געזעסען אין תפיסה צוזאמען מיט
דעם ריזשינער האט מען סיי אים און דעם ריזשינער געטראגען
עסען פון דרויסען. האט זיך ביי ריזשינער געטראפען א שאלה – און
עס איז אים אויסגעקומען אז ער האט נישט וואס צו עסען – האט
ער געשיקט צו ר׳ שמואל אבא מיט א בקשה אפשר קען ער אים
עפעס געבען צו עסען. האט ר׳ שמואל אבא געוואלט מקיים זיין
הכנסת אורחים מיט אלעס וואס ער פארמאָגט. האט ער אים געמאכט
א מאכל פון די זאכען וואס ער האט דעמולט געהאט ביי זיך – אן איי
אביסעל זאנד צוקער און א קאפ עסיג. דענוך האט ער געפרעגט
דעם ריזשינער׳ס שמש צו דער ריזשינער האט הנאה געהאט פון
זיין מאכל. האט דער שמש געענטפערט – יא, יא ווילד הנאה
געהאט.

האט ר׳ שמואל אבא פארענדיגט: אז דער ריזשינער האט
דאפון הנאה געהאט וויל איך דעם ערשטן פרייען שבת עסען
דאס מאכל.

[בגליון:
פנחס לאנדוי
זאגט
״דאס האט
ר׳ ~~אב~~ שמואל
אבא דערציילט
כאטש מען
ווייס אז ער
האט נישט
געהאלטען פון דעם ריזשינער״]

י.פ) פנחס {לאנדו} [לאנדוי]

מען האט ר׳ שמואל אבא דערציילט דאס ר׳ דוד טאלנער האט געזאגט: דאס מען האט ר׳ שמואל אבא און ר׳ פנחס געשמיסען דאס זיי זאלען זיין רבים.

האט ר׳ שמואל אבא זיך אנגערופען: אז מען האט אונס געשמיסען אז מיר זאלען ווערען רבי״ס גלויב איך נישט אבער אז מען וועט זיי {אנדערע רבים} שמייסען וואס זיי זענען געווארען רבים בין איך נישט מסופק.

י.פ) פנחס לאנדוי

דער ריזשינער רבי איז געווען ביים סלאוויטער רב. האט דער ריזשינער גערעכערט זיין לולקע און זי האט זיך עטלעכע מאל אויסגעלאשען.

האט דער ריזשינער געפרעגט דעם סלאוויטער רב צו ער מעג רעכערן — אפשר קען ער נישט ליידען דעם רויך.

האט דער סלאוויטער רב געענטפערט:
טאקי נישט, טאקי נישט! א יונגער מאן דארף ברענען מיט דעם הארצען - נישט מיט דעם מויל.

י.פ) פנחס לאנדוי

דער שפאליער זיידע איז געקומען מיט ר׳ רפאל [בגליון: בערשטער?]
צו ר׳ פנחס קאריצער — אבער דער שפאליער זיידע איז נאר
געבליבען דארט צוויי וואכען און דאנוך אנטלויפען.
ער האט געזאגט: איך האב מורא פאר זיין פייער — ער וועט
מיך נאך פארברענען.

ר׳ רפאל איז אבער פארט געבליבען אויף אייביג.

דאס איס בקבלה אין ר׳ פנחס לאנדוי׳ס משפחה — להיפך
וואס שטייט אין יצחק ורפל ״ספר החסידים״ זייט 13.

דארטען זאגט ורפל דאס ~~דער שפאליער איז דארט ערצויגן געווארען~~ דער
שפאליער זיידע איז דארט ערצויגען געווארען.

י.פ) פנחס לאנדוי

ר׳ שמואל ווארכיווקער האט זיך באקלאגט פאר דעם
בעשט דאס זיין זון ר׳ ליפע חמעלניקער וויל נישט
מיטפארען מיט אים צום בעשט.

האט ער אים געענטפערט: עס איז תאקי נישט נויטיג —
זאל ער בעסער פילעווען (לערנען) דעם סמ״ע (דאס ספר פון
ר׳ פלק כהן)

ר׳ ליפע איז געווען ר׳ פלק כהן׳ס איידעם.

י.פ) פנחס לאנדוי

דער ריזשינער איז הערויס פון דער {תפוסה} [תפיסה] שושן פורים (באיאנער רבי)

~~אן א~~ א ייד האט זיך דערוואוסט דאס דער ריזשינער גייט הערויס פון דער תפיסה — האט ער שטארק חשק געהאט ער זאל זיין דער ערשטער וואס זאל אים געבען שלום.

איז ער אויפגעשטאנען גאר אין דער פרי, געגאנגען אין מקוה, מיטגעבראכט א פלאש בראנפן און פערבייסען און געווארט ביז דער ריזשינער איז הערויס.

אזוי איז תאקי געווען — ער איז געווען דער ערשטער אויף דעם פלאץ. ער האט דעם ריזשינער געגעבען שלום און געטרינקען לחיים.

דער נאך זאגט אים דער חסיד: דער אייבישטער זאל העלפען דאס די יסורים וואס דער רבי איז דארכגעגאנגען זאלען זיין א כפרה אויף ווייטער — אבער פון דעסט ווייגען רבי — זאלט איר זיך היטען פון יעצט אן — פון צו גנב׳נען פערד

[בגליון: [דאס איז ווייסט
אויס אן אנשפיל
דאס דער ריזשינער
איז נישט אומזיסט
געזעסען אין
תפיסה]]

י.פ)　　　　אלי׳ נייגארטען

(געהערט פון אן אלטען באיאנער
חסיד וואס האט נאך געקענט
דעם אלטען סאדאגארער)

ר׳ שלום פראהבישטער איז געסעסען ביים סדר דעם ערשטען טאג פסח – האט ער זיך אנגערופען צום עולם – זעט, זעט עולם ווי אויף א מלתא {זוטרתה} [זוטרתא] דרבנן קען מען געוואונען עולם הבא.

און האט דערציילט די מעשה: עס איז געווען א ייד וואס איז געווען א גוי גמור – נאר אויף דער מצות נטילת ידים אויף ברויט האט ער קיינמאל נישט עובר געווען.

איינמאל איז ער געפוהרען צום יאריד – האט ~~ער זיך זיך~~ זיך אים שטארק פארקלעמט דאס הארץ און ער האט נאר געהאט א שטיק ברויט צו פארבייסען – אבער ער איז געווען אין מיטן וואלד און האט זיך נישט געהאט וואו צו וואשען.

האט ער זיך דערמאנט דאס א ביסעל ווייטער איס דא א טייך אבער דער פלאץ איס פול מיט גזלנים און דאפאר איז דא א גרויסע סכנה צו געהרגט צו ווערען.

עס איס געווארען א שקלא וטריא ביי אים ווייל אין דער זעלבער צייט האט אים דער יצר הרע אנגערייצט: נאר דו! דו ביסט דאך סיי ווי סיי עובר אויף אלע עברות פון דער תורה – איס פאר א זא קליינע עברה וואלסט דו דיר איינשטעלען דאס לעבען!

אבער ער האט גובר געווען דעם יצר הרע און איז זיך טאקי געגענגען אין וואלד הערריין אום צו וואשען

זיך אויף המוציא. עס איז געווען אן אמתער יהרג
ואל יעבור איז הערויס א בת קול אז דער ייד איז
זוכה געווען צו עולם הבא.

האט ר׳ שלום געענדיגט — זעט יידען ~~וואו~~ ווי אזוי
א ייד קען דארך א מלתא {זוטרתה} [זוטרתא] דרבנן זוכה
זיין צו עולם הבא.

י.פ)

ירמי׳ כץ
באיאנער חסיד

אז דער ריזשינער איז נאך גאר געווען יונג — אפשר 6-7 יאר אלט איז ער געקומען פונ׳ם חדר און אז ער איז דארכ- געגאנגען א גארטען האט ער פלוצלינג הערונטערגענומען זיין קאפאליש — אים אבגעווישט מיט דעם ארמעל און אנגעהויבען שטארק צו לאכען. אז דער ריזשינער האט אנגעהויבען צו לאכען האט ר׳ שלום וואס האט די גאנצע מעשה געזען — אויך ג̶ אויסגעשאסען אין א געלעכטער.

האבען חסידים געפרעגט דעם ריזשינער וואס ער לאכט — האט ער געשוויגען — האט אים ר׳ שלום געפרעגט: ~~שוקי~~ שושקיני! (אזוי האט ר׳ שלום געפלעגט רופען ר׳ ישראל ריזשינער) שטייטש — יידן פרעגען דיך און די ענטפערסט נישט!

האט דער ריזשינער דערציילט אזא מעשה:
איז געווען אמאל א ייד א גרויסער ארמער מאן. איז געקומען פאר פסח האט ער נעבעך נישט געהאט אויף פסח — האט די פרוי זיינער אים אנגעזאגט אז ער זאל ~~פארקויפ~~ נעמען דעם זילבערנען בעכער וואס ער האט אויף קידוש — און ער זאל עס פערסעצען ביי א גוי.
איז ער געגאנגען צום גוי האט פערזעצט דעם בעכער און באקומען 3 רובעל.

איז ער געגאנגען מיט די דריי רובעל אין שטאדט הערייך איינקויפען אויף פסח. אויף דעם וועג איז געווען א גרויסער שניי און ער האט זיך געמוטשעט יעדען מעטער פונ׳ם וועג. אויף דעם וועג טרעפט ער א גוי מיט א געפגר׳טען פערד. רופט אים דער גוי צו — און פרעגט אים צו ער וויל קויפען דעם פעל פון דעם פערד און ער וועדט אים נאך אבשינדען די הויט

אויך. דער שניי איז געווארען אלס ערגער און ער וואלט
אזש דערפרווירען געווארען ווען נישט א גרויסע קארעטע וואלט
דארכגעפוהרען און אים מיטגענומען מיט זיין פעל, וואס איז
געווען זייער שווער און פיל מיט ~~אן~~ פארפרווירענעם וואסער.

איז געקומען אין שטאדט אריין האט ער פארקויפט דאס פעל
פאר זעקס רובעל. האט ער איינגעקויפט כלארליי מאכלים פאר
פסח און האט נאך מיט זיך מיטגענומען די דריי רובעל וואס
זענען אים איבערגעבליבען רוח. געקומען אהיים איז זיין ווייב געווען
מלא שמחה אין אז ער האט איר דערציילט דאס ער האט נאך געהאט
ביי זיך דריי רובעל רוח, האט זי אים געראטען ער זאל אויסבעטען
דעם כוס וואס ער האב פארזעצט ביים גוי — אז ער זאל קענען
מאכען קידוש ביים סדר. האט ער געפאלגט און אזוי טוען.

אז דער ייד איז געשטארבען און איז געקומען אויף יענעם עולם האט
זיך דערוויזען דאס דער ייד האט נישט געהאט קיין שום למוד זכות —
ער האט אויף זיין לעבען קיין שום מצוה נישט געטון. מען האט אים
שוין געפירט אין גהנם אריין — לויפט צו א מליץ יושר און דערציילט
די מעשה מיט דעם פארזעצטען כוס. און אז מען האט אים
הערויסגעזעצט אויף דער וואגשאל האבען נאך אלס זיינע עברות איבערגע-
וואויגען. האט דער מליץ יושר זיך אנגערופען — נו ווארף ארויף
דאס פעל אויך אויף דער וואגשאל — און אז מען האט געווארפען
דאס פעל האט זיך דאס אנגעזאמעלטע וואסער זיך אויסגעגאסען
און ארונטער אויף דער ערד געפאלען. האט דאס דער
ריזשינער דערפילט אויף זיין קאפעלוש און דאפאר געלאכט.

י.פ) ירמי׳ כץ
באיאנער חסיד

ר׳ יוחנן ראחמאנסטריוקער האט אויסגערעכענט די מעלות פון זיינע קינדער.

1) ר׳ דוד איז א גרויסער ערליכער ייד

2) ר׳ מרדכי איז א שטיק גוטער ייד – א ייד וואס עסט קיין מאל נישט און אין פסח עסט ער א כזית מרור מער ווי יעדער אנדערער

3) ר׳ נחום איז א חכם

4) און ~~מען~~ מיין וועלוועל – נו ר׳ יצחק אלחנן זאגט אויף אים אז איז א גאון

(י.פ) פנחס לאנדוי

ניסט ר׳ יוחנן ראחמאנטריווקער און זיין ברודער ר׳ יצחק סקווערער האבען געזאגט תורה.

ר׳ יוחנן האט אמאל געזאגט: די גאנצע וועלט
ווייס דאס איך און מיין ברודער ר׳ יצחק קענען
מער ווי זיי אלע (ווי די אנדערע רבי׳ס וואס
זאגען יא תורה) אבער מיר זאגען נישט קיין תורה
און מיר ווייסען פארוואס מיר זאגען נישט.

י.פ) פנחס לאנדוי

ר׳ יוחנן ראחמאנסטריווקער האט שטענדיג גענוצט ארץ-ישראל אתרוגים.

ר׳ מרדכי בער אנאסטאפאליער [הארענסטייפלער] זיין פלעמעניק וואס האט געשמ׳ט אלז גרויסער גאון האט אים אמאל געפרעגט פארוואס ער ניצט ארץ ישראל אתרוגים – סטייטש קארפוער אתרוגים זענען דאס מער הידור מצווה.

האט ער אים געענטפערט:
דו קענסט לערנען! איך בין א פשוטער מענש –
איך קען גאר נישט, אבער איך ווייס נאר אז עס שטייט
אין דער תורה ולקחתם לכם {מפרי} [פרי] עץ הדר האט
די תורה קלאר נישט געמיינט קארפוער אתרוגים
נאר אוודאי פון ארץ ישראל.

י.פ)　　　　　　　　　　　　　　פנחס לאנדוי

בשעת ~~דער~~ די ערשטער וועלט מלחמה האט זיך אנגעהויבען איז געווען דער תפארת שמואל אין דייטשלאנד און איז שוין דארטען שטעקענגע-
בליבען.

דארטען האט ער געהערט אז די רוסען האבען געהאנגען זיין זון ר׳ פייוועל.

דערנאך האט א ייד ~~האט~~ אים געפרעגט צו עס איז אמת דאס ער האט געזאגט ״ווייל מען האט מיר צוגענומען מיין קרוין וועט מען אים (דעם פאניע) אויך צונעמען זיין קרוין.

האט ער זיך אן אנגעשראקענער אנגערופען: וואס? מען זאגט דאס שוין נאך פון מיר אין די גאסען?

י.פ)

סאדאווער רבי
הרב סעקולא

ר׳ יחיאל אקסאנדרער [אלעקסאנדרערער] פלעגט פארען צום טריסקער מגיד. האט ער אמאל ~~נעמ~~ מיטגענומען זיין זון דעם שפעדיגן ישמח ישראל.

בשעת זיי זענען געזעסעןביים טריסקער מגיד אין שטוב איז דארכגעגאנגען דעם טריסקער׳ס מגיד טאכטער מלכה — וואס האט געהאט א שם אלז א גרויסע מלומדת און פון וועמען חסידים האבען שטארק געהאלטען.

אז זי איס דארכגעגאנגען די שטוב האט דער ישמח ישראל אוועגעקוקט.

רופט זיך אן ר׳ יחיאל: ניין — דאס איז דאך דעם רבינ׳ס טאכטער.

האט אים דער ישמח ישראל געענטפערט: דעם רבינ׳ס טאכטער איז אויך א נקבה.

י.פ)

ביליצער רב
הרב שטערן

ר׳ חיים דעם תפארת {שמואל} [שמואל׳ס] זון האט דערציילט די *מעשה*.
דער ישמח ישראל איז געפארען קיין דייטשלאנד אמאל.
אין באן איז א ייד צוגעגאנגען צו אים און האט אים
געגעבען שלום. ~~זאגט אים~~

רופט זיך אן דער ישמח ישראל צו אים: חיים! ווי קומסט
דו אהער?

דער ייד איז נשתומם געווארען – ווי אזוי קען דער רבי
זיין נאמען.

האט אים דער ישמח ישראל דערמאנט דאס ער דערקענט
אים ווייל 20 יאר האט ער געגעבען שלום דעם זיידען.
דער ייד וואונדערט זיך נאך אלס שטייטס דעמולט
האב איך דאך געטראגען בארד און פאות און
היינט גע איך דאך דייטשעמעריש – גלאט געשוירען.

האט אים דער ישמח ישראל געענטפערט: גלייב מיר
דאס דעמולט האסט דו ביי מיר דאס זעלבע פנים
געהאט ווי יעצט – חאטש דעמולט האט געטראגען בארד
און פאות און יעצט ביסט די אבגעגולט.

י.פ)

סאדאווער רבי
הרב סעקולא

ר׳ יחיאל דער אלעקסאנדער רבי איז געווען אמאל אין סאדאגארא.

אז ער איז צוריקגעקומען האט מען אים געפרעגט צו עס איז אמת אז דער סאדאגארער מאכט קידוש קאכט ממש דער כוס ?

האט ער געענטפערט : צו דער כוס קאכט האב איך נישט געזען ! אבער אז — דער סאדאגארער קאכט אליין דאס האב איך אליין געזען.

י.פ) סאדאווער רבי
הרב סעקולא

אז ר׳ יחיאל אלעקסאנדרער איז געגאנגען הקפות האט ער פארגאסען אזאלכע יאמערן טרערען אז מען העט ממש געזען דאס די פאדלאגע איז געווארען נאס.

י.פ)

סאדאווער רבי
הרב סעקולא

ר׳ יחיאל איז געווען דער ערשטער אלעקסאנדרער רבי. ער איז געפארען קיין צו {דווארקע} [ווארקע] און נאכדעם צום ביאלער רבי ר׳ ברוש (דער זון פון ר׳ אברהם טשעכאנאווער)

נאך דעם ביאלער׳ס רבי׳ן הסתלקות אין תרל״ז איז ער געווארען רבי און דעם ביאלער׳ס קינדער זענען שוין געפארען קיין אלעקסאנדער.

ר׳ יחיאל איז נסתלק געווארען אין תרנ״ז.

ר׳ יחיאל האט געהאט 3 זין.
1) ר׳ רחמיאל ישראל יצחק – דער ישמח ישראל
2) ר׳ שמואל צבי – דער תפארת שמואל נפטר געווארען
אין תרפ״ד
דער ישמח ישראל איז געווארען רבי אין תרנ״ד און
נפטר געווארען אין תר״ע. נאך זיין הסתלקות
איז דער תפארת שמואל געווארען רבי.
3) ר׳ בצלאל יאיר – דער יונגסטער זון האט געווינט אין
לאדז און האט דארט געפירט רביסטווע.

נאך תרפ״ד ווען דער תפארת שמואל איז נפטר געווארען
איז זיין זון ר׳ יצחק מנחם מענדעל געווארען
רבי. די דייטשען האבען אים אומגעבראכט אין וועלט מלחמה II.
נאך א זון פון דעם תפארת שמואל האט געהייסען ר׳ חיים.

ר׳ יצחק מנחם מענדעל האט געהאט 3 זון
1) דעם עלטעסטען – ר׳ פייוועל דאנציגער – די רוסען האבען אים געפאנגען אין דער ערשטער וועלט מלחמה.
2) ר׳ יעקב שמחה בונים
3) ר׳ אברהם חיים.

י.פ)

סאדאווער רבי
הרב סעקולא

נאך דעם הסתלקות פון דעם אלטען סאדאגארען איז געווען א שטיקעל מחלוקת צווישען די חסידים פון ר׳ יצחק דעם בכור וואס האט זיך שפעטער הערויסגעצוגען נאך באיאן און די חסידים פון זיין ברודער ר׳ ישראל וואס איז געבליבען אין סאדאגארא.

סאדאגארער חסידים פלעגען אין זייערע שטיבלעך אויס שרייען ביי שמחת תורה דעם פסוק אשרך ישראל.

פארקערט די באיאנער חסידים פלעגען אויסשרייען ביים לענען [כי ב]״יצחק יקרא לך זרע״

י.פ) באיאנער חסיד

ר׳ יוחנן ראכמאנסטריווקער איז געווען אמאל ביי ר׳ יצחק סקווערער. האט מען געגעבען צום טיש אלטען ארץ ישראל וויין. האט אים ר׳ יצחק אנגעגאסען א כוס אויף קידוש. אז ר׳ יצחק האט אויף א ווײלע אוועגקוקט האט אבער ר׳ יוחנן אנגעגאסען אן אנדערען כוס פון פראסטען וויין.

ר׳ יצחק האט עס אבער פארט דערזעען און האט געפרעגט ר׳ יוחנן פארוואס ער האט דאס אזוי געטון.

האט אים ר׳ יוחנן געענטפערט: איך בין גאר א קלײנער מבין אויף וויין. מען קענט גאר נישט דעם כח פון דעם יצר הרע. ער קען מיר דווקא אײנרעדען דאס דער ארץ ישראל וויין זאל מיר גאר נישט געפעלען, וויל איך ח״ו [נישט]{מוצא} [מוציא] דבה זיין אויף פרות הארץ ~~ישראל~~ – וויל איך זיך נישט שטעלען אויף אזא נסיון.

האט זיך ר׳ יצחק אנגערופען: איך האב דיך געקענט אז אן ערליכען ייד – אבער אויף אזוי ווייט האב איך נישט געוואוסט.

י.פ)

פנחס לאנדוי
געהערט פון ר׳ נחום
ראכמאנסטריווקער ר׳ יוחנן׳ס
זון

אז דער מלאך איז אמאל געקומען נאך קרעמינעץ צו זיין שווער זענען די מתנגדים פון דער שטאדט – גבירים, מענשען וואס האבען פון זיך געהאלטען – געקומען צו אים אין שטוב אריין.

זעען זיי ווי דער מלאך שטייט ביים פענסטער און קוקט ארויס אויף די בערג – (קרעמינעץ האט געהאט אסך בערג)

די מתנגדים האבען שטענדיג געהערט פון דעם הייליגן דרך פונ׳ם מלאך און האבען זיך געוואונדערט – גלאט שטייען ביים פענסטער און קוקען.

רופט זיך אן דער מלאך צו זיי:
איך קוק אין זע ווי אזוי א פראסטער שטיק ערד האט זיך ארויפגעהויבען אזוי הויך.

י.פ) באיאנער רבי

מען האט געפרעגט ר׳ יוחנן ראכמאנסטריווקער פארוואס מען קומט צו א רבי׳ן געבען א קוויטעל.

האט ער געענטפערט: א רבי איז געגליכען צו יששכר און יידען צו זבולון.

אז יששכר געט גוט ברוחניות געט {זבולין} [זבולון] גוט אין גשמיות. אבער אז {זבולין} [זבולון] געט נישט אזוי גוט בגשמיות – ווער איז שולדיג – {יששחר} [יששכר] האט נישט גענוג עוסק געווען ברוחניות. וואלט געווען יושר אז די יידן זאלען אויסדראפען דעם רבי׳ן די אויגען.

זענען די יידן {אבר} [אבער] רחמנים בני רחמנים – קומען זיי צום רבי׳ן און גיבען אים א קוויטעל – און עס איז צו פארשטען דאס זיי זאגען שטילערהייט – זעט רבי! דאס האט איר געדארפט פועלען

י.פ)

ר׳ יצחק מאיר העשל
מעזשביזשער רב

ר׳ דוד טאלנער האט זיך אמאל אנגערופען:
איך בין מקנא מיין איציקעל (סקווערער) – ער האט אזוי פיל ערליכע חסידים וועדט ער אליין אן ערליכער

ייד.

י.פ) פנחס לאנדוי

ר׳ גדלי׳ ליניצער האט שטענדיג געבעטען אויף עניות.
האט אים דעם בערדיטשעווער רב געפרעגט – שטייטש – עס
שטעט דאך: עניות מעבירה על דעת {קוניו} [קונו].

האט אים ר׳ גדלי׳ געענטפערט: ווען מען וואלט געטייטשט
אזוי ווי איר זאגט וואלט דאך געדארפט שטען עניות
מעבירה מדעת {קוניו} [קונו]. אבער אזוי ווי עס שטעט על דעת
{קוניו} [קונו] – טייטש איך אזוי: מעבירה על דעת {קוניו} [קונו]
דאס ארימקייט העבט אויף דעם דעת {קוניו} [קונו].

י.פ) פנחס לאנדוי

דער סטרעליצקער האט געהאט אן איידעם ר׳ יצחק וואס איז געווען א גרויסער עני ואביון און האט געדארפט חתונה מאכען א טאכטער און שטארק געדארפט אויף נדן. איז ער געקומען צו ר׳ שלום בעלצער צו זעען אפשר דארטען וועט ער קענען צוזאמען שטעלען אויף נדן.

נאך בעלז איז ער אנגעקומען אויף שבת. נאך מעריב אז ער איז אריינגעקומען צום בעלזער האט אים ר׳ שלום געהייסען זיך דאווייל אוועקלעגען אויף א דיוואן און חאפען א דרעמעל ווייל ער איז נאך נישט פארטיג און עס וועט נאך געדוערן ביז קידוש.

ר׳ יצחק האט אים געפאלגט — געדרעמעלט א ביסעל — דער נאך האט מען געמאכט קידוש און אבגער[עכט ?] א פרייליכען שבת.

נאך שבת האט ר׳ שלום אים געהייסען פארען נאך יאס. דער ר׳ יצחק האט נישט געהאט קיין קרייצער ביי זיך — אבער דער בעלזער האט אים געגעבען א סכום געלד. דאס געלד האט אבער קוים געגלעקט אויף הוצאות פאר דעם בעל עגלה.

דער בעל עגלה האט אים אבגעפירט ביז נאך יאס אויף דער יידישער גאס און אים דארט אבגעלאסט.

אזוי ווי ער שטעט דארטען קומט צו אים צו א ייד — א ווילד פרעמדער און גיט אים שלום עליכם ר׳ יצחק ! און לאדט אים צו זיך אין שטוב — גיט אים כל טוב וטוב און בלייבט שוין איבער אויף שבת. ~~נאך~~ גאנץ שבת האט ער זיך געוואונדערט ווי אזוי קען מיך דער ייד — אפשר האט ער אים דערזעןביין שווער ביים סטרעליסקער. נאך שבת פרעגט ער אים פון וואנען קענסט דו מיך פארט. דערציילט אים דער ייד די פאלגענדע מעשה.

דער ייד האט א משוגענע טאכטער און האט ר׳ יצחק אריינגע-פירט אין א צימער ווא זי איז געזעסען. ביז פאר עטלעכע

זע ס׳ דובר שלום ע׳ 58 סעיף קכ״ה דארטען איז אן אנליכע מעשה

טעג האט זי חאטש מורא געהאט פאר דעם פאטער. פארכט׳אגען
פרייטאג ווען ר׳ יצחק איז געווען אין בעלז האט זי זיך שטארק
אויפגערעגט און אוועגעלעגט דעם טאטען א פאטש, און האט זיך
פארמאכט אין איר צימער.

דעם טאטען האט דאס שטארק מצער געווען — פרייטאג ביינאכט
האט ער אפילו נישט געקענט מאכען קיין קידוש אזוי האט
עס אין אים געברענט דער צער. האט ער זיך ~~אנג~~ אנידערגעלעגט:
און געכאפט א דרעמעל. איז אים געקומען צום חלום זיין פאטער —
האט ער זיך {שטאק} [שטארק] צערווייגט פאר אים — האט זיין פאטער וואס
איז געווען דעם חוזה׳ת א תלמיד אים צוגעזאגט אז ער וועט
אים היכל פון דעם חוזה בעטען רחמנות פאר זיין טאכטער.

אבער דער חוזה האט נישט געוואלט — ער האט געטענעט — ער קען גאר
נישט העלפען — ער איז שוין אזוי לאנג אוועג פון דעם עולם אבער
האט גערוטען אז מען זאל גען צו זיין תלמיד דעם שטרעליסקער און איך
וועל אויך מיטגען. אז זיי זענען געקומען צום היכל פון דעם
סטרעליסקער האט ער אויך געזאגט דאס זעלבע און געהייסען
~~מיטג~~ גען צום בעלזער וואס איז געווען זיין תלמיד. זענעןביידע געגאנגען צום בעלזער
זען ער זאל פועלען א ישועה פאר דער משוגענער טאכטער.

האט דער בעלזער געזאגט — ער איז גערייט — אבער איך וויל
דאפאר א טאכטער פאר א טאכטער — דיין טאכטער
א רפואה און אן אנדערע טאכטער חתונה מאכען. האט
דער וייד אים חלום געפרעגט ~~וואו~~ ווי וויל איך דערקענען. האט
אים דער בעלזער געוויזען ר׳ יצחק דעם סטרעליסקע׳ס איידעם
דרימעלן אויף דעם דיוואן, און אז ער איז געקומען נאך יאס האט ער אים
~~אין~~ דערקענט.

דערנאך זענען ביידע געפארען צום בעלזער — די טאכטער איז
געזונד געווארען — און דער ייד האט געמאכט חתונה ר׳ יצחק׳ס
טאכטער.

י.פ)                                        אלכסנדר ביסטריצקי

ביים מגיד האט זיך אמאל געטראפען אז ער איז נישט
געווען קיין שמירה ווייץ אויף פסח. האט ער ארויסגע-
שיקט ר׳ זיזשע אנאפאליער ער זאל אויסזוכען שמורה ~~מעל.~~ ווייץ

איז ער ארומגעפארען איבער עטלעכע שטעדט און האט נישט
געקענט געפונען — ביז ער איז געקומען צו א דארף און
געפונען ביי א יידן שענעם ווייץ — שמורה. האט ער שטארק
הנאה געהאט דאפון און זיך גענומען אהיים פארען, מלא
שמחה.

אויף דען וועג צוריק האט ער — דארכפארענדיג א דארף
געהערט א יעמערליך געוועז. האט ער נאכפרעגענדיג געווארע געווארדען
אז אן אלמנה מיט עטלעכע יתומים שטארבען פראסט פון
הונגער. האט ער אפילו נישט טראכטענדיג א מינוט גענעמען
די אזוי שווער אנגעקומענע — שמורה ווייץ און געלאסט מאכען
מאכלים פאר דער משפחה.

אנשטאט דעם ווייץ האט ער געקויפט פראסטען ווייץ — נישט
שמירה און איז געפארען אהיים. און נאטורליך נישט אויסגעזאגט דאס עס איזט נישט שמורה

ביים סדר האט דער מגיד באלד נאך דעם [ווי] ער האט
געגעסען דעם כזית מצה צוגערופען ר׳ זיזשע.

ר׳ זיזשע איז געווארען שטארק דערשראקען. ער האט
פארשטענען דאס דער מגיד האט שוין זעכער געפילט
דאס דאס איז נישט קיין שמורה

אז ר׳ זיזשע איז צוגעקומען — זאגט אים דער מגיד:
עס שיינט א גרויסען אור פון דער מצה. וואס הענגט
דאראן.

דעמולט האט ר׳ זיזשע שוין געוואגט צו דערצעלען די מעשה

י.פ)

בילעצער רב
הרב שטערן

ר׳ שמעלקע און דער הפלאה זענען געגאנגען צום מגיד
צו זען צו איז אמת זיין גרויסקייט. זענען זיי געווען
עטלעכע טעג און נישט שטארק [נתפאל] {נתפעל} געווארען. האבען

זיי געוואלט אוועגגען.

אז זיי האבען זיך {געזעגנעט} [געזעגנט] ביים מגיד, האט ער זיי אנגעזאגט – זיי זאלען זיך געזעגנען ביי ר׳ זיזשע אנאפאליער. ער זיצט אין קלויז האט ער זיי געראטען און עס וואלט כדאי געווען זיי זאלען אים פרעגען פשט אין דער משנה ״חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה״ – זענען זיי געגאנגען אין שול – זעען זיי א ייד אבגעריסען-אבגעשליסען זיצט אונטער דער באנק ערגעץ – און מען האט זיי שוין אנגעוויזען דאס דער פארשוין איז ר׳ זיזשע.

האבען זיי גערעדט מיט אז דער מגיד האט זיי געהייסען אז זיי זאלען אים פרעגען פשט אין דער משנה.

שטעלט אויס ר׳ זיזשע א פאר אויגען און רופט זיך אן: איך ווייס נישט וואס ער מיינט. דאס קען אייך נאר איינער גיבען צו פארשטען וואס ער האט אמאל שלעכטס געפילט – מיר איז קיינמאל שלעכט געווען.

י.פ) בילעצער רב<br>הרב שטערן

ר׳ יצחק סקווערער האט שטארק געהאלטען פון
זיין רביצין מלכה — די טאכטער פון דעם ריזשינער.
ווען זי איז נפטר געווארען האט ער זיך אנגערופען:

איך האב געהאלטען מיט איר אויף א גרויסע מדרגה.
זי האט געזאלט פארקויפען בעגעל אויף דעם מארקט אבי
איך זאל קיין רבי נישט זיין.

י.פ)

דוד טווערסקי
סקווערער אייניקעל

דער סאנצער רב איז געווען ביי ר׳ מאיר פרעמישלאנער א יאר פאר זיין הסתלקות.

האט ר׳ מאיר אים געפרעגט: עס איז מיר ענג אין דער דירה — איך וויל מיך ארויסציען — וואס טראכט איר דאפון?

האט דער סאנצער געענטפערט: פארוואס נישט! ערשט שפעטער האט דער סאנצער פארשטאנען דאס ר׳ מאיר האט געמיינט דעם עולם האמת וואו ער וויל זיך אריינציען — האט ער זיך געוואלט פארענטפערן און געטענעט - ניין — די וועלט דארף אייך נאך!

אבער ר׳ מאיר האט געזאגט: פארפאלען! איר זענט פון דעם בית דין הגדול — איר האט שוין ארויסגעזאגט — איז שוין פערפאלען.
דאס נעקסטע יאר איז ר׳ מאיר נסתלק געווארען.

י.פ)

אלעקסנדר ביסטריצקי
געהערט פון רידניקער רבי

א היגער ייד האט דאס געהערט פון א יידן וואס האט
נאך געקענט ר׳ מאיר פרעמישלאנער (ר׳ מאיר פרעמישלאנער
איס נפטר געווארען אין תר״י)

דעם יידן האט ר׳ מאיר געהייסען גען אין מלחמה אריין
אין האט אים צוגעזאגט אז ער וועט ארויס בשלום. דער
ייד האט {אגו} [אגב] מאריך ימים געווען און געלעבט 108 יאר.

דער ייד האט דערצעלט אז אין די לעצטע יארען פון
ר׳ מאיר׳ס לעבען האט מען קיינעם נישט צוגעלאסט צו אים
און ער האט געפראוועט נאר יחידי סגולה און דאס נאר
דארך א לאך אין דער טיר. דער ייד געדענקט דאס דינישטיקע
הענדעלע וואס ער האט הערויסגעשטעקט דארך דער טיר.

חסידים האבען געזאגט אז דאפאר לאזט ער קיינעם
נישט אריין צו זיך ווייל אויב ער וואלט אנגעקוקט א
יידן׳ס פנים וואלט ער שוין געוואוסט אלע זיינע
עברות

י.פ) אלכסנדר ביסטריצקי

ר׳ מאטעלע קרעמיניצער דער שווער פון ר׳ אהרן קארלינער
האט אמאל געהוידעט די טאכטער פון ר׳ אהרן
אויף זיין שויס. עס איז געווען מוצאי שבת און ער האט
געזונגען אמר ד׳ ליעקב. האט ער געזאגט צו זיין אייניקעל
וואס איז דעמולט אלט געווען איין יאר — איך זאג דו צו
אז דו וועסט האבען א מאן וואס וועט זיין א מלך בא
יידן.

י.פ) אלכסנדר ביסטריצקי

ר׳ מאטעלע טשערנאבילער איז געווען אמאל אויף א חתונה אין גאליציען. אויף דער חתונה איז דעם אלטען בעלצער׳ס (ר׳ שלום) זון ר׳ משה מקאראוב אויך געפארען. ר׳ שלום, וואס האט אמאל געזאגט דאס אויב ר׳ מאטעלע זאל זיין 100 מייל ווייט פון דאנעט וואלט איך אים געגאנגען אנקוקען, האט מיט ר׳ משה געשיקט א קוויטעל אויף וואס איז געשטאנען נאר זיין נאמען און דער מאמעס נאמען און אויך א פדיון פון צוויי רייניש. ער האט אנגעזאגט ר׳ משה ער זאל זיך גוט צוקוקען וואס ר׳ מאטעלע וועט טוען מיט דעם קוויטעל און דעם פדיון.

אז ר׳ משה איז צוריגגעקומען פון דער חתונה האט אים ר׳ שלום בעלצער געפרעגט: וואס האסט דו געזען? האט אים ר׳ משה געענטפערט: מיט דעם קוויטעל האט ער זיך ארומגעוויקעלט דעם מיטעלסטען פינגער פון זיין רעכטער האנד. און דאס געלד האט ער געלעגט אין דער טאש פון זיין וועסטעל.

האט דער אלטער בעלזער געזאגט: ער האט אזוי געטון מיט מיין קוויטעל ווייל ער האט געוואלט אנווינשען די יידען מיט מיין נאמען – און דאס געלד האט ער אריינגעלעגט אין דער זעלבער קעשענע פון וואנעט ער שפייזט די ל״ו צדיקים.

י.פ) בילֿיצער רב
הרב שטערן

אז אין רוסלאנד האט מען אנגעהויבען צו נעמען יידן צום מיליטער זענען די ריזשינער קינדער שוין געווען אין עסטערייך – אבער מען האט געהייסען די ריזשינער חסידים זיי זאלען זאמעלן געלד צו מבטל מאכען די גזרה.

האט מען געשיקט קיין סקווערער און געפרעגט וויפיל ער וועט געבען – אבער ר׳ איציקעל האט גאר נישט געוואלט געבען ווייל ער האט געזאגט עס וועט נישט העלפען און דאביי האט ער דערציילט די מעשה:

אז ר׳ איציקעל איז נאך געווען דעם ריזשינער׳ס איידעם אויף קעסט, האט זיך געפירט דאס דער ריזשינער איז יעדען טאג געפארען שפאצירען {מין} [מיט] איינער פון זיינע קינדער אדער איידעמס.

איינמאל האט דער ריזשינער געשיקט נאך ר׳ איציקעל חאטש עס איז נישט געווען זיין רייע. ער איז נישט געווען גערעט אבער אז דער ריזשינער הייסט מאכט ער זיך איילעגדיג גערייט און לויפט צו צו דער קארעטע וואו דער ריזשינער ווארט שוין.
געווענליך איז דער ריזשינער געזעסען אין דער איין זייט – ר׳ איציקעל אין דער אנדערער אין די מיט איז געבליבען לער.

זענען זיי געפארען אין וואלד אריין. פלוצלינג שטעלט מען אב די קארעטע און א ייד איז צוגעקומען פון וואלד און זיך ארייגעזעצט אין קוטש אין מיטן – דער ריזשינער און דער ייד האבען אסך גערעדט צווישען זיך אבער ר׳ איציקעל האט נישט אלעס פארשטאנען.

פלוצלינג איז דער ריזשינער מיט דעם יידן אוועק אין וואלד אריין געבליבען א ווייל און דערנאך אליין ארויסגעקומען און צוריק אהיים געפארען.

האט ר׳ איציקעל אויסגעפירט יעצט ווייס איך וואס איז צווישען זיי געשען – און דאפאר וויל איך נישט געבען קיין געלד אויף מבטל זיין די גזרה פון דעם מיליטער נעמען – ווייל איך ווייס אז עס וועט נישט העלפען.

דער ביליצער רב האט דאס געהערט פון ר׳ יעקב יוסף סקווערער.

י.פ) ביליצער רב
הרב שטערן

ר׳ יצחק סקווערער האט אמאל פארגעהאלטען ר׳ דוד טאלנער וואס ער ~~האלט זיך אזוי גרויס~~ פירט זיך אזוי רייך – פארט מיט א קארעטע מיט 4 פערד געשפאנט.

האט זיך ר׳ דוד מתווכח געווען מיט אים און אים אויס-געוויזען דאס זיין דרך איז גערעכט.

האט ר׳ יצחק אים געענטפערט – קען זיין דאס דיין דרך איז תאקי גערעכט און גוט פאר דיר. אבער וואס וועט זיין מיט דיינע קינדער – אויב דיינע קינדער וועלען נישט זיין אזוי ווי דו (דאס הייסט אין קידשות און מדות) וועט שוין נישט טויגען.

האט ער ווייטער געזאגט – מילא מיינע קינדער אז זיי וועלען פאלגען מיין דרך פון אסך פאסטען און געהען שטענדיג אין מקוה – אפילו ~~זו~~ זיי וועלען נישט אזוי מיינען ערנסט – נו אבער עס איס פארט גוט.

י.פ)

ביליצער רב
הרב שטערן

דער ריזשינער האט געפרעגט אמאל דעם סאדאגארער
בשעת ר׳ אברהם יעקב איז נאך געווען א קינד — פארוואס
מען פארקויפט חמץ דעם גוי פאר פסח.

ענטפערט אים ר׳ אברהם יעקב — חמץ איז ~~במדרגה~~ בבחינה
פון יצר הרע — שלעכטס — פארקויפט ~~אים~~ מען אים.

אויב אזוי פרעגט אים דער ריזשינער — ~~פארווא~~ פארוואס
דען קויפט מען דעם חמץ צוריק נאך פסח.

ענטפערט אים דער צוקונפטיגער סאדאגארער:
~~אז~~ פסח איז בבחינה אהבה — אז מען פארקויפט
דאס שלעכטס — הייסט עס אז מען טוט תשובה מאהבה
און תשובה מאהבה מאכט דאך פון זדוניות זכיות
ווערט דאס חמץ אויסגעוועקסעלט אין גוטס — דאפאר קויפט
מען עס צוריק.

י.פ)                                        באיאנער רבי

דער באַרדיטשעווער האָט אַמאָל דערציילט די מעשה. עס איז פאַרגעקומען פאַר׳ן בית דין של מעלה אַז מען האָט דן געווען ~~אַן מפרנס וואָס~~ א יידן און ער האָט נעבעך געהאַט ווייניק זכיות. האָט מען געדענקט דאָס ער האָט אַמאָל מפרנס געווען אַן אלמנה און זי געראַטעוועט דאָס לעבען. האָט מען די אלמנה אַרויפגעלעגט אויף דער וואָגשאָל און זי האָט איבערגעוואויגן אַלע זיינע עבירות.

האָט דער מקטרג געטענהט — עס איז פאַרגעקומען אַ פאַל מיט אַ יידען וואָס האָט צוגעגנב׳עט געלד און ביי אים האָט מען גערעכנעט אַלס עבירה נאָר די פּרוטות וואָס ער האָט צוגעגנבעט — זאָל מען ביי אים אויך וועגען דעם מענשען פון וועמען ער האָט צוגענאָמען דאָס געלד.

האָט דער מלאך מיכאל געענטפערט — זול בתר טעניה! בשלמא ביי דער אלמנה איז דאָך נישט דער עיקר געווען די פּאָר פּרוטות וואָס ער האָט איר געגעבען — ער האָט געמיינט צו ראַטעווען איר לעבען — דאַפאַר נעמט מען די גאַנצע אלמנה וואָס ער האָט מציל געווען און לעגט זי אויף דער וואָגשאָל.

ביי דעם ייד׳ן דעם גנב — האָט ער אָבער דאָך נישט געמיינט דאָס לעבען פון דעם יידן — נאָר זיין געלד דאַפאַר וועגט מען נאָר די פּרוטות.

האָבען צדיקי הדור געזאָגט — אַז דער באַרדיטשעווער רב האָט עס תאקי דערציילט פון דעם מלאך מיכאל אָבער דאָס ער אַליין ~~האָט ער~~ איז אויף דער המצאה געפאַלען.

י.פּ) יעקב טייטעלבוים

פאר דער פטירה האט דער אבטער רב געזאגט:
איר וועט נאך הערען אפשר שענערע תורות – אבער
פון אזא מויל קיינמאל נישט.

י.פ)　　　　　　　　　　　　　**יעקב טייטעלבוים**

פאר זיין פטירה האט דער אבטער רב זיך אנגערופען:
אז איך וואלט געוואלט {וואט} [וואלט] איך געקענט איבערפליען
פון דעם עולם צו דעם אנדערען עולם ווי א פעגעלע.
אבער וואס וועט די וועלט זאגען — אז דער אבטער
רב איז געשטארבען מיט א מיתה משונה.

**י.פ)** **יעקב טייטעלבוים**

ביים חידושי הרי״ם זענען אסך קינדער אוועגגעגאנגען בחייו. ביים לעצטען קינד׳ס פטירה האט ער שטארק געוויינט.

האבען אים חסידים געפרעגט: רבי אז איר פאלט שוין אריין אין עצבות וואס זאלען מיר שוין זאגען.

האט ער געענטפערט: איך בין נישט אזוי אין עצבות צוליב דעם טויט פון מיין קינד – איך פיל נאר אגרוסען צער. איך האב שוין אנגעהויבען צו לערנען מיט אים און אצינד קען איך שוין נישט מער מקיים זיין די מצוה פון ולמדתם [אתם] את בניכם.

י.פ) יעקב טייטעלבוים

ביים יארצייט פון דעם ריזשינער איז דער הוסיאטינער געקומען צו זיין עלטערען ברודער דעם סאדאגערער נאך סאדאגארע.

זענען זיי געזעסען ביים טיש און דער גרויסער עולם איז געווען שטארק נייגיריג צו הערען וואס די צוויי ברודער וועלען רעדען צווישען זיך.

זאגט דער סאדאגארער צום הוסיאטינער: ביסט דארכגעפארען אהער די זאלוטשינער בריק?
הוסיאטינער: יא!
סאדאגארער: ווי הויך איז די בריק?
הוסיאטינער ענטפערט אים אז זי איז הויך אזוי און אזוי פיל מעטער.
וואונדערט זיך דעם סאדאגארער: ניין איך מיין דאס די בריק איז העכער.
און די צווי ברודער האבען זיך לאנג געשפארט ווי הויך די בריק איז.

~~עדער ד~~ דערנאך האט דער הוסיאטענער זיך אנגערופען:
איך האב די פארגעסען צו זאגען – אויף דעם וועג {איך} [איז]] געווען א שרעקלעכער פְּרוּך. זיי מיר געזונד – און מיט דעם איז ער אוועק..

י.פ) יעקב טייטעלבוים

ר׳ זישע אנאפאליער איז אמאל געקומען אין שענק – אן אויסגעמאטערטער שוואכער – האט ער געבעטען דעם שענקער פאר א קאפ בראנפען – די שענק איז געווען דעמולט פול מיט גוים – און דער שענקער האט זיך נישט געוואלט אומקוקען אויף דעם ארעמען – אפגעשליסענעם יידן. בעט אים ר׳ זישע נאכאמאל – ער געט ממש אויס פון חלשות – ווערד דער שענקער ברוגז און דערלאנגט אים א גוטען פאטש

געט ר׳ זיזשע און א ווינקעל אריין און העבט אן צו זיך רעדען – זישע, זישע טו תשובה, טו תשובה !

דעם שענקער פאלט דאס אויף – ער געבט יענער א פאטש און יענער בעט גאר תשובה – זייער מאדנע – טראכט ער – און עס פאלט אויף אים א פחד – געט צו צו ר׳ זישע און בעט אים: רבי – זייט מיר מוחל רבי – איך וויל זיך מתוודה זיין פאר אייך – איך האב שוין כמה שנים נישט גע-דאווענט קיין מנחה. ענטפערט ר׳ זישע – פאר דעם קומט נאך נישט קיין פאטש (דאס הייסט דער שענקער האט נאך נישט אזוי געזינדיגט און אזוי געפאלען דאס ער קען זיך ערלויבען צו געבען ר׳ זיזשע א פאטש)

העבט ער אים אויסרעכנען – נאך עברות – ער האט נישט געגעסען כשר׳ס – שבת אויך נישט געהאלטען – און ר׳ זיזשע האט שטענדיג געענטפערט – פער דעם קומט נאך זיזשע נישט קיין פאטש.

בסוף האט זיך דער שענקער מודה געווען דאס ער האט א שגץ פון א גויה.

אוי – האט זיך דעמולט אנגערופען – פאר דעם קומט שוין יא זיזשע א פאטש – (הייסט – א ייד וואס האט געטון אזא עברה

איז שוין בכח צו געבען אזא פאטש). שטייט דאך
אין מסכת חגיגה — ~~הבא על נכריה~~ איזהו מעוות
שאינו יכול להתקן זה הבא על הערוה והוליד ממנה ממזר
דאס העלפט קיין תשובה נאר אז דער ממזר געט אוועג פון
דער וועלט. דאס איז די איינציגע ~~תשובה~~ עצה.

האט געפרעגט ר׳ זיזשע וואס טוט דער שגץ — ענטפערט
דער שענקער ער ארבעט אין א וואלד און האקטביימער.
האט ר׳ זיזשע מתפלל געווען און באלד איז געקומען א
ידיעה אז דער שגץ איז געפונען געווארען א טויטער אונטער
א בוים וואס איז אויף אים געפאלען.

דעמולט האט דער שענקער שוין געקענט תשובה טוען

י.פ)　　　　　　　　　　　　יעקב טייטעלבוים

ר׳ הירשעלע טשארטקאווער דער פאטער פון ר׳ שמעלקע
און דעם הפלאה — איז געווען אב בית דין אין טשארטקאוו — א
הייליגער ייד — פון די צדיקים מרא דחושבנא וואס האבען פאר-

צייכנעט אלעס וואס זיי האבען געטון א גאנצען טאג און גענמן א
חשבון מכל שקרה כל היום.

איינמאל אז ר׳ הערשעלע האט נאכגעקוקט וואס ער האט אויפגעטון
דעם טאג האט ער מרגיש געווען דאס ביי א שאלה נדה האט
ער גאר פארזען א תוספות – האט ער שנעל גערופען דעם שמש
ער זאל ~~אנג~~ אנזאגען דער יידינע דאס זיין פסק וואס ער האט
היינט געפסקנ׳עט איז נישט ריכטיג. דער שמש איז באלד צוגעגאנגען
אבער האט זיך באלד אומגעקערט מיט דער בשורה דאס עס
איז שוין געווען צו שפעט. האט זיך ר׳ הירשעלע שטארק
מצער געווען און האט אנגעהויבען צו קלערען וואס האט אים גע-
בראכט צו אזא חטא. האט ער ביי זיך געפועלט – דאס
אזוי ווי דער בעשט ״פרוווט זיינע שטיקלעך״ אין טלוסט – אין גאנצען
א פאר מייל פון טשארטקאוו און ער – ר׳ הירשעלע לאסט אים אזוי
און ער רודפ׳ט אים נישט – דאפאר קומט אים דער עונש.

אזוי אבער ווי ער האט נישט געוואלט דן זיין קיינעם שלא בפניו – און
זיך געוואלט אליין איבערצייגען איז ער געפארען קיין טלוסט זען
דעם {בעשט} [בעש״ט׳ס] דרכים.

איז ער אנגעקומען אין דער פרי – זעט ער ווי דער
בעשט פראוועט צוויי עגונות – ביידע האבען געקלאגט און
געוויינט און געוואלט וויסען ווי זייערע מענער זענען. איז דער
בעשט אריין אין בית הכסא – הארויסגעגאנגען – זיך געוואשען
די הענד און דערנאך געזאגט די ווייבער אז זיי זאלען
גען דארט און דארטען – וועלען זיי שוין געפונען זייערע מענער.

איז ר׳ הירשעלע נאך געווען שטארקער ביי זיך אז ער דארף
רודפ׳ען דעם בעשט – {סטיישט} [סטייטש] – אויף א זאלכע מקומות געט
דער בעשט זוכען רוח הקודש.

אז די ווייבער זענען אוועגעגאנגען – איז דער בעשט צוגע-
גאנגען צו ר׳ הירשעלע און אים געגעבען שלום עליכם – און
אים געזאגט – זייט זיך נישט מצער – איר האט נישט שלעכט
געפסקנ׳עט – איר האט נישט פארזען דעם תוספות – איר
האט זיך נאר טועה געווען אין פשט – איר האט געמיינט דאס לויט דעם
פשט פון תוספות פסקנ׳ט מען אזוי – ניין מען דארף תאקי פסקנ׳ען אזוי ווי איר האט
געפסק׳נט – און האט גענעמען די גמרא און געלערנט מיט אים דעם אמת׳ן פשט. [בגליון: ?]

האט ר׳ הירש זיך אנגערופען: מיר האבען א קבלה אז אותות
{ומופסים} [ומופתים] קען מען אויך מאכען פון יענער זייט אבער תורה איז
דאך אמת

און וואס איר האט געלערנט אין דעם תוספות איז תורת
אמת - <u>שלום עליך רבי ומורי</u>!

ווייס איך שוין דאס אלעס וואס איר מאכט איר מאכט ~~איז~~ מאכט איר {בסיתרא} [בסיטרא]
דקדושא – נאר איין זאך פארשטיי איך נישט – וואס האט איר
געדארפט גען אין אזא מקום זוכען ברוח הקודש. וואו די מענער
געפונען זיך.

ענטפערט אים דער בעש״ט: איך האב געוואוסט דאס זייערע
מענער געפונען זיך אין זייער נידריגע ערטער און בשעת
איך בין {מערער} [מהרהר] בדברי תורה קוק איך נישט אויף
אזאלכע מאוסע פלעצער – אין בית הכסא טור מען
דאך נישט {מערער} [מהרהר] זיין בדברי תורה – האב איך דעמולט
געקענט זען דעם מאוסען פלאץ ווי זיי געפונען זיך יעצט –
האב איך זיי ארויסגעזוכט און דארט געטראפען

י.פ) יעקב טייטעלבוים

דער באיאנער רבי מטשערנאוויץ (ר׳ מנחם נחום) האט דערציילט
אמאל די מעשה.

דער ריזשינער פלעגט פארען שפאצירען אין וואלד און דארט
צו דאווענען מנחה. יעדעס מאל האט ער מיטגענומען אן
אנדערען זין איינמאל איז מיט אים מיטגעפארען דער שטעפענעשטער
אז זיי זענען געקומען צו מַאלַאה נעבען באיאן האט
דער ריזשינער געזעען אז א גוי טראגט א גרויסען פיש.
האט דער ריזשינער געזאגט צו זיין שמש לייב – גע אראפ און
קויף אוועג דעם פיש.

ר׳ לייב האט אבער געזאגט אז ער האט נישט קיין געלד.
ענטפערט אים דער ריזשינער – אויב אזוי גע צו צו דעם
ארענדער און ליי דיר אויס געלד, אבער קויף דעם פיש.

אז דער פיש איז אבגעקויפט ~~געפארען~~ געווארען האט אים
דער ריזשינער גענעמען אין דער האנד און האט אים
לאנג אנגעקוקט – דערנאך האט ער דעם פיש אוועגגעלעגט אונטער
זיינע פיס און איז אהיים געפארען.

און דער שטעפעשטער פלעגט דערצעלען אז ווען דער ריזשינער
האט א דריק געגעבען דעם פיש מיט די פיס האט דער
ער געהערט ווי דער פיש שרייט: אוי וויי מיר! אוי וויי מיר!

אז מען איז אהיימגעקומען נאך סאדאגארא האט דער
ריזשינער געהייסען דאס מען זאל דעם פיש אבקאכען פאר
פרייטאג צו נאכט. אז מען האט דעם פיש געבראכט
צום טיש האט דער ריזשינער געטיילט שיריים צו אלע
זיינע קינדער, און האט אזוי געזאגט: איר ווייסט ווער
דער פיש איז? אין אים איז דא א גילגול פון א

א גרויסען צדיק – דארף מען אים מתקן זיין. איך וואלט אפילו
געזאגט ווער דער צדיק איז אבער דא זיצן זיינע
אייניקעלעך וואס זיי זענען געקומען אויף שבת וויל איך
ניט אז זיי זאלען מבויש ווערען.

י.פ)

*שלום רחמן ממעזריטש*
געהערט פון׳ם באיאנער רבי
געשריבען צו משה נארשען
א באיאנער חסיד

א ~~ווינער~~ ייד איז געפליכטעט פון רוסלאנד נאך עסטערייך. האט ער זיך געענדערט דעם נאמען, אבער על פי טעות האט ער זיך גערופען אויףביידע נעמען. דאס איז געווען א קרימינעלע זאך.

האט מען אים גערופען אין געריכט אריין. ער האט שטארק מורא באקומען און איז געקומען צום אלטען קאפיטשיניצער. האט ער אים אנגעוואונשען און אים געהייסען אז ער זאל געען אין געריכט אין צייט.

דער ייד האט געפאלגט און איז געקומען א ציטערדיגער אין געריכט און געוויזען דאס פאפיר דעם ערשטען בעאמטען וואס איז געזעסען. דער בעאמטער האט אים געשיקט צו א צווייטן און דער צוויטער צו אן אנדערעם. קיינער האט נישט געוואוסט וואס צו טוען מיט אים ביז ער איז געקומען צום העכסטען בעאמטען — האט ער נאכגעקוקט אלע זיינע ביכער און אז ער האט נישט געפונען זיין נאמען האט ער אים געהייסען אהיימגעען.

דערנאך איז ער געקומען צום קאפיטשיניצער און דער ציילט די מעשה

האט דער קאפיטשיניצער זיך אנגערופען: איך האב זיי אלע די קאפ פארדרייט.

י.פ) אברהם ליפע פאפיק

רבנים האבען {מתכן} [מתקן] געוועןדעם קדיש צוליב א <u>סבה</u> [בגליון: ?]

אזוי ווי דער אפטער רב איז געוועןדער הויפט רב און
רבי פון זיין דור האט ער ~~איבערג~~ ממילא געזאגט
דעם קדיש. זיינע קינדער האבען דאן איבעגענומען
דעם מנהג

י.פ) פ. לאנדוי

דער מגיד ווען ער איז לכתחילה געקומען צום בעשט אויף שבת צו באקענען זיך מיט זיין דרך איז נישט אזוי נתפעל געווארען פון זיין קבלה און ~~פוהרעכץ~~ הנהגה. שבת האט ער באשלאסען ער זאל אים פרווען. דער נסיון איז געווען דאס ער וועט טראכטען פון א הארבען תוספות און ער האט געוואלט זען צו דער בעשט וועט מרגיש זיין דארויף.

ביי שלש סעודות האט דער בעשט אנגעהויבען א שמוס וועגען אט דעם ענין פון דעם תוספות.

פון דעמאלט אן איז דער מגיד געווארען פון די הייסטע חסידים פון בעשט.

י.פ) פ. לאנדא

אז דער סאדיגארער רבי איז נפטר געווארען האט
דער טשארטקאווער געוואלט איבערנעמען דאס נשיאות
פון כולל וואלין.

רבנים האבען אבער געפסק'נט אז ווען איינער [??? מילה חסירה]
א מצווה פון צדקה גייט איבער בירושה סיידען דאס איינער
איז מוחזק ח"ו אין רשעות. דאפאר איז דאס נשיאות
איבערגעגאנגען צום באיאנער רבי'ן ר' יצחק פרידמאן.

י.פ) מעזשביזער רבי

קודם פטירתו האט דער אפטער שטארק זיך
דערוויינט אויף די ליידען פון די יידען אים גלות, און
האט געיאמערט דאס משיח קומט נאך נישט.

און האט זיך אנגערופען: דער הייליגער בערדיטשעווער האט געזאגט עדער ער איז נפטר געווארען דאס ווען ער וועט קומען אויף יענעם עולם וועט ער נישט רוען ביז ער וועט פועל'ען ביים רבונו של עולם דאס משיח זאל קומן.{אבען} [אבער] ווען ער איז געקומען אויף יענער עולם האט מען אים אזוי גרויס עמפפאנגען אין די פאלאצען פונ'ם הימעל דאס ער האט פארגעסען אין זיין מיסיע.

איך אבער זאג אייך צו דאס איך וועל נישט פארגעסען.

י.פ) מעזשביזער רבי

עדער ר׳ משה לעלעווער איז אבגעפוהרען קיין ארץ ישראל האט ער זיך געזעגנעט ביים ריזשינער, דעם מאגליניצער רבי און ביים אלטן בעלצער רבי.

ר׳ משה איז געפוהרען {מין} [מיט] אן אייגענעם מנין יידען און איז געפורהען מיט מסירת נפש. די רבי״ס האבען אים לכתחילה נישט געוואלט לאזען פוהרען: ווי אזוי וועט איר קענען איבערלאזען אזא עדה יידן און חסידים אויף הפקר.

עס ~~איז~~ ווערט פונקט 100 יאר הייאר אז דער לעליוועער איז געפוהרען קיין ארץ ישראל.

ער איז געווען סוכות אויף דען שיף און האט נישט געהאט די מעגליכקייט צו באקומען אן אתרוג.

האט דער אלטער בעלצער זיך {געוואונדער} [געוואונדער]: א מאדנע זאך פון א צדיק. ער האט געהאט אזא חביבת הארץ דאס עס האט אים גאר נישט געארט דאס עס פעלט אים אן אתרוג.

אויף דען שיף האט אים געקאסט אסך געלט ער זאל פועל׳ען ביים קאפיטאן — א גרויסער רשע — ער זאל אים ערלויבען צו בויען א סוכה.

י.פ)　　　　　　　　　　　　סאנצער רבי

די אלטע רבי״ס האבען בכלל נישט געהייסען דעם המון פוהרען נאך ארץ ישראל - נאר די יחידי סגולה.

זיי האבען געהאלטען דאס די קדושה פון ארץ ישראל איז אזוי הייליג דאס נאר געהויבענער מענשען קענען פון ארץ ישראל הנאה האבען און פארקערט ארץ ישראל וועט נישט הנאה האבען נאר פון אזאלכע יחידי סגולה.

י.פ) סאנצער רבי

ר׳ שלום איז געווען א ווייטער קרוב פונ׳ם ריזשינער. ער איז געווען
א פראסטער און האט נישט פארנעמען קיין ארט אין
דער חסידישער וועלט. ער האט אבער אויסגעזען פונקט אזוי
ווי דער ריזשינער – אזוי ווייט דאס מען האט אים עטלעכע
מאל פארביטען מיט אים.

איינמאל האט דער ריזשינער געדארפט זיין ביים אפטער.
צופעליגער ווייזע[?] איז דער ר׳ שלום אויך געווען אין יענער געגענד
און איז אנגעקומען א האלבע שעה פאר דעם ריזשינער.
ער איז אריינגעקומען צום אפטער און דער אפטער האט אים
נישט דערקענט – ער איז געזעסען מיט אים און האט געהאלטען
אין איין זיפצען.

אז דער ריזשינער איז ענדליך אנגעקומען האט זיך
דער אפטער גאר מחייה געווען און האט אים געזאגט:
אוי, אוי איר האט מיר גרויס עגמת נפש אנגעטון – פאר א
ווײלע האב איך מורא געהאט דאס איר האט גאר אן
אנדער פנים.

[בגליון: כראנאלאגיש
פאסט איין מעשה
נישט צו דער
אנדערער! (י.פ.)]

דער זעלבער ר׳ שלום איז שפעטער געפארען קיין א״י
און האט באקומען א שטעלע אין א כולל.

צוויי יאר נאך זיין ווײלען אין א״י איז ער געקומען
קיין איירופא און איז געווען ביים אפטער.

האט דער אפטער זיך אנגערופען: זעט, זעט וואס
א געוואלדיגען כח ארץ ישראל האט. זי האט דאך דעם
ר׳ שלום אין גאנצען מחדש געווען. עס איז ממש

בחינת ראש חודש. מאכט׳ס א גרויסער סעודה — פונקט
אזוי ווי ראש חודש.

י.פ) פ. לאנדוי

צום סאנצער רבין דער דברי חיים איז אמאל געקומען
ר׳ ברוך דוד {כהנה} [כהנא] א חשובער חסיד זיך געזעגענען
ווייל ער פוהרט נאך ארץ ישראל.

האט אים דער סאנצער געזאגט: וואס איילט איך
אך אזוי – וואַרטס אויס א ויילע {וויל} [וועל]-+
איך אויך
מיטפוהרען מיט אייך.

אבער שפעטער א יאר איז ער נפטר געווארען.

י.פ) סאנצער רבי

בשעת דער אבטער רב האט געווינט אין יאס האט זיך אים פארגלוסט ער זאל פארען זיך זעען מיט ר׳ ברוך. די גבאים אבער וואס האבען געוואוסט דאס ר׳ ברוך איז זייער א שטרענגער האבען מורא געהאט אז עס וועט קומען צו א מחלוקת ווען ר׳ ברוך וועט הערען דעם אבטער׳ס רב גוזמאות און זעען דאס עסען זיינס (דער אבטער רבי האט געוואלדיג פיל געגעסען)

אבער עס האט גאר נישט געהאלפען — און דער אפטער רב איז געפארען און געקומען אויף שבת צו ר׳ ברוך. ביי נאכט ביים טיש האט מען דערלאנגט לאקשען — א גאנצע שיסעל. ערשט האט דער אבטער רב געגעסען מיט א לעפעל אבער באלד האט ער גענומען די שיסעל ~~און~~ אין די הענד און אנגעהויבען צו עסען פון דער שיסעל.

האט מען מורא געהאט אז דאס מין עסען וועט הארען ר׳ ברוך. ניין! ער האט זיך נאר אנגערופען — זעעט נאר ווי א מענש איז איז {לאוד} [להוט] נאך קרבנות! און שפעטער האט ער אים מכבד געווען צו זאגען תורה.

שבת אין דער פרי האט ר׳ ברוך ווייטער מכבד געווען דעם אבטער צו זאגען תורה.

צו שלש סעודות האט דער אבטער רב נישט געוואלט גייען צום טיש — ער האט געזאגט — איך האב געזאגט תורה פרייטאג צו נאכט און שבת אין דער פרי — איך האב מורא ער וועט מיך נאכאמאל מכבד זיין.

האט אים ר׳ ברוך צוגעזאגט אז ער וועט זאגען תורה אבער ער זאל קומען. איז ער געקומען.

ביי שלש סעודות האט ר׳ ברוך אנגעהויבען צו זאגען ~~זהר~~ א שטיקעל זהר – אבער נאר דעם פראסטען לשון – קיין שום ~~פסק~~ פשט.

נאך דעם בענשען איז דער אפטער רב אהיימגעגאנגען צו זיין שטאנציע – האט ער זיך אנגערופען צו זיין מקורב. ר׳ ברוך האט מיך ממש צערבראכען מיט זיין תורה.

און ר׳ ברוך האט זיך אנגערופען אויף דעם אפטער׳ס גוזמאות: זיין מויל איז א גאלדגעוויכט.

י.פ)

אלעזר זאהן
א מעזשביזשער

דער ריזשינער איז איין מאל געווען ביים אפטער רב.
האט זיך דער אפטער רב אנגערופען צו אים:
איך לערן זהר און איהר לערנט זהר! איך
בין געווען ~~ביים~~ ביי ר׳ ברוך – קען איך אייך
זאגען דאס מיר קענען אפילו די עברי פון׳ם
זהר נישט.

י.פ)

אלעזר זאהן
א מעזשביזשער

בשעת דער ערשטער וועלט מלחמה זענען געווען מסירות
אנטקעגען דעם טשארטקאווער ר׳ ישראל׳נו אז ער העלפט
יידען זיך אויסדרייען פון מיליטער דינסט.

איינמאל קומט צו אים אן אלטער צערבראכענער
ייד וואס וויינט און קלוגט אז זיין זון — ~~אך~~ א בן-יחיד
דארף זיך שטעלען צום מיליטער און דער טשארטקאווער
זאל בעטען פאר אים און זעען א מיטעל ווי אזוי אים
צו ראטעווען.

ענטפערט אים דער טשארטקאווער: עס טוט מיר זייער לייד
וואס איך בין נישט יונגער — זאנסט וואלט איך מיך
אליין געשטעלט אין דינסט פון׳ם {פאטעלאנד} [פאטערלאנד] — איך קען
גאר נישט טוען פאר דיר — זאל דיין זון זיך
שטעלען און ~~דער אייבערשטער~~ זיין א גוטער זאלדאט.

אזוי ווי דער ייד האט דאס דערהערט האט ער
זיך מודה געווען דאס ער איז א פאליציי שפיאן און
איז געקומען צו זוכען עדות אויף די מסירות — אזוי
ווי ער העט געזעען וואס א חכם דער ~~איז~~ טשארטקאווער איז
האט ער {געפלט} [געפילט] ער מוס אויסזאגען דעם אמת וועגען
זיך.

י.פ) יוסף וואהרמאן
הוסיאטינער חסיד

אז דער הוסיאטינער איז אוועגגעפארען פון סאדאגארא
האט ער זיך ערשט באזעצט אין סטריזאוו, דערנאך אין
ניקאלאינצע און דערנאך – נאך עטלעכע יאר האט ער זיך
באזעצט אין הוסיאטין און אויפגעבויט זיין הויף.

בשעת ער איז געווען אין סטריזאוו (אדער ניקאלאינצע)
האט דער הוסיאטינער רבי יא געזאגט תורה.
~~איי~~ ~~ביי די טישען יא ער אנגעהויבען זאגען~~

אויף איין זמן האט ער אנגעהויבען צו זאגען בהמשך
תורה בא יעדען טיש על עשר ~~ספירות~~ ספירות.

האט איינער א ייד – א חכם – געוואלט ווייזען דאס ער קען
אויך עפעס און האט אריינגעווארפען א ווארט זיינער׳ס
בשעת דער רבי האט געזאגט תורה.

פון ~~דעסטמאל~~ דעמולט אן האט דער הוסיאטינער
אויפגעהערט צו זאגען תורה

י.פ)

יוסף וואהרמאן
הוסיאטינער חסיד

סיי דער דגל מחנה אפרים – דער זילקעווער רב,
זיין ברודער ר׳ ברוך און דער אבטער רב
האבען געלעבט אין מעזשביזש ~~צו 12 יאר~~ צו 12 יאר
צייט.

י.פ) אלעזר זאהן
א מעזשביזשער

א דראזשנער נגיד האט ר״ל נישט געהאט קיינע קינדער. איז
ער געגאנגען צום בעשט און געבעטען אויף {רחמניות} [רחמנות]. האט אים
דער בעשט געזאגט אויב דו ווילסט האבען א קינד קענסט דו
האבען ~~אלז~~ אבער דו מוסט זיין גערייט צו זיין אן ארימער מאן.
זיי דיך מיישב מיט דיין ווייב אויב זי באשטייט דארויף.

האט דאס ווייב זיינס צוגעשטימט און ער איז צוריקגעקומען צום
בעשט. האט אים דער בעשט צוגעוואונשען – ער האט געהאט
א בן זכר און באלד געווארען אן ארימער מאן. זיין הויס
איז פארברענט געווארען – די געשעפטען צוגרונד געגאנגען.
ער איז געווארען אזא א קבצן דאס אז דאס קינד
איז אויפגעוואקסען האט ער אים ממש נישט געקענט געבען קיין
שטיקל ברויט.

איז ער געקומען צום בעשט זיך צו באקלוגען. האט אים
דער בעשט געהייסען ארויסגעען אויף דער וועלט – אזוי ווייט אז
מען האט נישט געהערט פון דעם בעשט.

האט ער געפאלגט – גענומען זיין איינציג האב און גוטס – זיין
טלית און תפילין און זיך גענומען אויף דעם וועג.

ער איז געגאנגען פון איין שטעדטעל צום אנדערען. ער פלעגט
אריינגען אין קלויז און זיך צוהערען וואס יידען שמוסען
צווישען זיך – און אז ער האט געהערט אז מען רעדט פונ׳ם
בעשט איז ער ווייטער געגאנגען.

איין מאל טרעפט ער אין א שטעדטעל וואס מען האט שוין
נישט גערעדט פון דעם בעשט. האט ער געוואוסט: דאס זיינער
נסיעה ~~איז~~ וועט שוין באלד זיין פארטיג. אבער ער האט נישט געהאט
וואס צו טוען אין דעם {שטעדטער} [שטעדטעל] איז ער אויך פון דארט
ווייטער געגאנגען. האט זיך געטראפען א שטארקער פראסט און שטורם

און דער ייד האט זיך קוים מיט שווערער מיה צוגעשלעפט צו א
שטעדטעל — עס איז געווען טונקעל — נאר ביי איין הויז האט ער געזען
א ליכט. איז ער צוגעגאנגען און געשטאנען אונטער דער טיר — אבער
מען האט ווייסט אויס נישט געהערט זיין קלאפען. ביז מען האט
צו פעליג {געענטפערט} [געעפענט] א פענסטער און אויסגעגאסען א עמער וואסער.
דאס וואסער איז געפאלען אויף דער באלד צערפרוירענען ייד און
ער האט אזוי געגעבען א ביטערען געשריי אז מען האט ~~געענטפערט~~
געעפנעט די טיר און אים אריינגעלאסט.

האט מען אים שוין {איבעגעטון} [איבערגעטון] די קליידער, געגעבען צום עסען
און געגעבען א געלעגער.

דער בעל בית איז געווען א גביר א ייד און אז דער
ייד האט געפרואווט גיין שלאפען איז דער גביר געזעסען און
געלערנט. דעם ייד האט אנגעהויבען צו געדענקען דאס ער איז אויך
אמאל געווען א גביר — אויך געקענט זיצען ביי זיך אין דער
ווארעמער שטוב און לערנען א בלאט גמרא במנוחה. איז אים ביטער
געווארען ביים הארצען און נישט געקענט גיין שלאפען.

זייט ער ווי עס קומט אריין א יונג ווייבעל — מיט א ביטערען
יעמערליכען געוויין און ער הערט ווי זי טענעט זיך אויס
מיט דעם בעל בית — פארוואס ער זעט נישט קיין בעסערע דאקטוירים
און דער בעל בית פרואווט זיך אנטשולדיגען וואס קען איך
טוען — איך טו אלעס וואס איס נאר מעגליך. און דערנאך איז
זי אוועגגעגאנגען.

דער ייד — וואס האט סיי ווי סיי נישט געקענט שלאפען האט
דאס נישט געלאזט רוען. שטייט ער אויף און פרעגט דעם
בעל בית אויסקונפט וועגען וואס האט פאסירט. האט אים
דער בעל בית נישט געוואלט ענטפערן — עס איס דיין עסק?

אבער דער ייד האט נישט אבגעלאזט – האט אים דער בעל בית דערציילט
דאס דאס ווייבעל איז זיין טאכטער וואס איז שוין פארהייראט
עטלעכע יאר – אין פאלקעמען געזונד. נאר איין צרה איז דא
ווען זי דארף טבילה און גייט אין מקוה ווערד זי קראנק
און עס קומט איר נאכאמול איר צייט – און עס איש שוין עטלכע
יארן אזוי און קיינע דאקטוירים קענען העלפען.

דערציילט אים דער ייד פון דעם בעשט און ראט אים שטארק צו
ער זאל צופארען צו אים. און חאטש דער בעל בית האט קיינמעל
נישט געהערט פון דעם בעשט שטימט ער צו און נעמט מיט
דעם יידן און פארט צום בעשט.

אז זיי זענען געקומען צום בעשט, זאגט דער בעשט צום
גביר – פאר אהיים אבער נעם מיט דען יידן – און איך
וויל אויך שפעטער נאכקומען.

האט דער בעשט מיטגענומען 10 פון זיין {חבריה}[חבריא] און צוגע-
פארען צום גביר׳ס שטעדטעל.

איז דער בעשט געגאנגען אין מקוה מיט זיין {חבריה}[חבריא] און מיט
גענומען א חליף – און עדער ער איז זיך געגאנגען טובל זיין –
זאלען די 10 תלמידים שטענדיג איבערחזרן ״אלעף[?] בית״.

דערנאך איז ער זיך געגאנגען טובל׳ן אין האט זיך {מיטגעטוקן} [מיטגעטונקען]
מיט דעם חלף. און מען האט געזען דאס דאס וואסער
וועד באלט ~~מיטבל~~ פול מיט בלוט. אז דער בעשט איז
ארויס פון דער מקוה האט ער דערציילט דאס אין דער מקוה
זענען געווען שדים וואס האבען דעם ווייבעל געשאדט. אבער
יעצט וועט זיין אלעס אין בעסטער {ארדנוג} [ארדנונג].

אז דער גביר איז געקומען זיך צו באדאנקען – פרעגט
אים דער בעשט: געדענקסט – פאר א יארען {אין} [איז] דיר

(4)

באשערט געווארען צו געפונען א שיף מיט תבואה? ענטפערט
ער יא. וויפיל געלד האסט באקומען פון דעם. ענטפערט ער אים: כמה
וכמה.

נו אויב אזוי גיב דעם ייד אב דאס געלד. בשעת ער איז
ארים געווארען — האט זיך ~~אויף~~ אים געטרופען דאס איינע פון זיינע
שיפען ~~פול מיט תבו~~ מיט תבואה איז פארשוונדען געווארען. דאס
איז געווען זיין שיף. האט ער אזוי געטון און אלע צוויי זענען
געהאלפען געווארען.

דער ייד האט געהאט א קינד און ~~אינע באן[?]~~ צוריק באקומען אטייל
פון זיין אמאליגן פארמעגען. און דער בעל בית איז זיין
טאכטער איז געהיילט געווארען.

י.פ) אלעזר זאהן
א מעזשביזשער

איינמאל האט זיך געטראפען דאס ביים {בעש"ט} [בעש"ט׳ס] קלויז
צו כל נדרי – האט זיך דער חזן באקלאגט צום
בעשט אז עס דאוונעט זיך אים עפעס נישט גוט – ער האט
נישט די ריכטיגע כוונות.

האט אים דער בעשט געזאגט: האלט דיך נאר
אן ביי מיר אים גארטעל וועלסט דו שוין גוט דאווענען.
און פארשטייט זיך אז די תפילות פון דעם חזן
זענען שוין יא געגאנגען גוט.

י.פ) אלעזר זאהן
א מעזשביזשער

אז דער בעשט איז נסתלק געווארען האבען אים
זיינע תלמידים געטובעל׳ט אין מקווה.

אז עס איז געקומען אנצונעמען דעם קאפ און אים
אונטערצוטונקען האט קיינער פון די תלמידים
געוואגט אנצורירן דעם קאפ און צו טובעלע׳ן.
דערציילט מען אז דער בעשט האט זיך אליין אנגעבויגען
און איינגעטונקען דעם קאפ זיינעם

י.פ)

אלעזר זאהן
א מעזשביזשער

ר׳ יצחק ארלעסקער איז געווען דער זון פון ר׳ {הינוך} [העניך] ארלעסקער אן איידעם ביי ר׳ שלום בעלזער <u>{מופסים} [מופתים] פון׳ם ר׳ יצחק, ארלעסקער רבי.</u>

ר׳ פאפיק דערציילט אז זיינע מומע האט נישט געהאט
קיינע קינדער 10 יאר נאך דער חתונה. ר׳ פאפיק׳ס
טאטע [איז] געפארען צום ארלעסקער און ער האט אנגעוואונשען
און זי האט באלד דערנאך געהאט א מיידעל

---

ר׳ פאפיק׳ס טאטע [האט] געהאט א מעדעל חתונה צו מאכען – מען האט
געהאלטען אין א שידוך און צוגעזאגט א נדן פון 200
רייניש. אבער די פרנסה איז זייער געגאנגען ביטער און דער
טאטע האט נישט געקענט צוזאמענשטעלען די 200 רייניש אויף
נדן.

איז ער געפארען צום ר׳ יצחק ארלעסקער און אים דערציילט
די מעשה. און האט אים נאך דערציילט אז אפילו ער ועט נאך
אנבאקען נאך אן אויווען מיט ברויט וועט ער נאך אין גאנצען
פאדינען נאך 32 קרייצער – ~~הייסטעס~~ הייסט עס – אז ער האט
גאר קיין שום אויסזיכטען – צוזאמענצושטעלען די 200 רייניש.

דער רבי האט אים גאר נישט געזאגט: איך ווינש דיר
הצלחה – און דאס איז געווען דאס גאנצע פראוועס –
אבער אז ער איז אהיימגעפארען איז די הצלחה ביי אים
אזוי שטארק געווארען דאס אין א פאר חדשים האט ער
געהאט די 200 רייניש אויף נדן – געקענט אויסקליידען די
גאנצע פאמיליע און נאך דער חתונה האט עז נאך געהאט
300 רייניש עקסטרא אין קעשענע.

---

ר׳ פאפיק׳ס שווער האט געהאט א פראצעס מיט א גוי. איז געפארען צו ר׳ יצחק ארלעסקער.

האט דער שווער ביים פראווען געבעטען דעם ארלעסקער: זייט מתפלל רבי אז דער גוי זאל איינעמען א מיתה משונה — וועט מען פארשפארען צו גען צום פראצעס.

דער רבי האט אבער נאר געענטפערט: איך ווינש דיר הצלחה.

דער שווער איז אהיימעגפארען. ביים פראצעס איז דער שווער באפרייט געווארען אבער דער גוי איז דערנאך געווארען דעם שווער׳ס בעסטער גוטער פריינד אין מסחר — געמאכט מיט אים גרויסע געשעפטען — און דער שווער האט ביי אים אסך פארדינט.

---

י.פ) אברהם ליפע פאפיק

ביי ר׳ יצחק ארלעסקער פלעגט מען שטענדיג טרעפען
ווייבער מיט בחורים וואס זענען ארופ פון׳ם זינען.
זענען זיי אבגעזיסען 6-5 וואכען אין ארלעסק — און דער
רבי פלעגט מיט יעדען בחור יעדען טאג רעדען — און
זיי זענען אהיימגעפארען געזונד.

י.פ) אברהם ליפע פאפיק

ר׳ שלמה איז געווען דער ברודער פון ר׳ יצחק ארלעסקער.
ער האט געוווינט אין סאסאוו ~~אדער זלאטשאוו.~~

ר׳ פאפיק איז אליין געווען דאביי בשעת די מעשה האט פאסירט. ער האט זיך שוין געהאט אבגעפראוועט ווען א יונגער מאן איז אריין מיט א קינד אין די הענד. דאס קינד איז שוין געווען 3-4 יאר אלט און ער האט געוויינט דאס דאס קינד געט נאך נישט. ער האט געלעגט א קראנע אויף דעם טיש. דער רבי האט אים געזאגט: ביסט דאך ערשט געווען נעכטען און איך האב דיר געוואונשען א רפואה שלמה.

דער רבי האט געהייסען דאס קינד שטעלען אויף דעם טיש. ער האט אנגענומען דעם קינד׳ס קני — אנגעהויבען צו דריקען און האלטענדיג דאס קני געטראכט אפשר אויף 5 מינוט.

דערנאך האט ער געהייסען דעם יונגען מאן — אראפלאזען דאס קינד אויף דער פאדאלע — און דאס קינד האט אויף דער ארט אנגעהויבען צו גען.

י.פ)　　　　　　　　　　　　　　　　　　　　אברהם ליפע פָּאפיק

וועז דער בעשט איז געקומען נאך מעזשביזש איז געווען
די שטאדט פול מיט מתנגדים אבער גרויסע לומדים.

דער ראש פון די מתנגדים איז געווען א ייד אן עושר וואס האט
געהאט א טאכטער. איז די טאכטער שטארק שלאף גיווארען און אלעס
וואס דאקטוירים האבען געפרוווט טוען האט גאר נישט געהאלפען.

זענען ווייבער געקומען צו זיין פרוי און האבען איר געראטען
דאס מען זאל געען צום בעשט — אפשר וועט ער קענען העלפען.

האט דאס ווייב געפועלט ביי איר מאן דאס ער זאל געען צום
בעשט — אבער אזוי [ווי] ער האט זיך געשעמט פאר זיין חברים — די מתנגדים
איז ער צום בעשט געגאנגען שפעט ביי נאכט.

ער האט דערציילט דעם בעשט די מעשה פון זיין טאכטער׳ס שלאפקייט
און דער בעשט האט אים גאר נישט געזאגט — נאר אז ער ~~וועט~~
זאל אהיים געען און אז ער — דער בעשט וועט זיין ביי אים
מארגען.

~~מארגען איז דער בעשט~~

דער ייד איז געווען זייער אויפגערעגט — מצד אחד האט ער זיך
געשעמט פאר דער חברה מתנגדים פון וועמען ער איז געווען דער
ראש — אבער אין דער זעלבער צייט האט ער מורא געהאט צו זאגען
דעם בעשט אז ער זאל נישט קומען צו אים אין שטוב אריין.

צו מארגענס איז דער בעשט געקומען צו אים אין דער היים
צוגעגאנגען צום קראנקען בעט און אנגעוואנשין דער טאכטער:
איך ווינש דיר א רפואה שלמה פון גן עדן און איז אהיימגעגאנגען.

דער ייד זייענדיג אן עושר — האט ביינאכט שטענדיג געהאט
צוויי שומרים — בשעת איינער איז געשלאפען איז דער אנדערער
געווען וואך און אלע פאר שעה האבען זיך די שומרים

געביטען. אין דער נאכט נאך דעם טאג וואס דער בעשט איז געווען ביי זיי אין דערהיים — האט זיך אין מיטען ביי נאכט אויפגעמאט די טיר. (כאטש די טיר איז געווען פאריגעלט) און עס קומט אריין א ייד — וואס האט אויסגעקוקט ווי א בעל עגלה. אין איין האנד האט ער געהאט א בייטש אין דער אנדערער האנד א ~~פלעשל~~ בלומע. דער ייד איז צוגעגאנגען צו דער קראנקען און איר א זאג געטון: גיב א שמעק פון דער ~~פלאש~~ בלום זי האט אים געפאלגט און דער בעל עגלה האט איר צוגעזאגט אז מארגען ביי נאכט וועט ער נאכאמאל קומען.

דער ייד האט זיך שטארק דערשראקען — האט אויפגעוועקט דעם אנדערען שומר און דערציילט אים די מעשה. אבער זיי האבען באלד געזען א שינוי פאר א בעסערונג ביי ~~פון׳ם~~ דעם מעדעל. אין דער פרי האבען זיי דערציילט וואס עס האט געטראפען דעם פאטער — און ער האט שוין נישט געקוקט וואס די שטאדט מתנגדים וועלען זאגען איז באלד צוגעלאפען צום בעשט און אים דערציילט די מעשה.

האט אים דער בעשט געזאגט אז דער ייד וועט נאכאמאל קומען היינט ביי נאכט וועלס אים אנזאגען אז ער זאל צוקומען צו מיר.

די נאכט איז געווען דאס זעלבע. דער ייד איז נאכאמאל געקומען — געגעבען דעם מעדעל א שמעק פון דער בלום ~~פלאש~~ און מען האט געזען א שינוי פאר בעסערונג. דער פאטער פון דעם מעדעל האט דעם ייד ~~געהי~~ אנגעזאגט וואס דער בעשט האט אים געבעטען און ער איז ארויס.

אין דער פרי איז דער פאטער געקומען צום בעשט און דער בעשט האט אים געהייסען זיצען און האט אים דערציילט ווער דער ייד איז:

דער ייד איז כל ימיו געווען אן בעל עגלה — א גרויסער

חוטאני׳ק אבער – אבגעטון כל עבירות שבעולם. אמאל איז ער
געפארען אין דעם וואלד מיט זיין וואגען – האט ער געזעען א יידן
הענגען אויף א בוים. האט ער צוגעפירט דעם וואגען אונטער
דען בוים – אבגעשניטען דעם יידן וואס איז אריינגעפאלען אין
דעם וואגען פון היי – אוועגגעפירט אין {שטעדטען} [שטעדטעל] און מען האט
אפגעראטעוועט דעם יידן און ער איז געבליבען לעבען.

אז דער בעל עגלה איז געשטארבען {אן} [און] געקומען צום בית דין
של מעלה, זענען אלע ~~מלאכי~~ מלאכי חבלה געקומען און אנגעוויזען
{א} [אז] זיי זענען באשאפען געווארען פון דער עבירה – דער פון דער.

אבער נאך דעם איז געקומען מלאך גבריאל אליין און דערציילט די
מעשה ווי דער בעל עגלה האט געראטעוועט דעם יידן פון א זיכערען טויט.
האט מען באשלאסען די עבירות אוועגלעגען אויף איין וָואגשאָל און דעם
וואגען און פערד מיט וואס ער האט געראטעוועט דעם יידען אויף דער
אנדערער וָואגשאָל – און עס איז געווען גלייך אויף גלייך.

האט מען נישט געוואוסט וואס צו טוען – אין גהנם שיקען
קען מען נישט – ער האט דאך פארט געראטעוואט נפש אחת מישראל
און אים גן עדן אויך נישט – די עבירות זיינע קענען מען נישט
גלאט וואו אוועקמאכען מיט דער האנד. האט מען באשלאסען אים
צו מאכען א שמש פון דעם גן עדן – און ווען מען דארף
שיקען א רפואה פון׳ם גן עדן שיקט מען דעם בעל
עגלה.

האט דער בעשט אויסגעלאזט: דאס איז געווען דער
ייד וואס איז געווען ביי דיין טאכטער.

י.פ)

אברהם ליפע פאפיק
געהערט פון ר׳ אלעזר זאהן
א מעזשביזשער

מען איז אמאל געקומען צו ר׳ ישראל שלום יוסף העשל דעם מעזשביזשער רבי וועגען א מקשה לילד. האט ער אנגעוואונשען אז זי זאל געהאלפען ווערדען. דערנאך האט ער זיך אונגערופען: עס איז א סגולה פאר א מקשה לילד אז מען זאל געען שפאצירען און דערציילען א מעשה. האט ער גענומען זיינע 2[?] מקורבים און זיי דערציילט די פאלגענדע מעשה.

אין א שטעדטעל האט געלעבט א פריץ א רשע מרושע. ער פלעגט טוען וואס ער וויל און קיינער האט נישט געוואגט זיך אנטקעגנשטעלן צו אים. ער פלעגט למשל שטייען ביי דער מקוה און געווארט אז די ווייבער זאלען ארויסגעען פון דער טבילה און זיי צוחאפען פאר זיינע בייזע וועגען.

איינמאל האט ער אזוי געחאפט א יונג ווייבעל ביי דער מקוה און זי געצוואונגען צו קומען צו אים אין שלאס. פלוצלינג האט מען אים אוועגגערופען — האט ער דאס ווייבעל נאקעט אויסגעטון זי זאל נישט קענען אוועגלויפען און האט זי פארשלאסען אין א שטוב. דאס וויבעל איז געווען אויסער זיך. האט זי באמערקט אז עס איז דא א באלקאן וואס איז געבליבען אפען און פון דארטען קען מען אראפשפרינגען. זי איז געווען גערייט צו וואגען דעם גרויסען שפרונג — אבער זי איז דאך א נאקעטע — האט זי גענומען א קאלדערע — ארומגעוויקעלט — אראפגעשפרונגען און דער עבערשטער האט איר געהאלפען אז ~~זיל~~ זי זאל זיך ראטעווען.

זי איז געקומען צו איר מאן און אים דערציילט די מעשה. ער האט איר אבער נישט געגלויבט חאטש זי האט זיך גאשווירען דאס דער פריץ האט אפילו נישט דערשפייט זי אנצורירן.

ער האט איר געזאגט דאס ער וואל נישט מער ווינען מיט איר – אבער
ער איז פארט געווען שטארק אויפגערעגט און דאפאר באשלאסען אוועגצולויפען.
די שטאדט וואו ער האט געוווינט איז געווען אן האפען און ער האט
זיך געוואלט איינשיפען און ווייט, ווייט אוועגפארען.

ווארטענדיג אויף א שיף זעט ער דעם פריץ לויפענדיג
ווי א ווילדער – שלאגענדיק זיך דעם קאפ. דער ייד האט
אים געקענט – פרעגט ער אים וואס עס האט פאסירט –
דערציילט דער פריץ אים די מעשה. אז עס ארט אים
נישט דאס ווייבעל וואס איז אוועגעלאפען חאטש ער האט זי אפילו
נישט אנגערירט – אבער אין דער קאלדערע וואס זי האט צוגענומען
איז געווען איינגענייט זיין גאנץ פארמעגען.

דער ייד איז געווארען מלא ~~מלא~~ שמחה – ספעציעל אז
ער האט געהערט דאס זיין ווייב האט געזאגט דעם אמת. ער איז
צוריגגעגאנגען צו איר – זי מפייס געווען און אז זיי האבען
אויפגעשניטען די קאלדערער האבען זיי תאקי געפונען א ממון קרח.

פונקט ווי דער מעזשביזשער האט פארענדיגט די מעשה
~~הא~~ איז מען אים אנטקעגען געקומען מיט דער בשורה
אז עס איז געבוירען געווארען א בן זכר.

י.פ)　　　　　　　　　　אברהם ליפע פאפיק

דעם אבטער׳ס באציאונג צו ארץ ישראל

ווען דער אפטער רב האט אוועגעשיקט געלד נאך ארץ ישראל איז געווען אזא שמחה ביי אים דאס ער האט אנגעטון א שטריימעל.

י.פ) קאפיטשינער רבי

דער אוהב ישראל איז געווען נשיא פון דעם וואלינער כולל. ער האט אבער דען כולל איבעגעגעבען דעם ריזשינער.

זינקיווער חסדים זענען אפילו געווען ברוגז דאס די ארץ ישראל'דיקע געלטן וואס ווערן געזאמעלט אין אוקראינע ווערען איבערגעשיקט קיין סאדיגארא און באיאן.

דער מעזשביזשער רבי ר' ישראל שלום יוסף העשל האט געשיקט דאס געלט קיין באיאן. ער האט אבער געהאט די פריווילעגיע צוצושיקען א צעטל פון מענשען אין ארץ ישראל פאר וועמען דאס געלט זאל געען.

צום אפטער איז אמאל געקומען א חשובער ייד אויף סוכות. בא נאכט צום עסען האט ער געזען דאס עס זענען נישט דא קיין אנדער אורחים האט ער זיך געזעצט נעבען דעם אפטער. האט דער אפטער אים געהייסען זיך ארופ-רוקען. דער ייד האט זיך שטארק געוואונדערט און אז ער האט אים געפרעגט פארוואס האט אים דער אפטער געענטפערט – דאס דער פלאץ איז פאר די געהויבענע געסט די אושפיזין.

דער ייד האט געבעטען דאס ער וואלט געטון אלס אין דער וועלט ער זאל זיי זען. האט אים דער אפטער געענטפערט דאס דאס איז נאר באפשרות אבער ער זאל אויף זיך נעמען דאס ער וועט דארפען באלד שטארבען. דער ייד איז איינגעגאנגען אויף דעם אויסטויש.

דער אפטער האט א מאך געטון מיט זיי פאטשיילע און דער ייד האט געזען די אושפיזין. באלד דאנאך איז ער טאקי געשטראבען.

זאגט מען ווייל ער האט זוכה געווען צו זען אושפיזין און אויף זיך גענומען אזא קרבן האט דער אפטער פון דעמולט אנגעהויבען צו זאגען קדיש פאר ~~נאך~~ כגוונא.

**י.פ)** **מאניסטרישטשער רבי**

איינמאל האט דער אפטער רב נישט געהאט קיין אתרוג אויף סוכות. אין דער לעצטער מיניט האט זיך געראווועט[ ?] א ייד מיט א פרעכטיגען אתרוג און האט אים געגעבען א מתנה דעם אפטער.

ער איז אבער באלד שטארק שלאף געווארען, און איז געשטארבען. אויף דען טויטן בעט האט אים דער אפטער צוגעזאגט דאס ער און זיינע קינדער וועט נאך אים זאגען קדיש, און האט אויסגעקלובען דעם קדיש נאך כגוונא.

**י.פ)** **מעזשביזשער רבי**

דער בראדער רב ר׳ אברהם מענדעל שטיינבערג – האט
דערציילט דאס דער חידושי הרי״ם איז געפארען אמאל
צום ריזשינער – און האט מיט זיך מיטגענאמען רבנים מפורסמים
פון פוילען.

אז ער איז געקומען צום ריזשינער פרעגט אים דער
ריזשינער: עס איז אמת דאס מען מאכט אין ווארשא
א שטראס?
ענטפערט אים דער חידושי הרי״ם: יא!
דער ריזשינער: מען ארבעט די שטראס מיט גוים אדער מיט
יידען?
דער רי״ם: מיט יידן!
דער ריזשינער: א שטראס קען מען נישט בויען נאר
מיט יידען. ״וארח צדיקים כאור נגה״ (משלי ד׳, 18.)
און ער האט דעם פסוק עטלעכע מאל איבערגעחזר׳ט.

אז דער רים האט זיך געזעגנעט און איז ארויסגע-
גאנגען האט ער געלעגט אן ~~אך~~ נאסען ~~האנט~~ דאנדטוך [האנטוך]
ארום דען קאפ און האט זיך אנגערופען צו די
פוילישע גדולים וואס זענען מיט אים מיטגעפארען:
איר האט ~~זיכענ~~ זעכער נישט פארשטאנען אבער ער
האט מיט מיר איבעגעחזרט א האלבען פרי עץ חיים.

יעקב טייטעלבוים　　　　　　　　　　　　　　　　י.פ)

דער בראדער רב הרב אברהם מענדעל שטיינבערג האט אמאל דערצעלט אז דער בעש״ט האט געזאגט אויף ר׳ חיים צאנזער – מחכמי בראד – אז ער האט געהאט די נשמת ר׳ יוחנן בן זכאי.

ר׳ יוחנן בן זכאי האט זיין גאנצען לעבן נישט געהאט קיין איינציגען חטא – נאר איין חטא האט ער געהאט פאר זיין פטירה ווען ער האט געוויינט (ברכות – כח ע״ב ״כשחלה ר׳ יוחנן בן זכאי נכנסו תלמידיו כיון שראה אותם התחיל לבכות...) איז ער נאכאמאל געבוירען געווארען אין דער געשטאלט פון ר׳ חיים צאנזער אזוי צו מתקן זיין דעם חטא.

עס איז צו באמערקען דאס אין דעם בראדער פנקס שטעט געשריבען דאס איידער זיין פטירה האט ר׳ חיים צאנזער געלאזט רופען א באנד קלעזמער צו שפילען מוזיק – און עס זאלל זיין שמחה בשעת זיין פטירה.

י.פ)    יעקב טייטעלבוים

דער בראדער רב הרב אברהם מענדעל שטיינבערג – א ~~טשארטקאווער~~ סאדאגארער חסיד האט דערציילט:

איינמאל איז ר׳ יצחק האמבורגער געווען אין דער זעלבער שטאדט ווי דער בעשט איז געזעסען. עס איז געווען דער ערשטער טאג סוכות און עס האט אזוי געגאסען דער רעגען דאס מען האט נישט געקענט ~~מקיין~~ מקיים זיין מצות סוכה.

האט מען אים געזאגט דאס אין בעשט׳ס סוכה רעגענט עס נישט און אז חסידים זינגען און טענצין און זענען מקיים מצות סוכה בהרחבה.

איז ער צוגעגאנגען און אזוי איז תאקע געווען – מען האט געקענט זיצין. ר׳ יצחק האמבורגער האט געמאכט קידוש און {מקיין} [מקיים] געווען אכילת ~~כזית סוכה~~ כזית בסוכה – און די חסידים האבען זיך געלעבט א גוטען טאג – געטאנצט און געזונגען.

אז ער האט אבגעגעסען איז ער באלד אוואגגעגאנגען. האבען אים חסידים געפרעגט – סטייטש וואס אנטלויפלט איר שוין. האט ער געענטפערט: במושב לצים לא אשב.

דער בראדער רב האט אויסגעפירט: זעט וואס דאס הייסט א {מתנגיד} [מתנגד] – ער האט בייגעוווינט אזא {מופס} [מופת] און דערנאך ערלויבט ער זיך אזא ווארט צו זאגען

י.פ) יעקב טייטעלבוים